STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06005

VOS IZ AZOYNS YIDISHKAYT?

Jacob Bobinsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וואָס איז אַזוינס יידישקייט

י. באַבינסקי

וואָס איז אזוינס יידישקייט?
און אַנדערע עסייען

▼

אַרויסגעגעבן פון מחבר
שיקאַגאָ, 1940

Copyright, 1940.
by
J. BOBINSKY
CHICAGO, ILL.

Printed in U. S. A.

Posy Shoulson Press, 19 West 21st Street, New York 255

אינהאַלט־פאַרצייכעניש

●

פאָרוואָרט .... 10 — 7

I וואָס איז יידישקייט ? .... 79 — 13

II דער זין פון לעבן און שלימות .... 108—89

III דער מקור פון מאָראַל .... 136—111

IV טעזיסן פאר א רעליגיעזן סאָציאַליזם .... 153—139

V פרינציפן דערקלערונג פון דער יידישער
רעליגיעז־עטישער געזעלשאַפט .... 167—157

פאָרוואָרט

יידישקייט איז אַ רעליגיעזע דיסציפּלין, וועלכע האָט אין משך פון צייט דורכגעמאַכט אַ לאַנגן פּראָצעס פון אַנטוויקלונג. פילע ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען סיי אין דעם באַנעם און אויסטייטש פון די רעליגיעזע עיקרים און סיי אין די דינים און מנהגים אין וועלכע דער יידישער לעבנס שטייגער האָט זיך אָפּגעפורעמט. אָבער, טראָץ אַלע שינויים פאַרמאָגט יידישקייט גרונט־פּרינציפּן, וועלכע האָבן זיך ניט געענדערט די גאַנצע צייט. אַלע אויסבעסערונגען וואָס דאַרפן געמאַכט ווערן מוזן זיך געפינען אין הסכם מיט די גרונט־פּרינציפּן פון יידישן וועלט באַנעם.

אין דעם ערשטן עסיי „וואָס איז יידישקייט" ? האָט דער מחבר זיך באַמיט אָנצואווייזן די הויפּט־עיקרים פון יידישקייט ווי אויך די אַלגעמיינע ריכטונג אין וועלכער די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון יידישקייט דאַרף גיין. גלייכצייטיק ווערן אָנגעדייט די טעותים וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון די פאַרשידענע ריכטונגען אין יידנטום וועלכע האָבן (לויטן מחברס מיינונג) שלעכט אויפגעפאַסט דעם מהות פון יידישקייט און האָבן ניט באַגריפן ווי אזוי דער אַנטוויקלונגס פּראָצעס פון יידישקייט דאַרף פאָרקומען.

די עסייען „דער מקור פון מאָראַל” און „טעזיסן פאַר אַ רעליגיעזן סאָציאַליזם” זיינען אַ פּאַרזוך אָנצו־ווענדן די גרונט־פּרינציפּן פון יידישקייט אין דער באַ־האַנדלונג פון די צוויי קעגנשטאַנדן „מאָראַל” און „סאָ־ציאַליזם”.

אין דעם עסיי „וואָס איז דער זין פון לעבן?” איז דער מחבר אויסן צו באַווייזן: ערשטנס, אַז עס ליגט אין דער נאַטור פון מענטשן צו שטרעבן צו שלימות, ד. ה., אַז אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכן שאַפן שטעלט זיך דער מענטש ניט צופרידן מיט דעם וואָס ער האָט שוין דערגרייכט, נאָר ער האַלט כסדר אין שטרעבן צו אַלץ העכערע מדרגות, נענטער צו א פּער־פעקטן מצב; צווייטנס, אַז הגם דער מענטש האָט נאָך דערווייל די שלימות ניט דערגרייכט, ליגט עס אָבער אין דער נאַטור פון דעם מענטשן צו גלויבן, אַז די דאָזיקע שלימות צו וועלכער ער שטרעבט איז באמת אַווירקלעכקייט און ניט בלויז א פוסטע פאַנטאַזיע. דער זין פון מענטשלעכן לעבן באַשטייט אין אָט דער זיכערקייט, אַז דורך דעם שטענדיקן אָנגעשטרענגטן שטרעבן צו העכערס האַלט זיך דער מענטש כסדר אין דערנענטערן צו שלימות.

מיר וועלן דאָ נאָך צוגעבן, אַז דער באַגריף שלימות איז אידענטיש מיטן באַגריף גאָט, מחמת נאָר אויף גאָט וועלכער ווערט באַטראַכט אַלס אַן אבסאָלוט אומבאַ־גרעניצט וועזן (אין סוף) קאָן אָנגעווענדט ווערן דער

באַגריף שלימות אָדער פּערפעקציע. יעדע זאַך וואָס איז באַגרעניצט דורך עפּעס אַנדערש, איז דורך דעם גופא ניט פּערפעקט.

אין פאַרלויף פון יידישן דיאספּאָרע לעבן, האָבן יידן געמוזט קעמפן ניט נאָר מיט די אויסערלעכע שונאים וועלכע האָבן אונדז תמיד געוואָלט פאַרניכטן, נאָר דעם עיקר קאַמף איז אונדז אַלעמאָל אויסגעקומען צו פירן מיטן אינערלעכן שונא, ד. ה. מיט די יענעקע צווישן אונדז, וועלכע זיינען אַזוי פאַרבלענדט געוואָרן פון גלאַנץ פון די אַרומיקע קולטורן פון די פעלקער, צווישן וועלכע מיר האָבן זיך געפונען, אַז זיי האָבן מער ניט געזען די גרויסע ווערטן פון אונדזער אייגענער קולטור. אין אונדזער צייט געפינט זיך דאָס יידיש פאָלק אינערלעך אין אַ זייער אָפּגעשוואַכטן מצב. גלייכצייטיק מאַכן מיר אַדורך אַ פּעריאָד פון שרעקלעכע פאַרפאָלגונגען מצד פון די אויסערלעכע שונאים. אין אַזאַ שווערער צייט איז אונדזער פליכט ניט נאָר צו קעמפן אויף דעם אויסערלעכן פראָנט, נאָר בעיקר דאַרפן מיר באַפעסטיקן אונדזערע אינערלעכע גייסטיקע פּאָזיציעס פון וועלכע מיר זאָלן קאָנען באַשיצן אונדזער פאָלק און פאַרזיכערן זיין ווייטערדיקן קיום. מיט אָט דער כוונה אין זינען האָט דער מחבר באַשלאָסן צו פאַרעפנטלעכן דעם ספר.

דער מחבר באַטראַכט די דאָזיקע ארבעט בלויז אַלס אַן התחלה. ער ווייסט, אַז ער האָט בלויז אָנגע־

רירט דעם ענין. נאָך זייער פיל ארבעט דארף אויף דעם געביט געטאָן ווערן סיי אין דער טיף סיי אין דער ברייט, און ער וויל האָפן, אַז אנדערע וואָס פאַרמאָגן מער וויסן און באַזיצן בעסערע פייאיקייטן וועלן זיך נעמען פאַר דער וויכטיקער ארבעט.

צום סוף וויל איך אויסדריקן מיין האַרציקן דאַנק צו מיינע פריינט דר. מ. פינקל און אבא גאָרדין פאַר לייענען דעם מאַנוסקריפּט און פאר די פיל שפּראכלעכע און געדאַנקלעכע אויסבעסערונגען וואָס זיי האָבן פאָר־געשלאָגן און וועלכע זיינען אינקאָרפּאָרירט אין דער אַרבעט.

I

וואָס איז יידישקייט?

וואָס איז יידישקייט?

1

אויידער מיר וועלן פּרובירן ענט־פערן אויף דער פראַגע, וועלכע מיר האָבן זיך געשטעלט אין דער איצטיקער אַרבעט: וואָס איז יידישקייט, — דאַרפן מיר זיך קלאָר מאַכן, צי עס איז בכלל מעגלעך צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער שאלה מיט איין תשובה.

די שוועריקייט איז אַ טאָפּלטע. ערשטנס, האָט יידישקייט הינטער זיך אַ דריי טויזנט יאָריקע געשיכטע, און אין משך פון דער גאַנצער צייט האָלטן זיך די באַגריפן וועגן יידישקייט אין כסדרדיקן בייטן, אַזוי אַרום, אַז ווען מיר פאַרגלייכן די באַגריפן וועגן יידישקייט פון פריערדיקע פּעריאָדן, למשל, פון דער שופטים פּעריאָדע, אָדער פון בית ראשון פּעריאָד מיט די באַגריפן וועגן יידישקייט פון בית שני אָדער פון אונדזער צייט, געפינען מיר אַז זיי זיינען פאַרשיידן אין אַזויפיל פּרטים, הן טעאָרעטיש און הן פּראַקטיש, אַז עס פרעגט זיך, צי איז בכלל פאַראַן אַזאַ איינהייט־לעכער פּרינציפּ אָדער פּרינציפּן, וואָס זאָלן אַרומנעמען אַלע שינויים, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין משך פון אַזאַ לאַנגער צייט.

צווייטנס, היות ווי אין יעדן דור זיינען פאַראַן פּאַרטייען און גרופּירונגען מיט ווידערשפּרעכנדיקע באַגריפן וועגן יידישקייט, וואָס קעמפן זייער שטאַרק איינע קעגן דער אַנדערער (למשל, דער

שטרייט צווישן די כהנים און נביאים, צדוקים און פרושים וכדומה, אין דער פאַרגאַנגענהייט, און דאָס האַמפּערן זיך צווישן די פאַרשיידענע פּאַרטייען און ריכטונגען בנוגע דעם באַגריף יידישקייט אין אונדזער צייט) שטעלט זיך די פראַגע צי איז בכלל מעגלעך צו געבן איין ענטפער אויפן דאָזיקן פּראָבלעם. אפשר איז יידישקייט ניט קיין איינהייטלעכע זאַך, און דעריבער ווערט זיך פאָדערן מער ווי איין ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע לויט די פאַרשיידענע פעריאָדן אין דער יידישער געשיכטע און לויט די פאַרשיידענע שיטות אין יעדער פעריאָדע.

דער תירוץ אויף דער ערשטער שאלה איז: אַ זאַך קאָן דורכמאַכן אַ כסדרדיקן פּראָצעס פון אַנטוויקלונג און דאָך, אין תוך, בלייבן איינע און די זעלביקע זאַך. מיר וועלן דאָס אילוסטרירן מיט צוויי ביישפּילן. דער מענטש, ביז ער האָט דערגרייכט זיין איצטיקן מצב פון קולטור און ציוויליזאַציע, האָט דורכגעמאַכט אַ פּראָצעס פון אַנטוויקלונג אָדער פאַרענדערונג אין אַ משך פון אַ סך טויזנטער יאָרן. ביי די פּרימיטיווע שבטים, וועלכע מיר טרעפן נאָך היינט אין די ווילדע געגנטן פון אויסטראַליע, אפריקע וכדומה, אַנטדעקן מיר דעם קולטור מצב אין וועלכן די מענטשהייט בכלל האָט זיך געפונען אין דעם גאָר גרויען פאַרצייטנס. און ווען מיר פאַרגלייכן אַ היינטיקן ציוויליזירטן מענטשן מיט אַ מענטשן פון אַ גאָר פּרימיטיוון שבט, מוזן מיר זיי ביידן, טראָץ דעם וואָס זיי זיינען אזוי אַנדערש איינער פון אַנדערן, סיי אין זייערע באַגריפן און סיי אין זייערע אויפפירונגען, פונדעסטוועגן קלאַסיפיצירן אַלס מענטשן, דאָס הייסט, מיר אנערקענען, אַז אין תוך גענומען פאַרמאָגן זיי ביידע די זעלביקע אייגנשאַפטן. די אַנדערשקייטן צווישן זיי זיינען בלויז די אויסערלעכע סימנים, און הגם זיי זיינען זייער וויכטיק, — רירן זיי פאָרט ניט אָן דעם אינערלעכן מהות פון דעם מין מענטש.

נאָך אַ ביישפּיל, פון אַן אַנדער ספערע פון מענטשלעכן דענקען, וואָס ברענגט אַרויס דעם דאָזיקן פּונקט, ליפערט אונדז די רעליגיע. עס איז ידוע, אַז רעליגיע איז איינע פון די גאָר ערשטע מענטשלעכע אינסטיטוציעס. עס איז אויך קיין ספק ניט, אַז אָנהייבנדיק מיט די ערשטע רעליגיעזע פאָרמען, ווי דער טאָטעמיזם, און קומענדיק צו די היינטיקע ריין־מאָנאָטעאיסטישע אויפפאַסונגען, האָט דער רעליגיעזער געדאַנק דורכגעמאַכט אַ לאַנגן אַנטוויקלונגס פּראָצעס. אויבנאויף גענומען ווייזט אויס, אַז צווישן די פּרימיטיווע און היינטיקע רעליגיעזע השגות און קולטן איז כמעט קיין ענלעכקייט ניט פאַראַן, באַווייזט אָבער דער בע־וואוסטער געלערנטער עמיל דורקהיים אין זיין ווערק „עלעמענ־טאַרע פאָרמען פון רעליגיעזן לעבן״, אַז שוין ביי די פּרימיטיווסטע קאָנצעפּציעס פון רעליגיע געפינען מיר גרונט באַגריפן, וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר רעליגיע בכלל אין אַלע אירע מאַ־ניפעסטאַציעס, אפילו ביי די העכסט אַנטוויקלטע.

ווען ער באַהאַנדלט דעם באַגריף נשמה ביי די גאָר פּרימי־טיווע שבטים, קומט דורקהיים צום פאָלגענדן שלוס (דאָרט, זייט 240 אין דער ענגלישער איבערזעצונג) „אַקוראַט ווי עס איז ניט באַקאַנט קיין שום געזעלשאַפט אָן אַ רעליגיע, אַזוי איז ניט פאַראַן קיין שום געזעלשאַפט ווי פּרימיטיוו זי זאָל ניט זיין אָרגאַניזירט, וואו מיר געפינען ניט אַ גאַנצן סיסטעם פון קאָלעקטיווע פאָרשטע־לונגען מכוח דער נשמה, איר אַנטשטייאונג און איר שיקזאַל. אויף ווי ווייט מיר קאָנען אורטיילן פון די פעסטגעשטעלטע עטנאָלאָגי־שע ידיעות, ווייזט אויס, אַז דער באַגריף נשמה עקזיסטירט גלייכ־צייטיק מיט דער מענטשהייט גופא, און עס ווייזט אויך אויס, אַז גלייך אין אָנהייב זיינען אַלע אירע פונדאַמענטאַלע כאַראַקטער שטריכן געווען אַזוי גוט פאָרמולירט, אַז די אַרבעט פון די מער פאָרגעשריטענע רעליגיעס און פון דער פילאָזאָפיע איז

פאַקטיש באַגרענעצט צום לייטערן דעם דאָזיקן באַגריף, אין דער זעלבער צייט ניט צוגעבנדיק קיין זאַך וואָס איזווירקלעך פונדאַמענטאַל״.

דערפון זעט מען קלאָר, אַז עס זיינען פאַראַן זאַכן, קעגנשטאַנדן און באַגריפן, וועלכע פאַרבלייבן אין זייער תוך די זעלביקע, הגם זייערע אויסערלעכע אויסדרוקס־פאָרמען בייטן זיך און פאַרפיינערן זיך, — אָדער אַמאָל אפילו פאַרערגערן זיי זיך. עס איז די אויפגאַבע פון דעם געלערנטן אויסצופאָרשן די גרונטעלעמענטן, וועלכע גיבן דעם קעגנשטאַנד אָדער דעם באַגריף זיין שטענדיקן כאַראַקטער, און זיי אויסצושיילן פון די פאַרבייגייענדיקע אויסערלעכע פאָרמען, וועלכע באַגלייטן זיי אַלע מאָל.

און בנוגע די צוויי באַגריפן „מענטש״ און „רעליגיע״, וועלכע מיר האָבן גענוצט אין אונדזער צוויטער אילוסטראַציע, האָבן די פאָרשער זיך באַמיט פעסטצושטעלן אַזוי פּינקטלעך ווי מעגלעך זייערע סימנים מובהקים.

דאָס זעלביקע איז ריכטיק בנוגע דעם פּראָבלעם פון יידישקייט. דער פאַקט, וואָס יידן האָבן דורכגעמאַכט אַן אומאונטערבראָכענע געשיכטע פון אַריבער דריי טויזנט יאָר, בלויז דער פאַקט אַליין, אָט דער לאַנגיאָריקער המשך, גיט אונדז אַ רעכט אָנצונעמען די סברה, אַז מסתמא געפינען זיך אין דער יידישקייט אַזעלכע גרונט־פּרינציפּן און גרונט־באַגריפן, וועלכע האָבן מעגלעך געמאַכט אַזאַ לאַנגע קאָנטינואיטעט. בפרט נאָך, ווען מען נעמט אין אַנבאַטראַכט דעם אויסערגעוויינלעכן כאַראַקטער פון דער דאָזיקער געשיכטע, די טאַטזאַך, וואָס די יידן האָבן די מערסטע צייט פון זייער עקזיסטענץ געלעבט אין גלות צווישן אַנדערע פעלקער, אַן אַ לאַנד, אַן אַ מלוכה, אונטער די שווערסטע אומגינסטיקע באַדינגונגען. (זייער קיום אונטער אַזעלכע אומשטענדן איז באמת אַ וואונדער). מעגן מיר אוודאי צולאָזן די דאָזיקע

סברה, און זיך באַמיען פעסטצושטעלן, וואָס אַזוינס איז יידישקייט, דאָס הייסט, וועלכע תוכיקע באַגריפן און פרינציפּן זיינען עס די דאָזיקע וואָס האָבן געגעבן די יידן זייער אייגנאַרטיקייט און געשאָנקען זיי דעם כוח דורכצולעבן אַזאַ שווערע און לאַנגע געשיכטע.

די צווייטע שאלה וועט פאַרענטפערט ווערן דעמאָלט, ווען מיר וועלן קלאָר מאַכן דעם חילוק צווישן דעם וואָס יידישקייט איז און וואָס יידישקייט דאַרף זיין. אין יעדן דור עקזיסטירן פאַרשיידענע באַגריפן, וועלכע קומען צייטנווייז צום אויסדרוק אין גאַנצע שטרעמונגען, מכוח דעם וואָס יידישקייט דאַרף זיין. בלויז די געשיכטע באַשטימט וואָס יידישקייט איז.

יעדער ייד איז באַרעכטיקט צו זיינע מיינונגען וועגן יידישקייט. ער האָט אויך אַ רעכט — עס ליגט אויף אים אפילו אַ פליכט — צו באַאיינפלוסן אַנדערע מיט זיינע געדאַנקען און אויף אַזאַ אופן זיך אָנשטרענגען צו ווירקן אויף דעם אנטוויקלונגס־גאַנג פון דער יידישער אידעאָלאָגיע. אָבער בלויז די צייט פּסקנט וועלכע אידייען און שטרעמונגען זאָלן פאַרבלייבן די שטענדיקע, ווירקזאַמע פאַקטאָרן אין דער ווייטערדיקער עוואָלוציע פון יידישקייט. למשל, אין לאַנגן קאַמף צווישן די כהנישע און נביאישע אויפפאַסונגען וועגן יידישער רעליגיע און קולט, האָט ענדלעך (מיטן חורבן פון בית שני) געזיגט דער נביאימשער באַנעם. פון דעם ווערט ממילא קלאָר, אַז בלויז פון אַ היסטאָרישן שטאַנדפונקט קאָן מען געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס איז יידישקייט, ד"ה, דעם ענטפער אויף דעם דאָזיקן פּראָבלעם וועלן מיר געפינען בלויז דעמאָלט ווען מיר וועלן פּרובירן היסטאָריש פעסטשטעלן וואָס איז דער אייגנאַרטיקער יידישער בייטראָג צום מענטשלעכן געדאַנק בכלל.

2

ווילן מיר אויסגעפינען דעם אייגנאַרטיקן כאַראַקטער פון א זאַך פון אַ געוויסער קאַטעגאָריע, דאַרפן מיר אונטערזוכן איר אַנדערשקייט, ד״ה, מיר דאַרפן אויסגעפינען מיט וואָס די געוויסע זאַך איז אַנדערש פון די אַנדערע זאַכן פון דער זעלביקער קאַ־טעגאָריע, איר אייגנאַרטיקייט באַשטייט אין די ווייניקע פרטים מיט וועלכע זי איז אַנדערש פון די איבעריקע זאַכן. למשל, אין די מערסטע פרטים איז דער מענטש ענלעך אויף אַנדערע לעבע־דיקע באַשעפענישן, ווי בהמות און חיות, סיי בנוגע די עלעמענטן פון וואָס זייערע קערפּערס זיינען געבויט, סיי אין זייערע קערפּער־לעכע פונקציעס און סיי אין אַ סך פון זייערע באַדערפענישן. די אייגנאַרטיקייט פון מענטשן באַשטייט אין די פרטים מיט וואָס ער איז אַנדערש פון די איבעריקע אַנימאַלן. געלערנטע באַצייכענען די דאָזיקע פרטים מיטן טערמין „כוח המחשבה״. אָט אין דעם באַשטייט דער יתרון פון דעם מענטשן, מיט דעם צייכנט ער זיך אויס פון די אַנדערע לעבעדיקע ברואים, וואָס פאַרמאָגן ניט דעם דאָזיקן כוח.

דאָס זעלביקע ווען מיר ווילן אויסגעפינען דעם אייגנאַרטיקן כאַראַקטער פון יידישקייט, דאַרפן מיר אים ניט זוכן אין די פרטים פון ענלעכקייט, סימילאַריטעט, נאָר אין די פרטים פון אַנדערש־קייט, דיססימילאַריטעט, דאָס הייסט, מיר דאַרפן פּרובירן פעסט־שטעלן אויף וועלכן געביט פון מענטשלעכן שאַפן, און אין וועלכע פרטים פון דאָזיקן געביט, האָבן זיך די יידן אויסגעצייכנט אין זייער אויפטאָן, לגבי די אויפטואונגען פון אַנדערע מענטשלעכע גרופּירונגען.

אגב אורחא, ווילן מיר דאָ באַמערקן, אַז אין דאָזיקן זין מעג יעדעס פאָלק זאָגן זיין אייגענעם „אתה בחרתנו מכל העמים״ און דערביי ניט זינדיקן מיטן שאָוויניזם פון נאַציִשן טיפּ. יעדעס פאָלק מעג און דאַרף קלאָר פעסטשטעלן, וואָס איז זיין אייגנאַרטיקער ביישטייער צו דער מענטשלעכע קולטור. אין אַנדערע ווערטער, מיט וואָס ער צייכנט זיך אויס פון אַנדערע פעלקער. די אויסצייכענונג וועגן וועלכער מיר רעדן דאָ, מיינט ניט, אַז דערפאַר, וואָס אַ געוויס פאָלק צייכנט זיך אויס אויף אַ וואָסער עס איז געביט, קומט אים דערפאַר וועלכע עס איז פּריווילעגיע; עס באַטייט בלויז, אַז אין אַ וועלכן עס איז זין איז יעדעס פאָלק אַנדערש, און ברענגט זיין אייגענעם ביישטייער צום אוצר פון דער וועלט קולטור, מיט וועלכן אַלע באַנוצן זיך. אין דאָזיקן זין דאַרף אויך פאַרשטאַנען ווערן אונדזער אייגענער יידישער אתה בחרתנו.

איידער מיר ווילן געבן אונדזער אייגענעם ענטפער אויף דער פראַגע: וואָס איז יידישקייט? — ווילן מיר צוערשט אָפּפרעגן אַ געוויסע מיינונג וואָס איז ברייט פאַרשפּרייט צווישן כמעט אַלע ריכטונגען אין יידנטום; די מיינונג, אַז יידישקייט איז דער עיקר שטייגער פון לעבן. לויט אונדזער אָפּשאַצונג נאָך איז די דאָזיקע מיינונג טעאָרעטיש נישט אויסגעהאַלטן און פּראַקטיש איז זי שעדלעך.

ביי פרומע יידן וואָס זיינען מסכים מיט דער דאָזיקער מיינונג, דריקט זיך דאָס אויס אין אָפּהיטן אַלע דינים און מנהגים לויטן שולחן ערוך. ביי די ווייניקער פרומע, פון דעם ליבעראַלן שניט, וואָס האַלטן זיך אָן דער דאָזיקער מיינונג, זיינען די מצוות ווייניקער, זיי אָריענטירן זיך דערהויפּט אויף דורכפירן אַ רעליגיעזן צערעמאָניאַל בנוגע טיף איינגעוואָרצלטע געוואוינהייטן פון פאָלקס לעבן, ווי ימים טובים, חתונות, בריתן וכדומה. אויך ביי די וועלט־

לעכע גרופּירונגען, וועלכע האָבן זיך אינגאַנצן דערווייטערט פון דער ייִדישער רעליגיע, מערקן מיר די דאָזיקע מיינונג. זיי האַלטן, אַז אַ שפּראַך איז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר ביים אויפהאַלטן אַ ייִדישן לעבנס־שטייגער. דעריבער ליגן זיי גרויס געוויכט אויף לערנען די שפּראַך, שטודירן די ליטעראַטור, פּרעסע, גיין אין טעאַטער, אָנפירן געזאַנג וכדומה. די ייִדישיסטן און העברייאיסטן פון דער וועלטלעכער ריכטונג גייען זיך פונאַדער בלויז בנוגע וועלכע שפּראַך — העברייאיש צי ייִדיש — איז און דאַרף זיין די נאַציאָנאַלע שפּראַך; אין זייער וועלטלעכן באַנעם פון ייִדישקייט זיינען זיי אייניק.

די אַלע ריכטונגען, פון עקסטרעם רעכט ביז עקסטרעם לינקס, הגם זיי זיינען צווישן זיך שטאַרק מחולק וועגן דעם סאָרט מצוות וואָס מען דאַרף אָפּהיטן, בכדי אויפצוהאַלטן אַ ייִדישן לעבנס־שטייגער, זיינען זיי אָבער אַלע גלייך אין אָט דעם פּרט; ביי זיי שפּילן די הויפּט ראָלע געוויסע מעשים, דאָס אָפּהיטן פון די אָדער יענע מצוות, דאָס פּראַקטיצירן פון דעם אָדער יענעם ריטואַל, דעם אינהאַלט, דאָס הייסט, די אידייע, דעם טעם פאַרוואָס מען זאָל טאָן די אָדער יענע זאַך, דאָס שפּילט ביי זיי גאָר אַ קליינע ראָלע אָדער גאָר קיין ראָלע ניט.

די דאָזיקע מיינונג שטאַמט נאָך פון גאָר אַלטע צייטן. אין מדרש (פּתיחתא דאיכה רבתי) ווערט די דאָזיקע מיינונג קלאָר אַרויסגעזאָגט אין פאָלגענדן מאמר:

„אותי עזבו ואת תורתי לא שמרו” (ירמיה ט״ז י״א) זאָגט דער מדרש: „הלוואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו”...

דאָס הייסט: גאָט, דער מקור פון דער תורה, דער העכסטער אידעאַל וואָס גיט אינהאַלט און זין צו אַלץ אין דער וועלט, דעם מענטשן און זיינע מעשים אַריינגערעכנט, אָן אים מעג מען אינגאַנצן פאַרגעסן, אַבי מען היט אָפּ בלינדערהייט די מצוות פון

דער תורה. און עד היום באַנוצן זיך וואויל־מיינענדיקע רעליגיע־זע יידן פון אַלע שאַטירונגען מיטן דאָזיקן דרוש צו דערקלערן און באַרעכטיקן זייער שטאַנדפּונקט.

ווילן מיר קודם כל באַמערקן, אַז מיר אַנערקענען די וויכטיקייט פון מצוות, מנהגים, שפּראַך, קורץ, פון לעבנס שטייגער. מיר זיינען פעסט איבערצייגט, אַז יעדע טיף איבערגעלעבטע אידייע אָדער באַגריף, וואָס בירגערט זיך איין אין אַ מענטשנס באַוואוסטזיין, דריקט זיך סוף כל סוף אויס אין געוויסע מעשים. די אידייע איז דער טרייב־מאָטיוו, דער לעבעדיקער כוח וואָס פאַראורזאַכט די טאַט. די מעשים זיינען די אויסערלעכע פאָרמען אין וועלכע די אידייע קאָנקרעטיזירט זיך. אין דער פּראַקטיק קאָן מען אָן אַ לעבנס־שטייגער ניט אויסקומען, קיין אָרגאַניזירטע פאָרמע פון צוזאַמענלעבן איז אָן דעם ניט מעגלעך.

דאָס איז אַלץ גערעדט, ווען די אויסערלעכע פאָרמען גייען צוזאַמען און זיינען פאַרבונדן מיט דער אידייע, מיטן לעבעדיקן כוח פון וואַנען זיי שעפּן זייער הויות. קוים אָבער ווערן זיי אָפּגעטיילט פון זייער לעבעדיקן מקור, קאָנען זיי מעגליך, פאַר אַ צייט אָנהאַלטן זייער ווירקונג דורך דעם כוח פון געוואוינהייט; סוף כל סוף פאַרלירן זיי אָבער זייער ווערט און זיי בלייבן ווי אַ טויטער קערפּער אָן אַ נשמה.

און טאַקע איבער דעם טעם, קאָנען מיר ניט אָננעמען די סברה, אַז יידישקייט איז דער עיקר שטייגער פון לעבן. אויסערלעכע אויסדרוקס־פאָרמען, אָפּגעריסן פון זייער לעבעדיקן קוואַל קאָנען ניט דערקלערן דעם תוכיקן כאַראַקטער פון אַזאַ זאַך ווי יידישקייט, וואָס האַלט זיך אָן אַן אייגנאַרטיקע קאָנטינואיטעט אַריבער דריי טויזנט יאָר. דעם תוך פון יידישקייט מוזן מיר זוכן טיפער; אין איר גייסטיקן מהות, אין דער אידייע.

אַ לעבנס שטייגער קאָן אויך זיין אַ פּועל יוצא פון אויסער־לעכע אָביעקטיווע פיזישע כוחות איבער וועלכע מיר האָבן קיין דעה ניט, ווי קלימאַטישע, געאָגראַפישע באַדינגונגען וכדומה. למשל, אין הייסן קלימאט וועט די שפּייז און קליידונג זיין אַנ־דערש ווי אין אַ קאַלטן קלימאַט, און פון דעם פאַלגן אַ סך שינויים אין לעבנס שטייגער. היות ווי יידן לעבן אונטער פאַר־שיידענע אָביעקטיווע באַדינגונגען, געפינען מיר טאַקע שינויים פון דעם מין אין זייער לעבנס שטייגער. אָבער, אין דעם פּרט זיינען די יידן ניט אַנדערש פון דער איבעריקער באַפעלקערונג צווישן וועלכע זיי לעבן. אַלע ווערן באַווירקט גלייך. און מיר געפינען טאַקע, אַז אַ באַדייטנדיקער טייל פון יידישן לעבנס שטיי־גער, סיי אין רעליגיעזע און סיי אין סעקולערע אָנגעלעגנהייטן זיינען שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער אַרומיקער סביבה אין וועלכער זיי געפינען זיך, אַזוי ווי מיר האָבן נאָר וואָס גע־זען, אַז דער תוך פון יידישקייט באַשטייט אין דעם יידישער אַנ־דערשקייט, מוזן מיר דעריבער אָננעמען, אַז די אייגנאַרטיקייט ליגט אין אַן אינערלעכן מהות. די אויסערלעכע אָביעקטיווע באַדינגונ־גען שפּילן דערביי בלויז אַ סעקונדאַרע ראָלע אָדער גאָר קיין ראָלע ניט.

3

איצט וועלן מיר פרואוון באַווייזן די שעדלעכקייט פון דער דאָזיקער לעבנס־שטייגער־הנחה, ווען זי ווערט אָנגעווענדט אין פּראַקטישן לעבן. געזעלשאַפטלעכע פאָרמען פון צוזאַמענלעבן, אַזוי ווי אַלץ אין דער וועלט, האַלטן זיך כסדר אין אַנטוויקלען. אין דאָזיקן אַנטוויקלונגס פּראָצעס אַרבעטן צוויי כוחות: אַ שאַפנדיקער כוח און דער כוח פון אינערציע. דער שאַפנדיקער כוח שטרעבט כסדר צו עפּעס נייס. דער כוח פון אינערציע, דאָס איז דער קאָנסערוואַטיווער עלעמענט, באַמיט זיך צו קאָנסאָלי־דירן און באַפעסטיקן דאָס שוין געשאַפענע. די גייסטיקע כוחות אין מענטשן, וואָס זיינען קיינמאָל ניט צופרידן מיט דאָס שוין דערגרייכטע, וואָס שטרעבן כסדר צו עפּעס העכערס און בעסערס דורך באַזייטיקן עקזיסטירנדיקע חסרונות, דאָס זיינען די שאַפנדיקע אָדער דינאַמישע כוחות, וועלכע זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן מענטשלעכן פּראָגרעס. דער מענטש פאַרמאָגט אויך כוחות פון אַ סטאַטישן כאַראַקטער, דאָס זיינען די קאָנסערוואַטיווע כוחות, וועל־כע באַמיען זיך צו באַפעסטיקן די שוין דערוואָרבענע פּאָזיציעס. ביידע עלעמענטן זיינען וויכטיקע פאַקטאָרן אין דעם פּראָצעס פון מענטשלעכער ענטוויקלונג. הגם זיי זיינען אין תוך פאַרשידן איינער פון צווייטן, זיינען אָבער פאַראַן צייטן ווען דער קאָנ־סערוואַטיווער כוח העלפט און דערגאַנצט די ארבעט פון שאפנ־דיקן כוח. דאָס פאַסירט געוויינטלעך נאָך דעם ווי עס קומט פאָר אַ באַדייטנדער נייער אויפטו אין דער מענטשלעכער געשיכטע. דאָס ווערט דערגרייכט דורך דעם, וואָס דער נייער אויפטו ווערט איינגעבירגערט אין מענטשלעכן צוזאַמענלעבן דורך פעסט איינגע־

פונדעועטע אינסטיטוציעס, דינים, מנהגים וכדומה, ד. ה. דורך א נייעם לעבנס שטייגער. למשל, נאָך דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווען די פריצישע הערשאפט איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, האָט זיך דער נייער אויפטו געגוויטיקט אין צייט צו קאָנטראָלירן און באַפעסטיקן די ניי־דערוואָרבענע דעמאָקראַטישע פּאָזיציעס, דערביי האָבן די קאָנסערוואַטיווע כחות אין מענטשן געהאָלפן און דערגענצט די ארבעט פון די שאפנדיקע כחות, נאָך דעם ווי די שאַפנדע כוחות זאַמלען אָן נייע אידייען און אידעאַלן, מוזן זיי קומען אין קאָנפליקט מיטן עטאַבלירטן שטייגער, וואָס איז שוין איצט, אין ליכט פון די נייע אידייען, געוואָרן אַלט און אָפּגעלעבט. וויטערדיקער פאָרשריט ווערט געמאכט, ווען די שאַפנדע כחות זיינען גובר די קאָנסערוואַטיווע כחות. בדרך כלל, איז דאָס דער גאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע, וואָס האָלט זיך אין כסדרדיקן איבערחזרן. אָבער יעדע נייע איבערחזרונג איז דאָס רוב אויף א העכערער פלאַך.

איידער א אידייע איז בכוח צו ווירקן אויפן לעבנס־שטייגער, ד. ה. צו שאַפן נייע אָדער מאָדיפיצירן אַלטע לעבנס פאָרמען, מוז זי צוערשט אָנגענומען ווערן פון א באדייטנדער צאָל מיטגלידער פון דער גרופע אין וועלכער די דאָזיקע אידייע דאַרף ווירקן. דאָס נעמט געוויינטלעך א לענגערע צייט. איידער די נייע אידייע בירגערט זיך איין, קומט איר אויס צו פירן א ביטערן קאַמף מיט די אלטע אידייען. בעת דעם דאָזיקן קאַמף, ווען די קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן דערפילן, אז זייערע געדאַנקלעכע יסודות הויבן זיך אָן שאָקלען פון די קלעפּ וואָס זיי באַקומען פון דער נייער אידייע, פּרובירן זיי צו באַפעסטיקן זייערע פּאָזיציעס דורכן לעבנס שטייגער, ד. ה. דורך דאָס שטארק איינשטעלן זיך פאַר די הייליקייט פון די עקזיסטירנדע אינסטיטוציעס, דינים, מנהגים וכדומה, ניט רעכענדיק זיך מיט זייער גייסטיקן אדער אידייאישן מקור.

זיי כאַפּן זיך אָן דעם מיטל צוליב צוויי טעמים. ערשטנס, מחמת עס איז לייכטער אויף אַזאַ אופן אָנצופירן דעם קאַמף. מען קאָן דורך געוואַלט צווינגען דעם צווייטן אָפּצוהיטן געוויסע מצוות, מען קאָן דאָס אָבער ניט טאָן בנוגע אידייען. צווייטנס, זיינען אינסטיטוציעס, מצוות א. א. וו., ממשותדיקע זאַכן, קאָן מען מיט זיי לייכטער אָפּערירן ווי מיט אידייען, פאַרן ברייטן עולם איז א סך גרינגער צו באַגרייפן אַ קאַמף וועגן קאָנקרעטע זאַכן איידער א קאַמף וועגן אידייען.

אין דעם קאָנסערוואַטיוון לאַגער געפינען זיך געווייִנטלעך די עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט וואָס געניסן געוויסע פּריווילע־גיעס פון דער אַלטער אָרדנונג. זיי זיינען די ערשטע וואָס כאַפּן זיך פאַרן דאָזיקן מיטל, מחמת זייערע מאַטעריעלע אינטערעסן זיינען דירעקט פאַרבונדן מיטן אַלטן לעבנס שטייגער.

די שעדלעכקייט פון דער דאָזיקער „שטייגער־הנהה" באַשטייט דער עיקר אין דעם „אותי עזבו". אויף וויפיל דער מענטש פאַר־לאָזט גאָט, דעם מקור פון אַלע אידעאַלן, לויט דער רעליגיעזער אויפפאַסונג, אָדער דעם אידעאַל, לויט דער וועלטלעכער רעליגיע־זער אויפפאַסונג, אויף אזוי פיל זינקט ער אַראָפּ צום אנימאַלן לעבנס מצב; מחמת דער יתרון פון מענטשן איבער דער חיה באַשטייט אין דעם, וואָס ער פאַרמאָגט אַ גאָט אָדער אַ אידעאַל, און סוף כל סוף אָן גאָט פאַרלירט דער „תורתי שמרו" זיין ווערט אפילו אלס אַן אויפהאַלט מיטל. לכתחילה, א דאַנק דעם כח פון געוואוינ־הייט, איז פאַר אַ קורצער צייט מעגלעך אויפצוהאַלטן דעם אלטן לעבנס שטייגער, אבער, וואָס מער דער שטייגער דערווייטערט זיך פון דעם אידעאַלן מקור, אלץ מעכאַנישער ווערט ער, ביז ער ווערט אינגאַנצן ווערטלאָז.

אַזאַ פּראָצעס מאַכן מיר איצט דורך אין אונדזער אידישער געשיכטע. כידוע, זיינען רעליגיעזע אידעאַלן געווען די וויכ־

טיקסטע פאַקטאָרן אין אידישן שאַפן. זיי האָבן כמעט אינגאנצן באַאײנפלוסט דעם יידישן לעבנסשטייגער, מיטן שנעלן וואוקס פון דער מאָדערנער וויסנשאפט, האָבן זיך אַנטוויקלט נייע אידייען וועלכע קומען אין קאָנפליקט, אין געוויסע פרטים, מיט אָנגענומענע באַגריפן בנוגע גאָט, תורת משה וכדומה. ביי אונדז האָט זיך דער דאָזיקער קאָנפליקט אָנגעהויבן מיט דער השכלה פעריאָדע, אזוי שנעל ווי אונדזערע קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן האָבן דער־פילט דעם דרוק פון די נייע אידייען, האָבן זיי זיך גלייך געכאפט פאר דעם שעדלעכן „הלואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו" מיטל, כדי צו באַפעסטיקן זייערע רעליגיעזע פּאָזיציעס. אנשטאָט אָנ־צופירן א ריין אידייאישן קאַמף קעגן די נייע טענדענצן, און דערביי אריינברענגען פרישע אידייאישע כחות אין אידנטום, האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט ארויסגעבן נייע גזרות כדי צו פאַרשטארקן דעם אַלטן לעבנסשטייגער, אנשטאָט צו רעווידירן די אייגענע אָנגענומענע רעליגיעזע מיינונגען און זוכן אן אופן ווי אזוי צו אַדאַפּטירן דאָס, וואָס לאָזט זיך ניט אָפּפרעגן פון די נייע אידייען און דערביי ניט מקריב זיין מיטן תמצית פון יידישקייט, האָבן זיי אפילו ניט געמאַכט קיין פאַרזוך זיך גרינטלעך צו באַקענען מיט די נייע אויפטואונגען פון דער וויסנשאפט.

ווען מיר באַטראַכטן דעם איצטיקן מצב פון אידישקייט, דערזעען מיר די שעדלעכע רעזולטאַטן וואָס דער דאָזיקער קאָנ־סערוואַטיווער דרך האָט פאַראורזאַכט. דער אומקאָמפּראָמיסלע־כער קאַמף פאַר אַ מעכאַנישן רעליגיעזן לעבנסשטייגער האָט פאַר־טריבן אַ סך גוטמיינענדיקע יידן אין דעם אַנטי־ אָדער אַ־רעליגיעזן לאַגער פון די פאַרשידענע וועלטלעכע ריכטונגען אין יידנטום. גאָר אַ סך פון אונדזערע וועלטלעכע יידן זיינען באמת אינערלעך רעליגיעז, זייער טעות באשטייט בלויז אין דעם, וואָס זיי פאַר־מישן רעליגיעזע פאָרמען מיט רעליגיעזע באַגריפן, היות ווי זיי

קאָנען מער ניט אָפּהיטן געוויסע דינים פון שולחן ערוך, מיינען זיי, אַז זיי זיינען אַנטי־רעליגיעז. דער טעות איז אַ פּועל יוצא פון אַ דערציאונג, וואָס האָט פאַרנאַכלעסיקט דעם עיקר פון רעליגיע. דער סדר הלימוד איז באַשטאַנען דער עיקר אין תורה, פון ריין רעליגיעזע לימודים וואָס האָבן צו טאָן מיט די עקרים פון דער יידישער אמונה, אירע פילאָזאָפישע גרונטלאגן, די געשיכטע און אַנטוויקלונג פון רעליגיע בכלל און פון דער יידישער רעליגיע בפרט וכדומה איז קיין זכר ניט געווען. אפילו אויף סתם וועלטלעכע לימודים האָט מען געקוקט קרום. ביי אַזאַ מין חינוך איז די אמונה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טויטע דאָגמעס און דער רעליגיעזער לעבנסשטייגער אין א מעכאַנישן ריטואַל. דערפון נעמט זיך דאָס וואָס אַ סך יידן וועלכע זיינען בטבע רעליגיעז פילנדע מענטשן, האָבן זיך אינגאַנצן דערווייטערט פון דער יידישער רעליגיע. שולדיק אין דעם איז דאָס וואָס זייער מאָדערנע דערציאונג קאָן זיך ניט אריינפּאַסן אין די ראַמען פון אַ פאַרגליווערטן יידנטום.

דער ערגסטער חסרון פון דעם דאָזיקן דרך באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט אָפּגעשוואַכט די אינערלעכע רעליגיעזע גע־פילן אפילו ביי די יידן וואָס האַלטן זי נאָך בייםן שולחן ערוך. אַ דערציאונג, וואָס גיט ניט דעם געדאַנק די פרייע מעגלעכקייט צו פאַרשן און זיך פאַרטיפן אין די יסודות פון דער אמונה, מוז סוף כל סוף פירן צו אַן אָפּשוואַכונג פון די רעליגיעז־שעפערישע כוחות, און דאָס פירט ממילא צו אַן אָפּשוואַכונג פון די אינער־לעכע רעליגיעזע געפילן. דער פּועל יוצא פון דעם איז, אַז ביסלעכווייז פאַרלירט דער רעליגיעזער לעבנסשטייגער אַלץ מער זיין אינערלעכן ווערט און באַדייט. די דינים און מנהגים ווערן אָפּגעהיט מער פון געוואוינהייט איידער פון אַן אינערלעכן רע־ליגיעזן טרייב, ווען די אינערלעכע רעליגיעזע כוחות ווערן אָפּגע־

שוואַכט, ווערט ממילא אָפּגעשוואַכט דער איינפלוס אויף דעם יידישן לעבן בכלל פון די יעניקע, וועלכע האַלטן זיך ביי אַזאַ פאַרגליווערטן רעליגיעזן לעבנססטייגער.

דערמיט דערקלערט זיך טאַקע, פאַרוואָס די אָרטאָדאָקסיע האָט אַזאַ שוואַכע השפעה אויפן יידישן לעבן אין אַלגעמיין, הגם דאָס רוב יידן אידענטיפיצירן זיך רעליגיעז מיט דער אָרטאָדאָקסיע, פונדעסטוועגן איז די ווירקונג פון די אָרטאָדאָקסישע רעליגיעזע פאָרשטייער זייער מינימאַל, אויף אַזוי ווייט ווי דאָס רוב יידן לעבן זיך אויס רעליגיעז, טוען זיי דאָס אין און דורך אָרטאָדאָק־סישע אינסטיטוציעס, זיי דאַוונען אין אָרטאָדאָקסישע שולן און בתי מדרשים, זיי באַנוצן זיך מיט זייערע רעליגיעזע פאָרשטייער און מיט זייער רעליגיעזן ריטואַל ביי אויסערגעוויינלעכע פאַלן, ווי ביי חתונות, בר־מצוות, לויות וכדומה, אָבער אויפן טאָג־טעגלעכן לעבן איז זייער איינפלוס זייער אומבאַדייטנד. די צאָל יידן וואָס היטן אָפּ דעם שולחן ערוך לויט די פּרינציפּיעלע פאָ־דערונגען פון דער אָרטאָדאָקסיע איז זייער קליין, ניט נאָר ווערט דער שולחן ערוך פאַרנאַכלעסיקט ביי סתם יידן אין זייער אַלטעגלעכן לעבן, נאָר אפילו אין די אָרטאָדאָקסישע אָפיציעלע רעליגיעזע אינסטיטוציעס איז מען בפרהסיה עובר אויף דינים פון דער תורה און מען מאַכט דערפון קיין ווזן ניט. דאָס איז א פועל יוצא פון אינערלעכער רעליגיעזער אָפּגעשוואַכטקייט. לויט זייער צאָל וואָלט די אָרטאָדאָקסיע געדאַרפט שפּילן די הויפּט ראָלע סיי אין אינערלעכן רעליגיעזן לעבן און סיי אויסערלעך, אין די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אָנגעלעגנהייטן פון דער יידנ־שאַפט. זיי טוען דאָס ניט, אַ דאַנק דער שעדלעכער דערציאונג וואָס זיי באַקומען, וואָס שטאַמט פון דער „לעבנשטייגער־הנחה“ בנוגע יידישקייט. מחמת דעם זיינען זיי געבליבן אי־נערלעך אָפּגעשוואַכט אין זייער אמונה און אויסערלעך איז די מאָדערנע קולטור זיי געבליבן פרעמד.

אגב אורחא ווילן מיר דאָ באַמערקן, אז טראָץ אירע חסרונות, איז די אָרטאָדאָקסיע דאָך די ריכטונג אין יידנטום, וואָס פאַר־מאָגט אין זיך די פּאָטענציעלע כוחות פאַר א רעליגיעזן רענעסאַנס, מחמת די חסרונות וואָס מיר האָבן אויסגערעכנט זיינען ניט פון דעם מין וואָס רירן אָן די עיקרים פון רעליגיע. זיי שוואַכן בלויז צייטווייליק אָפּ די אינערלעכע רעליגיעזע געפילן און מחמת דעם ווערט זייער השפעה אויפן יידישן לעבן געמינערט; דער לעבן איז אָבער שטאַרקער פון די געקינצלטע (הגם גוט געמיינטע) סייגים און גדרים, וואָס אומדזערע צו קאָנסערוואַטיווע פירער האָבן געשאַפן כדי צו באַפעסטיקן די יידישן רעליגיע. דאָס רוב פון יידישן פאָלק, הגם ער היט מער ניט אָפּ די דאָזיקע סייגים און גדרים, איז ער נאָך אָבער אין זיין תוך רעליגיעז, און ער וועט מסתמא געפינען אַזעלכע אויסדרוקס פאָרמען אין לעבן, וואָס וועלן זיין אין הסכם מיט זיינע אינערלעכע געפילן.

דערמיט דערקלערט זיך אויך נאָך א טרויעריקע דערשיינונג אין יידישן לעבן; דאָס וואָס אזוי פיל יידן, גלייך ווי זיי זיינען אריבערגעקומען אין אמעריקע אָדער אין ענלעכע פרייע לענדער, האָבן מיט איינמאָל אזוי לייכט פון זיך ארונטערגעוואָרפן דעם גאַנצן עול המצוות און זיינען געוואָרן גלייכגילטיק צו אַלע העכערע קולטור ווערטן. די אורזאַך איז די וועלכע מיר האָבן אָנגעדייט, ביי אָפּגעשוואַכטע אינערלעכע רעליגיעזע געפילן פאַרלירן די מצוות זייער באַדייט, און דעריבער האָבן זיך די עמיגראַנטן ביי דער ערשטער געלעגנהייט געקאָנט לייכט אָפּזאָגן פון זיי. דורך דעם וואָס זיי האָבן פאַרלאָרן זייער אייגענע רעליגיעזע דיס־ציפּלין, און דערביי ניט אויפגענומען קיין קולטור־ווערטן פון דעם מאָדערנעם רעליגיעזן טיפּ, זיינען זיי געפאַלן סיי אַלס יידן און סיי אַלס מענטשן.

פון דעם אַלעם איז געדרונגען, אַז דער פּסוק איז גערעכט און ניט דער דרש, „אותי עזבו ואת תורתי לא שמרו", ווען מען פאַרלאָזט גאָט וועט מען סוף כל סוף פאַרלאָזן זיין תורה. דער דרש „הלואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו" איז קודם כל טעאָרעטיש ניט אויסגעהאַלטן, דער הויפּט חסרון זיינער ווייזט זיך ארויס ווען מען ווענדט אים אָן אין דער פּראַקטיק. ווי מיר האָבן געזען זיינען די רעזולטאַטן שוידערלעך.

בדרך כלל, קאָן די זעלביקע קריטיק אָנגעווענדט ווערן קעגן די ליבעראַלע עלעמענטן אין רעליגיעזן אידנטום. זיי זיינען אָבער אַנדערש אין איין וויכטיקן פּרט. ביי זיי מערקן זיך די ערשטע סימנים פון אַ פּראָגרעסיווערן באַנעם פון יידישקייט. בנוגע די וועלטלעכע עלעמענטן, מוזן מיר זאָגן, אז זיי געפינען זיך אין א מאָדנער לאַגע. די רעליגיעזע מאָטיוון זיינען פאר זיי אויסגעשלאָסן און אַנאַנדער אידעאַל וואָס זאָל פאַרנעמען דעם אָרט פון רעליגיע האָבן זיי דערוויילע נאָך ניט געפונען — דער פאַרזוך אָוועקצושטעלן נאַציאָנאַליזם אָדער סאָציאַליזם במקום רעליגיע האָט זיך ניט איינגעגעבן, מחמת, ביי די אַבנאָרמאַלע אומשטענדן אונטער וועלכע יידן לעבן, נויטיקט זיך דער נאַציאָנאַליזם און דער סאָציאַליזם גופא אין א רעליגיעזער באַגרינדונג — פּרובירן זיי אריינטאָן אַ וועלטלעכן אינהאַלט אין אַן אַלטן לעבנס-שטייגער. און דאָ זיינען די רעזולטאַטן די זעלביקע ווי ביי דער אָרטאָדאָקסיע, נעמלאך, ביים ערשטן דור וועלכער שטייט נאָך נאָענט צום רעליגיעזן מקור, גיט זיך נאָך דער פאַרזוך מער אָדער ווייניקער איין. ביים צווייטן און דריטן דור וואָס איז שוין אינגאנצן אָפּגעריסן פון רעליגיעזן מקור, זיינען די רעזולטאַטן זייער טרויעריקע. די סיבה איז דיזעלביקע, אויף א לעבנסשטייגער אָן א אידעאלן גרונט קאָן מען ניט בויען קיין פעסטן בנין.

4

ווען מען באַטראַכט די לאַנגיאַריקע יידישע געשיכטע און מען פרעגט, וועלכער מאָטיוו האָט אין איר געשפּילט די הויפּט ראָלע, איז דער ענטפער קלאָר: דער רעליגיעזער מאָטיוו. די מאָנומענטאַלע ווערק פון יידישן ליטעראַרישן שאַפן, וואָס מיר האָבן אין אונדזער רשות, זאָגן עדות, אַז דאָס איז אַזוי. אָנפאַנ־גענדיק מיטן תנ"ך, דער קלאַסיק פון דער יידישער רעליגיע, און איבערגייענדיק צום תלמוד, די מדרשים און די גאַנצע תלמודישע און רבנישע ליטעראַטור זעען מיר אַז זיי זיינען אַלע אין תוך רעליגיעזע שאַפונגען. געוויס האָבן זיך די יידישע דענקער פאַר־נומען אין אַלע צייטן מיט אַלע אַנדערע אַנגעלעגנהייטן אויסער רעליגיעזע ענינים, אַנדערש וואָלטן די יידן ניט געקענט עקזיסטירן. דאָס קען מען זען פון דער רעליגיעזער ליטעראַטור אליין. עס איז אָבער קלאָר, אַז רעליגיעזע פּראָבלעמען האָבן זיי אינטערעסירט אַמשטאַרקסטן, און אויף זיי האָבן זיי קאָנצענטרירט זייערע שאַ־פונגס־כוחות.

ווען מיר נעמען אין באַטראַכט דעם גרויסן איינפלוס פון דער יידישער רעליגיע אויף די צוויי גרויסע וועלט־רעליגיעס; קריסטענטום און מאַכמאַדיניזם, ווערט פאַר אונדז פאַראיינס קלאָר, אויף וועלכן געביט פון מענטשלעכן שאַפן די יידן האָבן זיך אויס־געצייכנט מיט זייער ביישטייער: דאָס איז דער רעליגיעזער געביט. יידן האָבן זיך זיכער אויך באַטייליקט אין אַנדערע געביטן פון מענטשלעכן שאַפן, און אויך דאָרט האָט די געשיכטע אין געוויסע פאַלן פאַרצייכנט זייערע אייגנאַרטיקע פאַרדינסטן. עס איז אָבער קלאָר, אַז בלויז אויף דעם רעליגיעזן פעלד איז דער יידישער

בייטראַג פון אַזאַ גרויסער וויכטיקייט, אַז ער האָט באַאיינפלוסט אַזאַ גרויסן טייל פון דער מענטשהייט. פון דעם מעגן מיר ציען דעם אלגעמיינעם שלוס, אַז געשיכטלעך האָט זיך די גאונות פון יידישן פאָלק אויסגעדריקט אין רעליגיעזן שאַפן.

כידוע איז רעליגיע דער קנין פון דער גאַנצער מענטשהייט. דער פּראָצעס פון רעליגיעזן שאַפן האָט זיך אָנגעפאנגען א סך פריער איידער עס זיינען נאָך געווען יידן אויף דער וועלט, און דער גרויסער באַדייט פון יידישן בייטראג געפינט זיך אין א געוויסן פּרט פון דעם דאָזיקן פּראָצעס. וועלן מיר טאָקע פּרובירן דאָס פעסטשטעלן, און ווען עס וועט אונדז געלינגען דאָס קלאָר צו מאַכן, וועלן מיר ממילא וויסן וואָס איז אזוינס יידישקייט?

בכדי אויסצומיידן וועלכע עס איז מיספארשטענדענישן וועלן מיר קודם כל דעפינירן דעם טערמין „רעליגיע" אין דעם זין ווי מיר וועלן זיך מיט אים דאָ באַנוצן. דער דאָזיקער טערמין אַנטהאַלט אין זיך דריי פונדאַמענטאַלע באַגריפן: 1) אַ גאָט באַגריף, ד. ה. דער גלויבן אַז עס איז פאַראַן אַ כוח, וואָס שטייט העכער איבער דעם מענטשן; 2) דער גלויבן, אַז דער מענטש באַזיצט אַ נשמה, ד. ה. אַ גייסט אָדער אַ גייסטיקע סובסטאַנץ, וואָס גיט אים די מעגלעכקייט צו קומען אין קאָנטאקט מיט גאָט; 3) דער גלויבן, אַז צווישן גאָט און דעם מענטשן עקזיסטירן קעגנזייטיקע באַציאונגען. די דאָזיקע באַגריפן האָבן מיר פאָרמולירט לויטן נוסח פון די העכערע מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס. זיי דינען אָבער אויך פאַר א פונדאַמענט פאַר אַלע נידעריקערע רעליגיעס, פון די העכערע פאָליטעאיסטישע רעליגיעזע פאָרמען ביז צו די סאַמע פרימיטיווסטע רעליגיעס, ווי דער טאָטעמיזם, די איינציקע נפקא מינה איז, וואָס ביי די ניט מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס רעדט זיך וועגן געטער אנשטאָט איין גאָט. אין דעם זעלביקן ווערק וואָס מיר האָבן אויבן ציטירט באַווייזט עמיל דורקהיים, אַז אפילו

ביים טאטעמיזם (איינע פון די גאָר ערשטע רעליגיעזע פאָרמען) איז שוין פאראן דער גאָט באגריף. אויף זייט 188 ברענגט ער אַרויס דעם דאָזיקן געדאַנק אזוי. „אין אַנדערע ווערטער, טאטעמיזם איז די רעליגיע ניט פון דער אָדער יענער חיה, מענטש אָדער געשטאַלט, נאָר פון א נאָמענלאָזן, ניט פערזענלעכן כוח, וועלכער געפינט זיך אין יעדער פון די דאָזיקע זאַכן אָבער טאָר ניט פאַר־מישט ווערן מיט קיינער פון זיי".

די דאָזיקע באַגריפן בייטן זיך לויט דעם ניוואָ פון דעם אלגע־מיינעם מענטשלעכן קולטור מצב. פון טאטעמיזם ביז די היינ־טיקע הויך אַנטוויקלטע מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס, האָבן די־ דאָזיקע באַגריפן דורכגעמאכט אַ לאַנגן כסדרדיקן פראָצעס פון פאַרפיינערונג, און אַ דאַנק דעם שטייט דער היינטיקער מענטש גייסטיק אַ סך העכער פון פרימיטיוון מענטשן. דאַרפן מיר אָבער ניט פאַרגעסן, אַז דורכן גאַנצן אַנטוויקלונגס־גאַנג האַנדלט עס זיך וועגן די זעלביקע באַגריפן: גאָט, מענטש און די שייכותן צווישן זיי. אין דעם זין זיינען די דאָזיקע באַגריפן פונדאַמענטאַל פאַר רעליגיע בכלל.

דער וויכטיקער יידישער בייטראַג צום אלגעמיינעם מענטש־לעכן רעליגיעזן שאַפן, באַשטייט אין זיין אייגנאַרטיקן גאָט באַגריף און ממילא אויך אין זיין אייגנאַרטיקן פאַרשטיין פון די שייכותן וועלכע וועבן זיך צווישן גאָט און מענטש.

היסטאָריש געקוקט קען מען זאָגן, אַז דער מאָנאָטעאיזם פאַרמאָגט דריי פאָרמען: עס איז פאַראַן א פילאָזאָפישער, אַ מיסטישער און אַן עטישער מאָנאָטעאיזם. דאָס זיינען דריי פאַר־שידענע אופנים ווי אַזוי אויפצופאַסן גאָט (זע די ארבעט פון דזשאָשוא רויס וועגן מאָנאָטעאיזם אין הייסטינגס ענציקלאָפעדיע וועגן רעליגיע און עטיק).

1) דער פילאָזאָפישער מאָנאָטעאיזם איז אַ פּראָדוקט פון דער גריכישער פילאָזאָפיע. דער תמצית פון דעם דאָזיקן געדאַנק קאָן

אויסגעדריקט ווערן אין פאָלגנדן זאַץ: גאָט איז דער שכל־דיקער גרונט פון דער וועלט, ד. ה. דער שכל איז מחייב, אז עס איז פאַראַן איין גאָט וואָס האָט פאַראורזאַכט די גאַנצע וועלט. ביי אַריסטאָטעלן דריקט זיך דאָס אויס אין דעם באַגריף פון אַן ערשטער סיבה, אַן ערשטער באַוועגער וואָס האָט פאַראורזאַכט אַלע באַוועגונגען, אליין אָבער באַוועגט ער זיך ניט. דער שכל איז אבער ניט מחייב, אַז גאָט אינטערעסירט זיך באַזונדערס מיטן מענטשן. אַריסטאָטעל האַלט טאַקע, אַז אַלץ וואָס געפינט זיך אונטער דער לבנה, דער מענטש אריינגערעכנט, איז אונטערוואָרפן די זעלביקע געזעצן וועלכע זיינען א פועל יוצא פון דער ערשטער באַוועגונג, מיט וועלכער דער ערשטער באַוועגער אינטערעסירט זיך שוין מער ניט. לויט אונדזער דעפיניציע פון רעליגיע איז דער פילאָזאָפישער מאָנאָטעאיזם ניט רעליגיעז, מחמת אים פעלט דער פונקט דריי, דאָס איז די אנדערקענונג פון די שייכותן וועלכע עקזיסטירן צווישן גאָט און מענטש.

2) דער מיסטישער מאָנאָטעאיזם איז אַ שפּעטערדיקע אַנטוויקלונג פון בראַהמאַניזם, וועלכער איז אַ פּראָדוקט פון הינדוסישן רעליגיעזן שאַפן. דער עסענץ פון דעם דאָזיקן מאָנאָטעאיזם באַשטייט אין דער לערע, אַז בלויז גאָט איז רעאַל אָדער ווירקלעך. אַלץ חוץ גאָט, איז אַן אילוזיע. אין דעם כלל גייט אויך אריין די מאָראַל. בראַהמאַן אָדער גאָט שטייט אויסער אָדער איבער די קאַטעגאָריעס פון גוטס און שלעכטס. דאָס העכסטע גוטס באַשטייט אין באַהעפטן זיך מיט דער איינציקער רעאַליטעט, וועלכע איז גאָט. אָט די באַהעפטונג קאָן דער מענטש דערגרייכן דורך באַפרייען זיך פון דער אילוזארישער וועלטלעכער עקזיסטענץ. דער פּראַקטישער וועג דערצו איז דער אַסקעטיזם.

בדרך כלל קאָן דער מיסטיציזם דעפינירט ווערן, אלס דער אינערלעכער באַגער פון מענטשן זיך צו באַהעפטן מיט דער

העכסטער רעאַליטעט פון דער וועלט, וועלכע איז גאָט; און אין דעם באַשטייט דעם מענטשנס העכסטער גליק. ווייטער האלט דער מיסטיציזם, אז דער דאָזיקער באַגער זיך צו באהעפטן מיט גאָט, מיט אַנדערע ווערטער, דאָס שטרעבן צו שלימות, איז אַקוראַט אזאַ וויכטיקער גרונטשטריך פון מענטשנס גייסטיקן מהות ווי דער אינטעלעקט, אין דעם פּרט איז דער מיסטיציזם אַנדערש פון פילאָ־זאָפישן ראַציאָנאַליזם, וועלכער לייגט די הויפּט געוויכט אויפן שכל. דער מיסטיקער, הגם ער אנערקענט די וויכטיקייט פון אינטעלעקט אין געוויסע גרעניצן, איז ער איבערצייגט, אז בנוגע גאָט דערקענטעניש, זיינען זיינע באַמיאונגען נעגאַטיוו. דער מיסטיקער איז זיכער, אז בלויז דורך די אינערלעכע אינטואיטיווע כוחות קאָן ער באמת באַגרייפן גאָט. אין דעם זין איז דער מיסטיציזם א וויכטיקער עלעמענט אין אלע העכערע רעליגיעס. אין דער אידישער רעליגיע דריקט זיך דאָס אויס אין דעם געבאָט, אז דער מענטש זאָל ליב האָבן גאָט, די נפקא מינה צווישן דעם אידישן רעליגיעזן באַנעם און דעם הינדוסישן — ווי מיר וועלן דאָס זען שפּעטער — באַשטייט אין דעם מעטאָד וועלכער ווערט פאָרגעשריבן פאַר דער דערגרייכונג פון שלימות.

דער אייגנאַרטיקער הינדוסישער צוטריט צום מיסטיציזם איז זיין פּעסימיסטישער בליק אויפן לעבן. פאַרן פּעסימיסט איז דער לעבן מיט זיינע באַדערפענישן און פאַרלאַנגען א אומפאַרמייד־לעכע און אומאונטערבראָכענע קייט פון צער און פּיין, וואָס האָט ניט קיין ברעקל זין אָדער ווערט. פאַרן מיסטיקער פון דעם מין איז רעאַל בלויז גאָט, מיט וועמען דער מענטש זוכט זיך צו באַ־העפטן. די וועלט איז לחלוטין אַן אילוזיע.

דער לעבן איז א שטרויכלונג אויפן וועג צו גאָט, און אָט דער אבן נגף קאָן און דאַרף באַזייטיקט ווערן. די הויפּט פּראָבלעם איז: ווי אזוי די דאָזיקע שטרויכלונג צו באזייטיקן, ד. ה. ווי אזוי

זיך צו באפרייען פון לעבן. דער פעסימיסטישער מיסטיציזם האָט אַנטוויקלט אַ גאַנצע אסקעטישע תורה, וואָס לערנט דעם מענטשן ווי אזוי — דורך אַ סיסטעם פון אַסקעטישער אויפירונג — שטופנ־ווייז זיך באַפרייען פון זיינע באַדערפעענישן און פאַרלאַנגען ביז ער דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון „נירוואנא", וועלכע איז אַ צושטאַנד וואו אלע פאַרלאַנגען פאַרשווינדן צוזאַמען מיטן באַוואוסטזיין.

3) דער עטישער מאָנאָטעאיזם איז אַ פּראָדוקט פון יידישן רעליגיעזן שאַפן. זיינע כאַראַקטערשטריכן זיינען קלאָר אויס־געדריקט געוואָרן אין תנ"ך. אין דער תורה איז גאָט ניט נאָר דער אַלמעכטיקער באַשעפער פון דער וועלט, ער איז אויך דער מקור פון קדושה, ער טוט צדקה און משפט, ער איז דער אל רחום וחנון וכו. ער אינטערעסירט זיך מיטן מענטשנס וואוילזיין און מיט דעם מענטשנס מעשים, ער גיט דעם מענטשן אדער דעם יידן א תורה וואָס לערנט אים וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט. ער באַפעלט אים צו טאָן דאָס גוטע, ער גיט אים אָבער די ברירה אויסצוקלייבן זיין אייגענעם דרך, צו טאָן גוטס אָדער שלעכטס. ער באַלוינט אים פאַר גוטע מעשים און באַשטראָפט אים פאַר שלעכטע טאַטן. די באַציאונגען פון גאָט צום מענטשן ווערן פאַרגעשטעלט אַמאָל ווי פון אַ פאָטער צו קינדער און אמאָל פון א מלך צו זיינע אונטערטאַנען. לכתחילה אינטערעסירט זיך גאָט מיטן מענטשן, דערנאָך דערוויילט ער אויס די יידן און שפעטער ביי די נביאים אינטערעסירט ער זיך ווידער מיט אַלע מענטשן.

וואָס דאַרף דער מענטש טאָן כדי זיך דערנענטערן צו גאָט; אויף דעם ענטפערט דער נביא מיכה קורץ און קלאָר: (מיכה ו. ח.) „הגיד לך אָדם מה טוב ומה ידהוה דורש ממך כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם אלהיך" (מען האָט דיר אָנגעזאָגט, מענש, וואָס איז גוט און וואָס ה' פאַרלאַנגט פון דיר; נאָר בלויז

טאָן גערעכטיקייט, ליב האָבן גענאָד, און אומגיין באַשיידן מיט דיין גאָט). דער זעלביקער געדאַנק ווערט אויסגעדריקט אויף פאַר־שידענע אופנים אויך ביי די אַנדערע נביאים. זיי האַלטן כסדר אין באַטאָנען צוויי פרינציפּן: דעם מאָנאָטעאיזם און די עטיק אל״ס דעם דרך צו גאָט. זייער טיף איבערצייגטער גלויבן, אַז עס איז פאַראַן בלויז איין גאָט, אָדער, אַז גאָט איז איינס, האָט זיך אויס־געדריקט אין דעם שווערן קאַמף וואָס זיי האָבן געפירט קעגן געצנדינסט. עבודה זרה האָבן זיי געהאַלטן פאַר דער ערגסטער זינד. אַ דאַנק דעם דאָזיקן קאַמף זיינען יידן געווען דאָס ערשטע פאָלק וואָס האָט זיך באַפרייט פון געצנדינסט. מיר געפינען, אַז אין דער צייט פון צווייטן בית זיינען אידן געווען אינגאַנצן פריי פון עבודה זרה, דאָס איז אַ סימן, אַז אַ סך פריער פאַרן חורבן פון ערשטן בית, איז שוין דער מאָנאָטעאיזם געווען שטאַרק איינ־געפונדעוועט ביי יידן. וואָס איז שייך דעם עטישן דרך, געפינען מיר, אַז זיי האַלטן כסדר אין פריידיקן אין נאָמען פון גאָט, אַז דאָס העכסטע גוטס וואָס אַ מענטש קאָן טאָן, איז האַנדלען אויף אַ גערעכטן און יושרדיקן אופן מיטן צווייטן מענטשן. זיי האַלטן כסדר אין באַטאָנען, אַז גאָט דאַרף ניט קיין קרבנות, וואָס ער פאָדערט יאָ, איז העלפן דעם אָרימאַן, מיטלייד האָבן מיטן נויט־באַדערפטיקן און ניט באַ׳עולה׳ן דעם צווייטן.

דאָ האָבן מיר אַ גאָט באַגריף אויפגעפאַסט ניט בלויז אין לאָגישע טערמינען — אַזוי ווי ביי דעם פילאָזאָפישן מאָנאָטעאיזם — נאָר אין טערמינען פון מענטשלעכע האַנדלונגען. און בנוגע די שייכותן צווישן מענטש און גאָט ווערן זיי אויסגעדריקט אין קאַטעגאָריעס פון גוטס און שלעכטס, ד. ה. אין עטישע טערמינען. אין דעם פּרט איז דער יידישער באַנעם דער היפּוך פון הינדוסישן, בעת די הינדוסן האַלטן, אַז דער מענטשלעכער לעבן איז אינגאַנצן ווערטלאָז און דער וועג צו גאָט איז דורך אָפּזאָגן זיך פון לעבן,

האַלטן די יידן פאַרקערט, אַז דער מענטשלעכער לעבן איז הייליק און דער וועג צו גאָט איז דורכן לעבן גופא, ד. ה. דורך פירן אַן עטישן לעבן. דער געדאַנק ווערט קלאָר אויסגעדריקט אין דעם פסוק (ויקרא י״ט, ב׳). „דבר אל כל עדת בני ישראל ואמרת אליהם קדושים תהיו כי קדוש אני ה׳ אלהיכם״ (רעד צו דער גאַנצער געמיינדע פון די קינדער פון ישראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי: הייליק זאָלט איר זיין ווארום איך י׳ אייער גאָט בין הייליק) מיט רעכט ווערט די יידישע תורה אַנגערופן א „תורת חיים״, א תורה וואָס ווערט אויפגעפאַסט אין טערמינען פון מענטש־לעכן לעבן. אין דעם טאַקע דריקט זיך אויס די אייגנאַרטיקייט פון יידישן רעליגיעזן שאַפן.

דורכן גאַנצן יידישן רעליגיעזן שאַפן, לויפט דורך ווי אַ רויטער פאָדים דער יידישער טיף־איינגעוואָרצלטער אָפּטימיסטישער בליק אויפן לעבן, גלייך אין בראשית, ביים וועלט־באַשאַף, ווערט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט „וירא א׳ כי טוב״ (און גאָט האָט געזעען, אַז דאָס איז גוט), ביים סוף פון דער בריאה, זאָגט דער פסוק (בראשית א׳, ל״א). „וירא א׳ את כל אשר עשה והנה טוב מאד״ (און גאָט האָט געזעען אַלץ וואָס ער האָט געמאַכט ערשט עס איז זייער גוט), דאָ זעען מיר ווי דער ייד נעמט אָן, אַז די וועלט און אַלץ וואָס געפינט זיך אויף איר איז גוט. דער מענטש איז דער בחיר כל היצורים, די אויסדערוויילטע באַשעפעניש. ער איז געמאכט געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט. די גאַנצע אַנימאַלע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן פון זיינעטוועגן, כדי ער זאָל איבער זיי געוועלטיקן. גלייך ווי דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן, האָט מען אים אָנגעזאָגט וואָס ער זאָל ניט טאָן; ניט עסן פון עץ הדעת, דערנאָך, אַז ער באַקומט די אייגנשאַפט צו דערקענען צווישן גוטס און שלעכטס, האַנדלט עס זיך וועגן מענטשלעכער אויפפירונג, דהאָבן זיי שטאַרק געזינדיקט, קומט א מבול אויף דער

וועלט, דער צדיק נח, דורך זיינע גוטע מעשים, ראַטעוועט די וועלט פון אונטערגאנג; און אזוי כסדר דורך דער גאַנצער תורה האַנדלט עס זיך וועגן גוטע און שלעכטע מעשים. ביים באַרג סיני איז די יידן געגעבן געוואָרן אַ תורה וואָס לערנט זיי ווי אזוי זיי זאָלן זיך אויפפירן מיט גאָט (בין אדם למקום) און מיט מענטשן (בין אדם לחברו), וועט דער ייד זיך גוט אויפפירן ווערט אים צוגע־זאָגט אַלץ דאָס גוטס, פאַרקערט וועט ער זיך אויפפירן שלעכט, וועט עס ווערן שטאַרק באַשטראָפט. אין דער פרשה בחוקותי ווערט אויסגערעכנט א לאַנגער צעטל פון שווערע שטראָפן פאַר ניט אָפהיטן גאָטס געבאָט; כאַראַקטעריסטיש פאַרן יידישן אָפטי־מיזם איז דער סוף פון דער דאָזיקער תוכחה; אומברענגען זיי אין גאַנצן — דאָס וועט גאָט ניט טאָן. אפילו ווען זיי וועלן זיין שווער זינדיק, וועלן זיי אַ דאַנק דעם שטאַרק ליידן, ער וועט אָבער פונ־דעסטוועגן אינגאַנצן אַן זיי ניט פאַרגעסן, ער וועט זיך דערמאָנען אָן דעם ברית, וואָס ער האָט געמאכט מיט די אבות און ער וועט זיין זייער גאָט. דער זעלביקער געדאַנק ווערט איבערגעחזרט אויף פאַרשיידענע אופנים ביי די נביאים.

דאָ האָבן מיר אַ בילד פון יידישן אָפטימיסטישן וועלט באַנעם. ליידן, צער און פיין זיינען ניט קיין סתם אַנשיקעניש אויפן מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין זין און קיין ווערט, נאָר פאַרקערט, זיי זיינען אַ שטראָף פאַר זינד, כדי דער מענטש זאָל דורך זיי געלייטערט ווערן (דאָס איז דער באַשייד פון יסורים של אהבה) און אַ דאַנק דעם זיך דערהויבן צו אַ העכערער מדרגה. דער יידישער אָפטימיס־טישער וועלט באַנעם איז ניט בלינד צום פאַקט, אז עס איז פאַראַן שלעכטס אויף דער וועלט, ער איז אָבער טיף איבערצייגט, אַז דער מענטש דורך זיין אינטעליגענץ און דורך זיין ווילן, איז בכוח גובר צו זיין דאָס שלעכטס און אז, סוף כל סוף, וועט דאָס שלעכטס אינגאַנצן בטל ווערן.

די יידישע עטיק האָט געפונען איר העכסטן אויסדרוק אין דעם געבאָט פון (ויקרא יט, יח) „ואהבת לרעך כמוך״ (זאָלסט ליבן דיין חבר ווי זיך אליין), אָדער ווי הלל האָט דאָס געזאָגט אין דעם מאמר (שבת לא. עב.) „מה דילך סני לחברך לא תעביד זו הי כל התורה כולה ואידך פירושה הוא זיל גמור״ (וואָס איז דיר פיינטלעך זאָלסטו ניט טאָן צו דיין חבר, דאָס איז די גאַנצע תורה, דאָס איבעריקע איז איר פירוש, גיי און לערן). צו דעם אידעאַל דאַרף דער מענטש שטרעבן אין זיינע האַנדלונגען מיטן צווייטן מענטשן. דערווייִלע זיינען נאָך די מענטשן גאַנץ ווייט פון פאַר־ווירקלעכן די דאָזיקע באַשטרעבונג, די רשעות האָט נאָך אַ שטאַר־קע דעה אין די מענטשלעכע באַציאונגען. די נביאים אָבער האָבן געגלויבט, אַז עס וועט אמאָל קומען אַ צייט, ווען דער עטישער אידעאַל פון דער תורה וועט פאַרווירקלעכט ווערן אין לעבן פון אַלע מענטשן, אין זייער וואונדערלעכער וויזיע פון דעם „אחרית הימים״ זעען די נביאים פאָראויס אַ צייט, ווען קיין שלעכטס וועט מער ניט זיין. די מענטשן וועלן לעבן אין פרידן, קיין מלחמות וועלן מער ניט זיין און די גאַנצע וועלט וועט פול ווערן מיט וויסן. דער נביא ישעיה זעט אויך פאָראויס, אַז אפילו די נאַטור פון דער אַנימאַלער וועלט וועט זיך ענדערן, אפילו די חיות וועלן לעבן בשלום צווישן זיך.

אַזאַ עטישער אידעאַל און אַזעלכע צוקונפט וויזיעס זיינען בלויז מעגלעך אויפן גרונט פון אַן אָפּטימיסטישן וועלט באַנעם, אגב אורחא, ווילן מיר דאָ אָנדייטן, אַז די דאָזיקע צוויי מאָטיוון שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין יעדער באַוועגונג פאַר בעסערע געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען צווישן מענטשן. אָן דעם גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון שענערע און בעסערע מענטשלעכע באַציאונגען צווישן זיך שוין היינט; און אָן אַ וויזיע פאַר אַ בעסערער צוקונפט, איז קיין סאָציאַלער פאָרשריט ניט מעגלעך.

אַן אָפּטימיסטישער וועלט באַנעם, אַ באַגריף וועגן גאָט און זיין שייכות צום מענטשן, אויפגעפּאסט אין עטישע קאַטעגאָריעס, דאָס זיינען די דריי אַספּעקטן פון דעם עטישן מאָנאָטעאיזם. דאָס איז דער אייגנאַרטיקער יידישער בייטראָג צום רעליגיעזן שאַפן בכלל; און אַ דאַנק דעם ווערט דער מענטשלעכער לעבן דערהויבן, און קריגט אַזאַ ווערט און זין, וועלכן דער פילאָזאָפישער און דער מיסטישער מאָנאָטעאיזם האָט דאָס אים ניט געקענט געבן.

די דאָזיקע דריי מאָנאָטעאיסטישע לערן האָבן דורכגעמאכט אַ לאַנגן פּראָצעס פון אַנטוויקלונג. אין משך פון דעם דאָזיקן פּראָצעס זיינען זיי געקומען אין קאָנטאַקט איינער מיטן אַנדערן — למשל, אין צווייטן בית, ווען דער יידישער עטישער מאָנאָטעאיזם איז געקומען אין קאָנטאקט מיט דער גריכישער פילאָזאָפיע, — זיינען, לכתחילה, אַ דאַנק דעם פאַרגעקומען געדאַנקלעכע און סאָציאַלע קאָנפליקטן, דער סוף איז אָבער געוועזן, אַז יעדער צד האָט פון דאָזיקן קאָנפליקט פיל געוואונען. יעדער צד האָט אדאָפּטירט און אריינגעפּאסט אין זיין אייגענעם געדאנקענגאַנג, די עלעמענטן פון דעם צד שכנגד, וועלכע זיינען פאַר אים געווען מער סימפּאטיש. אזוי אַרום האָבן זיי באַרייכערט איינעם דעם אַנדערן. די יידישע רעליגיע האָט פאַרשטאַרקט אירע פּאָזיציעס דורך דער פילאָזאָפיע, ווי מיר געפינען דאָס אין א סיסטעמאַטישער פאָרמע ביים רמב״ם אין מורה נבוכים. דאָס זעלביקע געפינען מיר ביי די הינדוסן וועלכע האָבן אויסגעארבעט אַ פילאָזאָפיע וואָס איז צוגעפּאַסט צו זייער וועלט באַנעם. די פילאָזאָפיע, ווידער, איז שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון די יידישע באַגריפן און פון דעם מיסטיציזם. פונדעסטוועגן זיינען ניט אָפּגעווישט געוואָרן די גרעניצן וואָס שיידן זיי פאַנאַנדער איינער פון אנדערן; זייערע גרונט־שטריכן און דער מקור פון וואַנענט זיי שטאַמען איז געבליבן דייטלעך אָפּגעטיילט עד היום.

.5

איצט פרעגט זיך: אָנגענומען, אַז אונדזער אַנאַליז בנוגע דעם יידישן גייסטיקן שאַפן אין דער פאַרגאַנגענהייט איז ריכטיק. וואָס פאַר אַ שלוסן קאָנען מיר פון דעם ציען בנוגע אונדזער גייסטיקן שאַפן אין דער צוקונפט?

די ערשטע לעקציע, וואָס די געשיכטע פון יידישן גייסטיקן שאַפן לערנט אונדז איז, אַז דער יידישער קיום איז אַלעמאָל געווען באַזירט אויף א אידעע און ניט אויף דער פיזיקאַלישער סביבה, ד. ה. ניט די טעריטאָריע האָט געשפּילט די הויפּט ראָלע אין דער פאַרמירונג און אויפהאַלטונג פון יידישן פאָלק, נאָר עס איז געווען דער כוח פון אַ שאַפנדער אידעע אָדער וועלט באַנעם וואָס האָט אויפגעהאַלטן די יידן אַלס פאָלק דורך דער גאַנצער צייט פון זייער עקזיסטענץ.

בנוגע דעם מקור פון נאַציאָנאַלער כאַראַקטעריסטיק, ד. ה., די אייגנאַרטיקע אייגנשאַפטן וואָס מאַכן אַ פאָלק פאַר אַ איינהייט, צו זיי זיינען איינגעבאָרענע אָדער דערוואָרבענע, איז פאַראַן חילוקי דעות צווישן פאָרשער. בדרך כלל, האַלטן זיי, אַז דער ענין איז נאָך צו וועניק אויסגעפאָרשט געוואָרן, אַז מען זאָל וועגן דעם קאָנען זאָגן עפּעס באַשטימטעס. פאַר אונדזער איצטיקער ארבעט איז ניט נויטיק זיך אריינצולאָזן אין די דאָזיקע חקירות. מיר ווייסן ניט פארוואָס דוקא דאָס יידישע פאָלק און ניט קיין אנדערעס, האָט געשאַפן דעם עטישן מאָנאָטעאיזם. מיר ווייסן אָבער יאָ דעם היסטאָרישן פּראָצעס, ווי אַזוי דאָס יידיש פאָלק האָט אים געשאַפן. הגם מיר ווייסן ניט דעם מקור פון נאַציאָנאַלער כאַראַקטעריסטיק, ווייסן מיר אָבער יאָ, אַז מענטשן זיינען איינגעטיילט אין נאַציאָנען

און זייער אויפפירונג איז שטאַרק באַאיינפלוסט פון זייער נאַציאָ־נאַלן פילן און דענקען. און הגם מיר זאָגן זיך אָפּ פון דער סברה, אַז נאַציאָנאַלע כאַראַקטעריסטיק קאָן פאַררעכנט ווערן בלויז אַלס אַ פועל יוצא פון דער פיזיקאַלער סביבה, אין וועלכער טערי־טאָריע איז דער וויכטיקסטער עלעמענט, איז עס אָבער קיין ספק ניט, אַז טעריטאָריע איז אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער אנטשטיי־אונג און אנטוויקלונג פון פעלקער.

זייט מענטשן האָבן זיך ארויסגעוויקלט פון זייער נאָמאַדישן לעבנס־שטייגער און האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט אַגריקולטור, שפּילט די טעריטאָריע אלץ אַ וויכטיקערע ראָלע אין דער אנטשטייאונג און אנטוויקלונג פון פעלקער. ווען פארשי־דענע איינצלנע מענטשן אָדער קלענערע גרופּירונגען, ווי משפחות, לעבן צוזאַמען אויף אַ געמיינזאַמער טעריטאָריע, ד. ה. אונטער געמיינזאַמע אויסערלעכע באַדינגונגען אנטוויקלען זיך ביי זיי, מיט דער צייט, געמיינזאַמע מאַטעריעלע און גייסטיקע אינטערעסן; און כדי צו באַפרידיקן די דאָזיקע אינטערעסן מוזן זיי שאַפן אַזעלכע אינסטיטוציעס, וועלכע פאַראייניקן זיי אלעמען אונטער איין שטאַט. ביי פעלקער פון דעם מין איז פאָלק ענג פאַרבונדן מיט טערי־טאָריע און שטאַט, אין דער לפי ערך קורצער געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אמעריקא, האָבן מיר אַביישפּיל ווי אַזוי אַ מאָדערנער פאָלק האַלט זיך אין שאַפן. דאָ זעען מיר ווי אַזוי פאַרשידענע קלענערע מענטשלעכע גרופּן מיט פארשידענע גייסטיקע אייגנשאַפטן, אַ דאַנק דעם וואָס זיי געפינען זיך אויף א געמיינזאמער טעריטאָריע, שמעלצן זיך לאַנגזאַם צוזאַמען און שאַפן א ניי פאָלק מיט אן אייגנאַרטיקער קולטור. עס איז אָבער זיך שווער פאַרצושטעלן די עקזיסטענץ פון אמעריקאנעם פאָלק אָן זיין פאָליטישער סטרוקטור און מחוץ פון דער טעריטאָריע אויף וועלכער דאָס אַמעריקאַנער פאָלק לעבט. דאָס נעמט זיך דערפון,

וואָס אין אָט דעם פאַל איז די טעריטאָריע דער יסוד (ניט דער מקור) אויף וועלכן דער גאַנצער בנין, וואָס מיר רופן אַמעריקאַנער פאָלק, איז ארויפגעבויט. דער מקור פון דער נייער אייגנאַרטיקער אַמעריקאַנער קולטור וואָס האַלט זיך אין שאַפן, איז מסתמא, די גייסטיקע אייגנשאפטן פון די פארשידענע קלענערע גרופן, וועלכע שטעלן צוזאַמען דאָס אמעריקאַנישע פאָלק; די טעריטאָריע איז אָבער דער וויכטיקער תנאי וואָס האָט מעגלעך געמאכט די אנט־שטייאונג פון אַמעריקאַנעם פאָלק און איז א שטענדיקער מיט־ווירקנדיקער פאַקטאָר אין זיין אַנטוויקלונג.

אָבער מענטשן גרופירן זיך ניט דוקא אויפן יסוד פון טערי־טאָריע נאָר אויך אויפן יסוד פון אידעען. למשל, אַ סאָציאַליסטישע פאַרטיי פון א געוויסער ריכטונג, וואָס פאַרמאָגט אָרגאַניזירטע קער־פערשאַפטן אין פאַרשידענע לענדער און פעלקער, איז אַ געזעל־שאַפט וואָס האָט אַ שטאַרקע ווירקונג אינערלעך אויף אירע אייגענע מיטגלידער און אויסערלעך אויף דער סביבה. דער יסוד אויף וועלכן אַזאַ געזעלשאַפט איז געבויט, דער צעמענט וואָס פאַרבינדט די יחידים פון די דאָזיקע קערפערשאפטן אינערלעך אין יעדן לאַנד באַזונדער, און דאָס וואָס פאַראייניקט די פאַרשידענע לאַנד אָרגאַ־ניזאציעס אין איין אינטערנאַציאָנאַלער קערפערשאפט, איז זיכער ניט די טעריטאָריע אויף וועלכער די דאָזיקע קערפערשאפטן געפינען זיך, נאָר אַ געוויסע אידעע אָדער אידעאַל אויף וועלכן זיי שטימען אלע איין. אמת, אַז אפילו ביי אָרגאַניזאציעס פון דעם מין קאָן מען זיך ניט אינגאנצן באַפרייען פון טעריטאָריעלע און מלוכהשע ווירקונגען. זיי זיינען אָבער בלויז פון סעקונדאַרער באַדייטונג. דאָס זעלביקע געפינען מיר, אַז אויך פעלקער האָבן זיך אנטוויקלט אויפן יסוד פון אידעען און ניט דוקא אויפן יסוד פון טעריטאָריע.

אין די צייטן ווען מענטשן האָבן פּראָדוצירט אַלץ וואָס עס פאָדערט זיך צום לעבן, דער עיקר דורך יאַגד און פּי־צוכט, האָבן זיי געמוזט אָפט בייטן זייערע וואוין פּלעצער; דעמאָלט זיינען זייערע מאַטעריעלע און גייסטיקע אינטערעסן ניט געווען אייננ פארבונדן מיט א באַשטימטער טעריטאָריע, ווי דאָס איז געווען דער פאַל ביי מענטשן וואָס האָבן זיך פאַרנומען דער עיקר מיט אַגריקולטור. ביי אזעלכע באַדינגונגען האָבן זיך מענטשן גרופּירט, ניט אויף דעם יסוד פון טעריטאָריע, נאָר אויף דעם יסוד פון בלוט פאַרוואַנדשאַפט און אידעען. אין יענע צייטן געפינען מיר באַדיי־טנדיקע פעלקער וואָס זיינען געווען אָרגאַניזירט אויף בלוט־קרובהשאפט, למשל, די פאַרשידענע אינדיאַנישע שבטים אין צפון אמעריקע און די יידישע שטאַמען איידער זיי האָבן זיך באַ־זעצט אין כנען. דער יסוד פון זייער גרופּירונג איז געווען די משפחה, א שבט איז באַשטאַנען פון א צאָל משפחות און א פאָלק איז באַשטאַנען פון א צאָל שבטים, וואָס האָבן געגלויבט, אז זיי אַלע קומען ארויס פון איין שטאַם פאָטער. (ביים יידישן פאָלק איז דאָס אברהם אבינו) די אידעע וואָס האָט זיי אלעמען פאראייניקט איז באַשטאַנען הויפּטזעכלעך פון אַ געמיינזאַמער גאָטעסדינסט, לויט די רעליגיעזע באַגריפן פון זייער צייט. בדרך כלל, האָבן, אין יענע צייטן, אַלע גייסטיקע אקטיוויטעטן אָנגענומען רעליגיעזע פאָרמען.

ווען מיר באַטראַכטן גענוי די יידישע געשיכטע, ווערט פאר אונדז קלאָר, אַז דאָס יידיש פאָלק באַלאַנגט ניט צום טיפּ פעלקער וועלכע זיינען געבויט אויפן יסוד פון טעריטאָריע, נאָר גיכער געהערן זיי צום טיפּ פעלקער וואָס זיינען געבויט אויפן יסוד פון אַ אידעע און בלוט פאַרוואַנדשאַפט. גלייך ביים אָנפאַנג פון דער יידישער געשיכטע געפינען מיר, אַז יידן האָבן געהאַט אַן אייגענע תורה, אַ סך פריער איידער זיי האָבן געהאַט אן אייגן לאַנד. לויט דער ביבלישער טראַדיציע, האָט די אַנטוויקלונג פון יידישן

פאָלק זיך אָנגעהויבן נאָך אין די צייטן פון די אבות. (אברהם, יצחק און יעקב) און באַשעפטיקט האָבן זיי זיך דעמאָלט דער עיקר מיט פיצוכט. די אידעע וואָס האָט זיי פאראייניקט און וואָס זיי האָבן געפריידיקט צו די ארומיקע פעלקער, איז געווען דער גלויבן אין איין־איינציקן גאָט. שפעטער ביים בארג סיני, נאָך דעם ווי משה האָט זיי באפרייט פון גלות מצרים, ווערט געגרינדעט דאָס יידיש פאָלק, דורך דעם וואָס די בני ישראל קריגן א תורה פון גאָט. די מאָדערנע פאָרשער, וואָס זיינען ניט מסכים מיט אלע איינצעלהייטן פון דער ביבלישער טראַדיציע גיבן אָבער צו דעם דאָזיקן קאַרדינאַלן פאַקט, אז יידן איידער זיי האָבן נאָך איינגע־נומען כנען זיינען זיי שוין געווען אַ נאַציאָנאַל רעליגיעזע געזעל־שאַפט (וועגן דעם זע, אלגעמיינע ענציקלאָפעדיע, יידן באנד א., זייט 105־106) אָט דער פאַקט האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער יידישער געשיכטע. אין דער לענגערער צייט, וואָס יידן האָבן זיך פאַרנומען מיט איינגעמען דאָס לאַנד כנען, איז פאַרגעקומען אַ כסדרדיקער קאַמף צווישן דער יידישער רעליגיע און די אָרטיקע געצנדינערישע רעליגיעס. אין דער גאַנצער צייט וואָס יידן האָבן געלעבט אין ארץ ישראל, סיי אין דער צייט פון בית ראשון און סיי אין דער צייט פון בית שני, האָבן רעליגיעזע מאָטיוון געשפילט די הויפט ראָלע אין יידישן לעבן. פאָליטישע און אימפעריאַליסטישע פאקטאָרן האָבן ביי זיי געשפילט אַ קנאַפּע ראָלע, אין דעם פרט זיינען זיי געווען אַנדערש פון די ארומיקע גרויסע אימפעריאַליסטישע פעלקער פון זייער צייט. ווען די יידן האָבן געפאָדערט א קעניג כדי זיך צו פאַרטיידיקן אנטקעגן זייערע אונטערדריקער האָט דער נביא שמואל, אפילו אויף אזא איינפאכער פאָליטישער פאָדערונג לכתחילה ניט געוואָלט מסכים זיין. דער גרעסטער מלחמה העלד פון דער יידישער געשיכטע, דוד המלך, איז אריין אין דער יידישער טראַ־

דיציע ניט אַלס קריגספירער נאָר אלס דער זינגער וואָס האָט פאַרפאַסט דעם תהילים. אין תוך פארנעמען די נביאים א סך וויכטיקערע פּאָזיציעס איידער די מלכים. ביים חורבן בית שני, איז אין דער יידישער געשיכטע פארהייליקט געוואָרן ר׳ יוחנן בן זכאי, וואָס האָט געפאָדערט ביים רוימישן קיסר יבנה מיט אירע חכמים און ניט די קנאים וואָס האָבן אזוי העלדיש געקעמפט מיט די רוימער. דאָס באַוויזט, אַז ביי יידן פון אַלע צייטן, זיינען רעליגיעזע אויפטואונגען געשטאַנען ניט אין ערך העכער פון העלדנטוט ארויסגעוויזן אין מלחמה. און עס איז שוין אן ערך צוויי טויזנט יאָר ווי יידן לעבן צווישן אלע פעלקער פון דער וועלט איינגאנצן אָן אַן אייגן לאַנד, און דאָך האָבן זיי אויפגע־האַלטן זייער נאַציאָנאַלן קיום.

ווען מיר נעמען אין באַטראַכט: ערשטנס, דעם פאקט, אז די יידן האָבן זיך עטאבלירט אלס א רעליגיעז־נאַציאָנאַלע איינהייט, נאָך איידער זיי האָבן געהאט אן אייגן לאַנד; צווייטנס, די לפי ערך קורצע צייט וואָס יידן האָבן געלעבט אויף זייער אייגן לאַנד, און אפילו אין דער דאָזיקער קורצער צייט האָט — אין בית שני — א גרויסער טייל יידן (אפשר דער גרעסטער טייל) געלעבט אויסער ארץ ישראל; דריטנס, די נאָך קירצערע צייט וואָס יידן האָבן געלעבט אומאָפּהענגיק פון פרעמדער הערשאַפט, אפילו ווען זיי האָבן געלעבט אין ארץ ישראל. פערטנס, די באשטימענדיקע ראָלע וואָס די יידישע רעליגיע האָט געשפּילט אין דעם פארלויף פון דער גאַנצער יידישער געשיכטע, קומען מיר צום שלוס, אַז דער יסוד פון דער יידישער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ איז די יידישע תורה — ווי מיר האָבן אויבן געזען איז דער עטישער מאָנאָטעאיזם דער תוך פון דער יידישער תורה — און ניט קיין טעריטאָריע. ארץ ישראל איז זיכער געווען א וויכטיקער מיטווירקנדיקער פאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק. דער הויפּט פאַקטאָר אָבער

איז געווען די יידישע רעליגיע. א דאַנק זייער רעליגיע, איז ביז היינטיקן טאָג, ארץ ישראל פארבליבן ביי יידן דאָס הייליקע לאַנד; די יידישע רעליגיע האָט געהייליקט דאָס לאַנד.

די נאָמאַדישע פעלקער זיינען אומגעקומען אין די שטענדיקע מלחמות וואָס זיי האָבן געפירט צווישן זיך; אזוי ארום איז אין דער היינטיקער צייט פאַרבליבן בלויז רעשטלעך פון די אַמאָליקע ווייט־פאַרשפרייטע נאָמאַדישע פעלקער און זייערע קולטורן, דאָס יידישע פאָלק איז אין דעם פרט א יוצא מן הכלל. זיי האָבן ניט נאָר איבערגעלעבט די אלטע נאָמאַדישע פעלקער, נאָר זיי האָבן אויך איבערגעלעבט גרויסע מעכטיקע אגריקולטור פעלקער וואָס האָבן געבויט גרויסע אימפעריעס, ווי אשור, בבל, רוים וכדומה. וואונדערן זיך געלערנטע און פרעגן, פונוואַנעט האָט דאָס יידישע פאָלק גענומען די כוחות אויפצוהאַלטן זיין אייגנאַרטיקע עקזיסטענץ אונטער אזעלכע אויסערגעוויינלעכע שווערע באַדינגונגען. דער תירוץ אויף דעם געפינען מיר אין דער יידישער תורה. דער עטישער מאָנאָטעאיזם איז געווען דער גייסטיקער קוואַל פון וועלכן די יידן האָבן געשעפט כוחות בייצוקומען אַלע שוועריקייטן און צו דער אייגענער צייט נאָך באַאיינפלוסן גאָר א גרויסן טייל פון דער מענטשהייט (ווי מיר האָבן דאָס געזען אויבן) מיט זייער אידעאַל. עס ווייזט אויס (בלויז א סברה), אז די איבעריקע פעלקער וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט האָבן ניט געהאַט אַזאַ אריכת ימים מחמת זיי האָבן ניט פאַרמאָגט אַזאַ רייכן גייסטיקן באַגאַזש ווי די יידן, הגם יעדער איינער פון די דאָזיקע פעלקער האָט בייגעטראָגן אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן צום מענטשלעכן פראָגרעס. דער גריכישער בייטראַג, הגם ער איז פון גאָר גרויסער באַדייטונג פאַר דער מענטשלעכער קולטור, האָט אָבער ניט אנטהאַלטן אין זיך דעם כח אויפצוהאַלטן דעם קיום פון גריכישן פאָלק וואָס האָט אָט־דעם בייטראַג געשאַפן.

6

אויפן גרונט פון דער ערשטער לעקציע מעגן מיר ציען דעם שלוס, אַז דער וויטערדיקער קיום פון יידישן פאָלק איז אָפּהענגיק פון זיין וויטערדיקן שאַפן אויפן רעליגיעזן געביט.

אין פלוג קאָן מען פרעגן פון וואַנעט איז דאָס געדרונגען, אַז אויך ווייטער אין דער צוקונפט מוז דאָס אָנגיין אַזוי ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט ? אמת טאַקע, אַז אין דער פאַרגאַנגענהייט איז דער יידישער קיום געווען אָפּהענגיק פון רעליגיע, אָבער אין דער צוקונפט איז אפשר מעגלעך אַז דער יידישער קיום זאָל זיך באַזירן אויף אַן אנדער יסוד. געוויינטלעך ווערט די פראַגע געשטעלט פון די יידן וואָס האָבן זיך, צוליב געוויסע טעמים, דערווייטערט פון רעליגיע בכלל, אָבער אָפּזאָגן זיך פון יידישן פאָלק — ווילן זיי ניט, און היות ווי רעליגיע איז פאַר זיי אויס־געשלאָסן, זוכן זיי אַנאַנדער באַזיס פאַרן וויטערדיקן יידישן נאַ־ציאָנאַלן קיום.

דער פועל יוצא פון דער דאָזיקער זוכעניש, איז דער יידישער וועלטלעכער נאַציאָנאַליזם, וועלכער קאָן איינגעטיילט ווערן אין צוויי הויפּט ריכטונגען: די טעריטאָריאַליסטישע און סאָציאַליס־טישע ריכטונג. די ציוניסטן און סאָציאַליסטן וועלכע האָבן באַוויזן צו באַאיינפלוסן דעם יידישן לעבן דורך באַדייטנדע אָרגאַניזאַציעס (די פאַרשידענע ציוניסטישע און סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס) פאַרטרעטן די דאָזיקע צוויי הויפּט ריכטונגען. עס זיינען אויך פאַראַן קלענערע גרופּירונגען אינערהאַלב און ארום די דאָזיקע צוויי הויפּט ריכטונגען, זיי גייען זיך פאַנאַנדער בלויז אין געוויסע פּרטים, אָבער אין זייער אלגעמיינעם כאַראַקטער באַלאַנגען זיי צו

איינער אדער דער אַנדערער פון די צוויי הויפּט ריכטונגען. אונדזער אַרגומענטאַציע בנוגע די הויפּט ריכטונגען וועט שוין ממילא דעקן די קלענערע גרופּירונגען.

דער צד השוה פון די דאָזיקע צוויי ריכטונגען, איז זייער וועלטלעכקייט, ד. ה., בײדע זאָגן זיך אָפּ פון רעליגיע אלס א באַזע פאַרן וויטערדיקן יידישן נאַציאָנאַלן קיום. בײדע (חוץ דער מזרחי אָפּטיילונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג) זיינען מיט דער מיינונג, אז רעליגיע איז א פּריוואַט זאַך. דער יחיד מעג זיך אויסקלייבן וועלכע רעליגיע אים געפעלט, אדער זיך אינגאנצן אָפּזאָגן פון רעליגיע, מיט זיין מיטגלידערשאַפט אין דער נאַציאָן האָט דאָס לחלוטין ניט צו טאָן. זיי גייען זיך פאַנאַנדער בלויז בנוגע דעם נייעם באַזיס פאַרן וויטערדיקן יידישן נאַציאָנאַלן קיום, וואָס דאַרף פאַרנעמען דעם אָרט פון דער יידישער רעליגיע. די ציוניסטן שלאָגן פאָר טעריטאָריע און מלוכה (צו דאָס זאָל זיין דוקא ארץ ישראל, אָדער א וועלכע עס איז אנדערע טעריטאָריע, וועגן דעם איז פאַראַן חילוקי דעות אינערהאלב דער טעריטאָריאַ־ליסטישער ריכטונג) בעת די סאָציאַליסטן שלאָגן פאָר דעם סאָציאַליסטישן אידעאל אָנגעקליידעט אין דער יידישער וועלט־לעכער קולטור, אלס באַזיס פארן וויטערדיקן יידישן קיום.

ווילן מיר לכתחילה קלאָר מאַכן, אז מיר האָבן גאָרניט דאָגעגן די פּראַקטישע טעטיקייטן פון די ציוניסטן פאַרן אויפבוי פון ארץ ישראל. אדרבא, מיר האַלטן אז אפילו אין גלות איז א קאָמ־פּאַקטער יידישער ישוב א גרויסער געווינס פאַרן יידישן פאָלק, סיי מאַטעריעל סיי גייסטיק, בפרט נאָך אויף אן אייגן לאַנד מיט אן אייגענער פאַרוואַלטונג, איז דאָס אודאי א ווינשנסווערטע אונטער־נעמונג וואָס דאַרף אונטערשטיצט ווערן. מיר גייען זיך אָבער פאַנאַנדער מיטן פילאָזאָפישן אַספּעקט פון ציוניזם, ד. ה. מיט דעם ציוניסטישן באַנעם וועגן יידישקייט און במילא מיט דעם בליק פון די ציוניסטן בנוגע דעם וויטערדיקן שאַפן פון יידן אלס פאָלק.

זייער הויפּט חסרון באַשטייט אין דעם, וואָס זיי זיינען מבטל דעם יידישן לעבן אין גלות (שלילת הגלות). לויט זייער בליק זיינען די יידן אין גלות פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג. זייער גאַנצע האָפנונג באַשטייט אין ראַטעווען בלויז א קליינעם פּראָצענט פון יידישן פאָלק דורך באַזעצן אים אין ארץ ישראל. צו ראַטעווען דעם גאַנצן, אָדער לכל הפחות דאָס רוב פון פאָלק אויף אַזאַ אופן איז מאַטעריעל ניט מעגלעך. אָט דער פּעסימיסטישער בליק אויפן יידישן לעבן אין גלות, איז א פועל יוצא פון זייער וועלטלעכן שטאַנדפּונקט. היות ווי זיי זיינען אליין מער ניט רעליגיעז, קאָנען זיי ניט משיג זיין די מעגלעכקייט, אַז דאָס יידיש פאָלק זאָל ווייטער עקזיסטירן, אין גלות, מיטן כוח פון רעליגיע, און אזוי ווי זיי ווילן פאָרט אויפהאַלטן דאָס יידיש פאָלק, האָבן זיי זיך געכאַפּט פאַרן סעקולאַרן נאַציאָנאַליזם וואָס האַלט זיך אין איין פאַר־שפּרייטן און פאַרשטאַרקן אין דער ציוויליזירטער וועלט, זינט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. פאַר פעלקער וואָס לעבן אויף אַן אייגע־נער טעריטאָריע, איז דער סעקולארער נאַציאָנאַליזם אפשר א מעלה. מיר אונטערשטרייכן דעם וואָרט אפשר, ווייל דער פאַרשאַרפטער שאָוויניזם אין זיין פאַשיסטישער און נאַצישער געשטאַלטונג זיינען דאָך לייבלעכע קינדער פון סעקולאַרן נאַציאָנאַליזם. דעריבער שטייט זיין גאַנצער אויפטו אונטער א פראגעצייכן ניט נאָר פאַרן יידישן פאָלק, וואָס האָט פאַר טויזנטער יאָרן געלעבט אין גלות און וועט נאָך מסתמא פאַר א גאַנץ לאַנגע צייט אזוי לעבן, נאָר אויך פאַר אלע איבעריקע פעלקער.

פאַר אמתע אומגלויביקע יידן — ד. ה. פאַר די יעניקע וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן א חשבון הנפש וועגן די עקרים פון רעליגיע און זיינען געקומען צום שלוס, אַז פאַר זיי איז דער ענין רעליגיע אינגאַנצן אויסגעשלאָסן — איז אפשר קיין אַנדער אויסוועג, ווי דער ציוניזם, ניט פאַראַן. ווילן מיר דאָ אָנווייזן, אַז אַזעלכע אמתע

„אפיקורסים” זיינען פאראן גאר ווייניק אין יידישן פאלק. די איבערוועגנדע מערהייט, וואס האט פארלאזן דעם יידישן רעליגיעזן לעבנסשטייגער, האט עס ניט געטאן מחמת אטעאיסטישער איבערצייגונג, נאר פשוט צוליב לייכטזיניקייט. ווי מיר האבן דאס געזען אויבן, ווען מיר האבן ארומגערעדט דעם שטייגער פון לעבן הנחה, איז אין א גרויסער מאס, אין דעם שולדיק די צו קאנסערוואטיווע ארטאדאקסיע, מיט דעם, וואס זי האט פארנאכלעסיקט די אמתע רעליגיעזע דערציאונג און האט זיך איינגעשטעלט דער עיקר פאר אפהיטן דינים און מנהגים, וואס פילע פון זיי האבן פארלארן זייער באדייטונג פאר דער היינטיקער צייט. די וויכטיקסטע סיבה פארן אפגעשוואכטן אינטערעס פאר רעליגיע ביי יידן, איז די אפגעשוואכטע פאזיציע וואס רעליגיע פארנעמט אין דער וועלט בכלל, (פאר דעם פאקט זיינען פאראן פארשידענע דערקלערונגען, ווי דער שנעלער וואוקס פון דער וויסנשאפט וכדומה). בײדע וועלטלעכע ריכטונגען, זיינען געשאפן געווארן פון מענטשן, וואס זיינען געשטאנען אונטער דער השפעה פון אזא עפאכע. דערמיט דערקלערט זיך זייער ארעליגיעזער הינטערגרונט. דאס איז אבער בלויז א היסטארישער צופאל, וואס קאן און דארף אויסגעבעסערט ווערן. אין דער מענטשלעכער געשיכטע זיינען פאראן צייטן ווען דער רעליגיעזער איינפלוס איז אמאל גאר שטארק און אמאל אביסל שוואכער, ער איז אבער אלעמאל א וויכטיקער גייסטיקער פאקטאר אין מענטשלעכע האנדלונגען. דאס איז אמת בנוגע אלע פעלקער און בפרט נאך בנוגע דעם יידישן פאלק ביי וועמען רעליגיע האט געשפילט אזא וויכטיקע ראלע אין זיין נאציאנאלן קיום דורך אזוי פיל דורות. דאס רוב פון יידישן פאלק זיינען נאך עד היום באוואוסטזיניק רעליגיעז, און אפילו די יעניקע וואס האבן זיך דערווייטערט פון יידישן טראדיציאנעלן לעבן זיינען — חוץ א קליינעם מיעוט — אינערלעך

רעליגיעז. גאָר א סך פון די יידן, וואָס געפינען זיך אין ציוניס־טישן לאַגער, זיינען דאָרטן ניט מחמת זיי קאָנען מער זיך ניט האַלטן ביים רעליגיעזן יסוד, נאָר ווייל זיי האָבן זיך פשוט ניט פאָנאַנדערגעקליבן אין דעם ענין ווי עס באדאַרף צו זיין. דער רעליגיעזער מאָמענט, איז נאָך עד היום א וויכטיקער פאַקטאָר אין יידישן לעבן און רעליגיע קאָן דינען אַלס יסוד פאַר דעם ווייטערדיקן נאַציאָנאַלן קיום פון יידישן פאָלק.

ווייטער ווילן מיר אָנווייזן, אַז דער פעסימיסטישער בליק פון ציוניזם בנוגע דעם יידישן לעבן אין גלות איז אינגאַנצן פרעמד דעם יידישן גייסט. דער גרונטשטריך פון יידישן כאַראַקטער איז זיין אָפּטימיזם, אָן דער טיף איינגעוואָרצלטער אמונה, אַז דער לעבן איז אין עצם גוט און ווערטפול, אָן דעם גלויבן אין מענטשלעכן פּראָגרעס און אָן דעם גלויבן אין דעם „באחרית הימים", אז סוף כל סוף וועט דאָס גוטע גובר זיין דאָס שלעכטע, וואָלט דאָס יידיש פאָלק ניט געקאָנט דורכמאַכן אַזאַ לאַנגן און שווערן גלות, און עס וואָלט פון אים שוין לאַנג ניט פארבליבן קיין זכר, אזוי ווי דאָס האָט פּאַסירט מיט פילע אנדערע פעלקער. ווי מיר האָבן אויבן געזען, איז דער עטישער מאָנאָטעאיזם דורכגעדרונגען מיט אַן אָפּטימיסטישן וועלט־באַנעם. פון דאַזיקן קוואַל האָט דאָס יידיש פאָלק געשעפּט כוחות בייצושטיין די שווערע ניסיונות אין דער פאַרגאַנגענהייט און עס איז ניטאָ קיין גענוגנדע אורזאך, פאַר־וואָס מען זאָל מסכים זיין מיט דער ציוניסטישער סברה, אַז אין דער צוקונפט וועלן די יידן אין גלות אונטערגיין.

דער סאָציאַליסטישער אידעאַל אין זיינע הויפּט שטריכן, ד. ה. זיין שטרעבן צו שאַפן א בעסערע געזעלשאפטלעכע אָרדנונג, איז זייער נאָענט דעם יידישן גייסט. אין דעם פּרט איז דער סאָציאַליזם די פאָרטזעצונג פון דער נביאישער עטיק, צוגעפּאַסט צו די מאָדערנע עקאָנאָמישע באַדינגונגען. א דאַנק דער דאָזיקער

קרובהשאַפט, איז דער סאָציאַליסטישער אידעאַל מסוגל צו פאַר־נעמען זייער א חשובן אָרט אין דער פאַרטזעצונג פון יידישן נאַציאָנאַלן קיום. דאָס קאָן אָבער פאַסירן בלויז מיטן תנאי, אז ער זאָל זיך באַפרייען פון זיין מאַטעריאַליסטישן יסוד, פון דער מאַרק־סיסטישער פילאָזאָפיע, מחמת די מאַטעריאַליסטישע וועלט־אָנשוי־אונג איז אקוראַט דער היפוך פון דער נביאישער עטיק, וואָס איז באַזירט אויפן מאָנאָטעאיזם.

די וועלטלעכע סאָציאַליסטן, אָ דאַנק זייער קעגנערשאַפט צו רעליגיע, געפינען זיך אין דער זעלביקער לאַגע וואָס די ציוי־ניסטן. אויך זיי ניט קאָנענדיק משיג זיין די מעגלעכקייט, אַז דאָס יידיש פאָלק זאָל אויף ווייטער אָנהאַלטן זיין עקזיסטענץ אויפן רעליגיעזן באַזיס, האָבן אנטליען דעם איירָאָפּעאישן אזוי־גערו־פענעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, האָבן אים אָנגעקליידט מיט א וועלטלעכער יידישער קולטור און שלאָגן אים פאַר אלס אָ נייעם באַזיס פאַרן ווייטערדיקן יידישן נאָציאָנאַלן קיום. אין זייער לאַנג־יאָריקער געשיכטע האָבן יידן איבערגענומען געדאַנקען און אי־דעאלן פון אַנדערע פעלקער און זיי זיינען געוואָרן אינטעגראַלע טיילן פון יידישקייט, דורך דעם וואָס זיי האָבן זיי פאַראידישט, ד. ה. זיי האָבן זיי געענדערט אויף אַזאַ אופן, אַז זיי האָבן זיך געקענט אריינפּאַסן אין די ראַמען פון יידישן גייסטיקן כאַראַקטער. דער טעות פוןביידע וועלטלעכע ריכטונגען, סיי פון דעם ציוניזם און סיי פון דעם סאָציאַליזם, באַשטייט אין דעם, וואָס זיי האָבן איבער־גענומען פרעמדע אידייען: דעם סעקולאַרן נאָציאָנאַליזם און דעם מאַטעריאַליסטישן סאָציאַליזם, און האָבן ניט געמאַכט קיין פאַרזוך זיי צו פאַראידישן. זיי האָבן זיי בלויז געגעבן אַן אויסערלעכן לבוש, אָבער אינערלעך זיינען זיי געבליבן אינגאַנצן פרעמד דעם יידישן גייסט. א פאָלק וואָס פאַרמאָגט דעם דראַנג און דעם ווילן אויפצוהאַלטן זיין עקזיסטענץ, איז אַן אָרגאַניש וועזן וואָס האַלט

זיך כסדר אין אַנטוויקלען, עס קאָן אָבער ניט מיט איינמאָל אינ־גאַנצן איבערדרייסן מיט זיין עבר און זיך פאַרוואַנדלען אין דעם היפוך פון דעם וואָס עס איז געווען. די ענדערונגען וואָס קומען פאָר מוזן זיין אין הסכם מיט זיין פאַרגאַנגענהייט.

חוץ דעם, האָבן די געשעענישן פון דער לעצטער צייט באַוויזן די פאַלשקייט פון דער מאַטעריאַליסטישער גרונט הנחה פון סאָ־ציאַליזם. קאַרל מאַרקס האָט געמיינט, אז אין געזעלשאַפטלעכע ענינים, ד. ה. אין דער מענטשלעכער געשיכטע, ארבעטן געזעצן, אומאָפּהענגיק פון מענטשלעכן ווילן און פאַרשטאַנד, אַזוי ווי אין דער פיזיקאַלישער נאַטור. ער האָט אויך געמיינט, אז ער האָט אויסגעפונען וואָס די געזעצן זיינען. די דאָזיקע טעאָריע פון דער מאַרקסיסטישער לערע איז באַוואוסט, אלס דער „עקאָנאָמישער דעטערמיניזם״. אויפן גרונט פון די דאָזיקע געזעצן, האָט קאַרל מאַרקס פאָראויסגעזאָגט, אז דער סאָציאַליזם מוז קומען אלס א נויטווענדיקער פועל יוצא פון קאַפּיטאַליזם. גלייךביים אָנפאַנג איז די דאָזיקע אויפפאסונג פון מענטשלעכע געשעענישן שטאַרק באַקעמפט געוואָרן. מען האָט אָנגעוויזן, אז אויף מענטשלעכע האנדלונגען ווירקן, חוץ דעם עקאָנאָמישן פאַקטאָר אויך אנדערע פאַקטאָרן, ווי נאַציאָנאַלע, עטישע, רעליגיעזע, א. א. וו. וועגן דער דאָזיקער פּלוגתא איז געשאַפן געוואָרן א רייכע ליטעראַטור. אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט געזיגט די מאַרקסיסטישע שיטה, אויפן גרונט פון די דאָזיקע הנחות, האָבן זיך געשאַפן גרויסע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אין דער גאנצער וועלט. אלס א פועל יוצא פון דער לעצטער וועלט־מלחמה, האָבן די סאָציאַ־ליסטן פון מאַרקסיסטישן חדר באַקומען די מעגלעכקייט דורכצופירן אין דער פּראַקטיק זייערע סאָציאַליסטישע פּרינציפּן אויף גאָר אַ גרויסן מאַסשטאַב ווי אין סאָוועטן־פארבאנד, די רעזולטאַטן פון דעם דאָזיקן פארזוך אין סאָוועטן־פארבאנד, די אנטשטייאונג פון פאַשיזם אין איטאַליע און פון דעם נאַציזם אין דייטשלאנד און אלס

א פועל יוצא פון דעם אלעם דער אָפּגעשוואַכטער מצב פון סאָ־ציאַליזם אומעטום, האָבן באַוויזן די פאַלשקייט פון דעם אַזוי־גערופענעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם.

קאַרל מארקס האָט קלאָר דערזען די אינוועניקסטע סתירה אין דער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמישער סטרוקטור, צווישן דעם קאָלעקטיוון אָדער געזעלשאַפטלעכן אופן פון פּראָדוקציע און די אַלטע יורידישע פאָרמען פון פּריוואַט אייגנטום, ד. ה. צווישן דעם אופן ווי אַזוי די פּראָדוקטן פון לעבן ווערן היינט פּראָדוצירט מיט די מאָדערנע פּראָדוציר מיטלען, אַוואו גרויסע מאַסן אַרבעטער ווערן באַשעפטיקט אויף א גרויסער פאַבריק, און דעם יורידישן סיסטעם פון א פּריוואַט אייגנטום פון די גיגאַנטישע פּראָדוציר מיטלען און די פּראָדוקטן וואָס ווערן מיט זיי געשאַפן. אַט דאָס סיסטעם פון פּריוואַט אייגנטום שטאַמט פון א פריערדיקער פּעריאָדע, ווען דער אייגנטימער פון די פּראָדוציר מיטלען האָט זיך אַליין באַנוצט מיט זיינע אייגענע געצייג, דאַן האָט דאָס סיסטעם פון פּריוואַט אייגנטום געשטימט מיטן אופן פון פּראָדוקציע. ווען ער האָט דעם פּראָדוקט אַליין געשאַפן מיט זיינע אייגענע געצייג איז מיט רעכט דער פּראָדוקט געווען זיין אייגנטום. אבער, אין דער מאָדערנער צייט, ווען די אַמאָליקע איינפאַכע געצייג האָבן זיך אַנטוויקלט אין קאָמפּליצירטע מאַשינען, אַוואו דער אינדיווידועלער אופן פון פּראָדוקציע איז פיזיש מער ניט מעגלעך, איז דאָס אַלטע סיסטעם פון פּריוואַט אייגנטום מער ניט צוגעפּאַסט צום נייעם אופן פון פּראָדוקציע. אויפן סמך פון דעם דאָזיקן אַנאַליז און לויט זיין מאַטעריאַליסטישן וועלט־באַנעם, האָט קאַרל מארקס פאָר־אויסגעזאָגט די אָפּשאַפונג פון פּריוואַט אייגנטום, און אַלס א פועל יוצא פון דעם, האָט ער געמיינט (לויט די אַזוי־גערופענע אייזערנע געזעצן) וועט שוין ממילא קומען די באַפרייאונג פון אַרבעטער קלאַס, און מיט דעם די גאולה פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. די

געשעענישן פון דער לעצטער צייט האָבן באַוויזן, אז קארל מארקס האָט געמאכט א טעות, (ער איז פאַרפירט געוואָרן פון דער מאַטע־ריאַליסטישער השקפה פון זיין צייט) פריוואט אייגנטום פון די פראָדוציר מיטלען קאָן אינגאנצן אָפגעשאפט ווערן, אזוי ווי אין סאָוועטן פארבאנד, אָדער שטארק באשרענקט ווערן, ווי אין פאַשיסטיש־נאַציסטישע לענדער, און דאָך זאָל דאָרטן עקזיסטירן די גרויזאַמסטע דיקטאַטור וואָס די וועלט האָט ווען עס איז געזען. די מאָדערנע טעכניק גיט דער מאָדערנער דיקטאַטור א סך שטאַרקערע מיטלען מיט וועלכע צו באַהערשן א גאנץ פאָלק, ווי ווען עס איז אין דער פארגאנגענהייט, ווען דער יחיד איז עקאָנאָמיש ניט געווען אזוי שטארק אָפהענגיק פון דער צענטראַלער מאַכט. די זעלביקע מאַטעריעלע פאקטאָרן; די אנטוויקלונג פון דער מאָדערנער טעכניק מיט איר פועל יוצא, מאסן פראָדוקציע, אויף וועלכן גרונט קארל מארקס האָט פאָראויסגעזאָגט די גאולה פון דער גאַנצער מענטשהייט, האָט אין דער ווירקלעכקייט ארויסגעבראכט דעם סאַמע היפוך פון דעם, וואָס ער האָט דערוואַרט. דאָס באַווייזט, אז די קריטיקער פון מאַרקסיזם זיינען געווען גערעכט. דער מאַטעריאַליסטישער יסוד פון סאָציאַליזם מיט זיינע אזוי־גערופענע געזעצן, האָבן זיך ארויסגעוויזן צו זיין אן אילוזיע. דער סאָציאַליזם נויטיקט זיך אין א נייעם יסוד.

אין דער היינטיקער ציוויליזירטער וועלט שטייט דער מענטש פאַר אַ מאָדנער רעטעניש. לויט די טעכנישע מעגלעכקייטן וואָס מיר פאַרמאָגן, זיינען מיר בכוח צופרידנשטעלן, לכל הפחות, די סאַמע נויטיקסטע באַדערפענישן פון אַלע מענטשן. דאָך געפינען מיר, אַז א גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג אין אַלע ציווי־ליזירטע לענדער, ליידן מאַנגל אין די סאַמע נויטווענדיקסטע באַדערפנישן. פרעגט זיך פארוואָס זאָלן מענטשן ליידן אונטער אזעלכע באַדינגונגען ? דער תרוץ איז, אַז מיר האָבן זיך נאָך

דערוויילע ניט דערטראכט, ווי אזוי איינצואָרדנען מענטשלעכע באַציאונגען אויף אַזאַ אופן, מחמת דער מענטש איז א קאָמפּליצירט וועזן מיט פארשידענע גייסטיקע אינטערעסן, אַז זיי זאָלן אַלע קאָנען געניסן די פולע מאָס פון דער טעכניש מעגלעכער שפע, אונדזערע ידיעות וועגן טויטער נאַטור און די טעכניק ווי אזוי זי צו באַהערשן, האָבן ווייט אריבערגעיאָגט אונדזער וויסן און פאַרשטאַנד וועגן דעם מענטשנס גייסטיקער נאַטור. די טעכנישע מעגלעכקייטן אָפּצושאַפן נויט און אָרימקייט, הגם זיי זיינען אומ־באַדינגט וויכטיק, זיינען פונדעסטוועגן אליין ניט בכוח צו פאַר־ווירקלעכן דעם סאָציאַליזם, ד. ה. צו שאַפן א שענערע און בעסערע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג. כדי דאָס צו דערגרייכן, פאָדערן זיך שענערע און בעסערע מענטשן, מענטשן, וואָס זאָלן זיך קאָנען דערהויבן איבער זייער אייגננוץ און ארבעטן מיטן גוטן ווילן לטובת הכלל. אין אַנדערע ווערטער, כדי צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם, וועט דער מענטש זיך מוזן דערהויבן אויף אַ העכערער מאָראַלישער מדרגה.

די פּראַקטיק האָט באַוויזן, אַז דער סאָציאַליזם אין דער מאַרקסיסטישער געשטאַלטונג, אַ דאַנק זיין מאַטעריאַליסטישן יסוד, איז ניט מסוגל צו שאַפן די דאָזיקע מאָראַלישע דערהויבונג. די ווירקונג פון מאַטעריאַליסטישן וועלט־באַנעם גייט אין דער פאַר־קערטער ריכטונג. דער דירעקטער רעזולטאַט פון זיין לערע, — אַז אַלע מענטשלעכע גייסטיקע שטרעבונגען, אלע זיינע באַגריפן פון גוט און שלעכטס, אמת און שקר, שיין און מיאוס, זיינען אין דער לעצטער ליניע, ניט מער ווי א פּראָדוקט פון די געזעצן וואָס הערשן אין דער מאַטעריעלער וועלט — איז אָט וואָס: ער שוואַכט אָפּ דעם מאָרילישן כח פון מענטשן. מיט דעם וואָס מאַרקס רעדוצירט גייסטיקע ווערטן צו טויטער מאַטעריע, נעמט

ער צו ביים מענטשן זיין זעלבסטשטענדיקע גייסטיקע חשיבות און דערנידעריקט אים אין זיין תוך צום מצב פון נידעריקערע ברואים.

פרעגט זיך, וואו איז דער אויסוועג פון דער דאָזיקער סיטואַציע? איז דער תירוץ, מיר מוזן זיך אָפּזאָגן פון מאַטעריאַליזם, ווייל ער פּאַסט זיך ניט פאַר אונדזער סאָציאַליסטישן אידעאַל, און מיר מוזן דעם סאָציאַליזם באַזירן אויף אַזאַ וועלט־באַנעם, וואָס וועט געבן דעם מענטשן דעם כח זיך צו דערהויבן צו דער נויטיקער מאָראַלישער הויך, וואָס די פאַרווירקליכונג פון סאָציאַליזם פאַדערט. אזא מין וועלט־באַנעם איז דער עטישער מאָנאָטעאיזם.

צווישן די גייסטיקע פאַקטאָרן, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, פאַרנעמט רעליגיע דעם וויכטיקסטן אָרט. די פאָרשטעלונג און דער גלויבן, אַז אין דער וועלט זיינען פאַראַן כוחות אָדער וועזנס, וואָס שטייען העכער איבער דעם מענטשן, דער אינערלעכער געפיל, אַז צווישן די דאָזיקע כוחות אָדער וועזנס און דעם מענטשן זיינען פאַראַן געוויסע פאַרבינדונגען און, אז דורך געוויסע מעשים קאָן זיך דער מענטש דערנענטערן צו די דאָזיקע העכערע וועזנס, האָבן זיכער געהאָלפן דעם מענטשן זיך צו דער־הויבן צו העכערע גייסטיקע ספערן און אַ דאַנק דעם צו בעסערע מאַטעריעלע באַדינגונגען. פאַר גאָר א סך דורות האָט רעליגיע ארומגענומען אַלע צווייגן פון מענטשלעכער טעטיקייט. אין פאַר־לויף פון יענער צייט איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון די היינטיקע וויסנשאַפטן. די ערשטע טריט פאָראויס פון מענ־טשלעכן וויסן זיינען געמאכט געוואָרן אונטער דער דירעקטער השפעה פון רעליגיע. און אפילו אין די לפי ערך שפּעטערדיקע צייטן, אין א פעריאָדע פון רעליגיעזער צוריקגעשטאַנענקייט, ווען די וויסנשאַפטן האָבן זיך געמוזט אָפּזאָגן פון געוויסע פאַר־גליווערטע קירכלעכע דאָגמעס, האָט דאָס ניט געמיינט דאָס אָפּזאָגן

זיך פון רעליגיע בכלל. די וויסנשאפטלער האָבן ניט אויפגעהערט באוווירקט צו ווערן פון די דינאַמישע רעליגיעזע געפילן, וואָס העלפן דעם מענטשן אין זיין כסדרדיקן גאַנג פאָראויס. אָן דעם גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון עפּעס העכערס צו וואָס מען קאָן שטרעבן, וואָלט קיין פּראָגרעס ניט מעגלעך געווען. עס איז ווערט צו באַמערקן, אז די רעליגיע הגם זי געפינט זיך אין דער היינטיקער צייט אין א ירידה צושטאַנד, איז זי דאָך דער איינציקער כוח וואָס האָט זיך אָפּן אנטקעגנגעשטעלט דעם נאַציזם אין דייטשלאַנד. דער מאָנאָטעאיזם ד. ה. דער גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון א פּערפעקטן וועזן, גאָט, און מיט דעם, דער גלויבן, אז צווישן גאָט און דעם מענטשן זיינען פאַראַן געוויסע שייכותן אָדער פאַרבינדונגען, האָבן אין אלע צייטן געגעבן דעם מענטשן נייע כוחות, אים געהאָלפן זיך אויפצוהויבן אלץ העכער, אויף אַלע געביטן פון זיין שאַפן. ווי מיר האָבן פריער געזען, צייכנט זיך דערצו אויס דער עטישער מאָנאָטעאיזם, מיט דעם וואָס ער שטעלט אַוועק דעם עטישן פּרינציפּ פון „ואהבת לרעך כמוך" אלס דעם וועג אויף וועלכן דער מענטש קען זיך דערנענטערן צו גאָט. אויף דעם גרונט קומען מיר צום שלוס, אז אַזאַ וועלט באנעם וואָס איז דורכגעדרונגען מיטן אָפּטימיסטישן בליק אויפן לעבן, פּאַסט זיך אין אלע פּרטים צו פאַרנעמען דעם אָרט פון מאַטעריאַליזם, אלס יסוד פון סאָציאַליסטישן אידעאַל וועלכער שטרעבט צו שאַפן א שענערע און בעסערע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג.*)

בנוגע רעליגיע אלס אַ פּראָגרעסיוון פאַקטאָר, וועט מען מסתמא אָנווייזן אויפן פאַקט, אז אין דער מענטשלעכער געשיכטע זיינען פיל מלחמות פאָרגעקומען און פיל פאַרברעכנס

---

*) פאר מער איינצלהייטן ווי אזוי דער רעליגיעזער געדאנק קאָן פאַרבונדן ווערן מיטן מאָדערנעם סאָציאַליזם שיקן מיר אָפּ דעם לייענער צו אונדזער עסיי „טעזיסן פאַר א רעליגיעזן סאָציאַליזם".

ווערן נאָך עד היום באַגאַנגען אין איר נאָמען. מיט דעם איז מען אויסן צו באַווייזן, אַז די דאָזיקע שלעכטע מעשים זיינען א רעזולטאַט פון רעליגיע. ווילן מיר אָנמערקן, אז דאָס איז ניט דווקא דער פאַל בנוגע רעליגיע, דאָס איז אויך אמת בנוגע אַלע מענטשלעכע אידעאלן. נידערטרעכטיקייטן זיינען באַגאַנגען געוואָרן אין נאָמען פון יושר, מענטשלעכער חשיבות, פרייהייט וכדומה. מיט דער דאָזיקער לאָגיק וואָלט מען געדאַרפט אָננע־מען, אַז שלעכטע מעשים זיינען א רעזולטאַט פון אונדזערע גוטע אידעאלן און דאָס איז דאָך אן אויבנאויפיקער אַבסורד, אזא באַנעם פון דעם ענין איז דורך און דורך פאלש, שלעכטע מעשים זיינען ניט דער רעזולטאַט פון אונדזערע גוטע אידעאַלן, שלעכטס איז דער פועל יוצא פון אונדזער אומפולקומענהייט, סיי פיזיש און סיי גייסטיק זיינען מיר באגרעניצט. ביים בעסטן ווילן קאָנען מיר זיך אָפט קיין עצה ניט געבן, מיר ווייסן ניט ווי אַזוי צו האַנדלען, ווייל אונדז פעלט דער פאַרשטאַנד אויסצוקלייבן דעם גוטן וועג. חוץ דעם זיינען נאָך די נייגונגען אין אונדז צו טאָן שלעכטס (די חיהשע אינסטינקטן) אַ סך שטאַרקער ווי די נייגונגען צו טאָן גוטס. רעליגיעזע אידעאַלן, אזוי ווי אלע אַנדערע גוטע אידעאלן העלפן אונדזערע גוטע נייגונגען גובר זיין די שלעכטע. און טאָקע דערפאַר ווייל דער מענטש פאַרמאָגט אין זיך צוזאַמען מיטן יצר הרע אויך דעם יצר טוב, קאָן ער ניט זיין אינגאנצן שלעכט. דעריבער באנוצט ער זיך, אמאָל באַוואוסטערהייט און אָפטער אומבאַוואוסטערהייט מיט דאָס גוטע צו פאַרדעקן די שאַנד פון דאָס שלעכטע. דאָס איז דער טעם פאַר־וואָס שלעכטע מעשים ווערן כמעט אַלעמאָל געטאָן אין נאָמען פון גוטע אידעאַלן.

דער ענין רעליגיע און סאָציאליזם און זייערע שייכותן איינער צום אַנדערן זיינען וועלט־פראָבלעמען און ניט דווקא קיין

ריין יידישע פּראָבלעמען. א טייל פון דער ציוויליזירטער וועלט איז שוין אריינגעפאלן אין פינצטערן תהום פון דער דיקטאַטאָרי־שער רעאַקציע, און אין די לענדער וואו עס האַלטן זיך נאָך די דעמאָקראַטישע רעגירונגס־פאָרמען, זיינען זיי אין געפאַר אריינגע־שלעפּט צו ווערן אין זעלביקן תהום, אויב זיי וועלן ניט געפינען קיין וועג ווי אזוי צו לייזן די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון אר־בייטסלאָזיקייט, אָרימקייט און נויט, בעת עס זיינען פאַראַן די טעכנישע מעגלעכקייטן, אַז אזעלכע איבלען זאָלן מער ניט עקזיס־טירן. מיליאָנען מענטשן אין אַלע לענדער האָבן געהאָפט, אַז דער מאַטעריאַליסטישער סאָציאַליזם וועט ברענגען די עקאָנאָמישע גאולה אויף דער וועלט. אונדזער אַנאַליז האָט באַוויזן דעם טעם פאַרוואָס די דאָזיקע האָפענונגען זיינען ניט פארווירקלעכט געוואָרן. מיר האָבן זיך אויך באַמיט אָנצוצייגן דעם וועג אויף וועלכן די פּראָ־גרעסיווע מענטשהייט דאַרף גיין בכדי אַז די האָפענונגען זאָלן קענען קומען צו זייער פאַרווירקלעכונג. אונדזערע וועלטלעכע ריכטונגען: די טעריטאָריאַליסטיש־ציוניסטישע און די מאַרקסיסטיש־סאָציאַליסטי־שע באַוועגונגען, אַ דאַנק זייער ארעליגיעזן וועלט־באַנעם, זיינען ניט מסוגל ריכטיק אָפּצושאַצן דעם גרויסן אויפטו פון אונדזער גייסטיקן עבר, דעם עטישן מאָנאָטעאיזם; און ממילא קאָנען זיי ניט זען די אויסערגעוויינטלעכע מעגלעכקייטן וואָס ער פאַרמאָגט, ניט נאָר פאַרן וויטערדיקן יידישן נאַציאָנאַלן קיום, נאָר אויך פאַר דער געדייאונג פון אַלע איבעריקע פעלקער פון דער גאַנצער וועלט. עס איז אונדזער טיפע איבערצייגונג, אז דער אמתער סאָציאַליזם וועט פאַרווירקלעכט ווערן צוזאַמען מיטן רעליגיעזן רענעסאַנס, נאָר דעמאָלט וועט מעגלעך ווערן די שאַפונג פון אן אמתן אינטערנאַציאָנאַל, ד. ה. די פאַרברידערונג צווישן פעלקער.

7

אצונד פרעגט זיך, וואָס זיינען די פּראַקטישע קאָנסעקווענצן פון אונדזערע טעאָרעטישע באַטראַכטונגען: וואָס דאַרפן מיר טאָן און וואָס טאָרן מיר ניט טאָן. מיר שטעלן אוועק די דאָזיקע פראגע, מחמת מיר האַלטן, אַז מיט טעאָריע אליין — הגם מיר קאָנען זיך ניט באַגיין אָן איר — קאָן מען ניט שאַפן קיין סאָציאַלע באַוועגונגען. דער יסוד און טרייב מאָטיוו פון די מענטשלעכע האַנדלונגען, זיינען דעם מענטשנס אינערלעכע איבערלעבונגען אדער פאַרשטעלונגען, טייל פון זיי ווערן אָנגערופן אידעאַלן אָדער טעאָריעס. ווען זיי זיינען פון אַ גרינטלעכן און טיף דורכגעטראכטן כאַראַקטער קאָנקרעטיזירן זיי זיך אין געוויסע מעשים. ווען עס האַנדלט זיך וועגן מעשים וואָס האָבן צו טאָן בלויז מיטן יחיד, איז דער יחיד ניט מחויב (הגם עס איז בעסער אויב ער טוט עס יאָ) קלאָר צו דעפינירן זיינע אידעאַלן, און ממילא איז ער אויך ניט מחויב צו באַשטימען פאָראויס צו וועלכע האַנדלונגען זיינע אידעאלן דארפן און וועלן פירן. אָבער, ווען עס האַנדלט זיך וועגן א באוועגונג, ד. ה. א בשותפותדיקער ארבעט פון אַ גאַנצן כלל מענטשן, דעמאָלט איז עס אומבאַדינגט נויטיק ניט נאָר פאָרויס קלאָר צו פאָרמולירן די טעאָרעטישע גרונט הנחות פאַר דער דאָזיקער ארבעט, נאָר עס איז אויך נויטיק א קלאָרע פאַרשטענדעניש וועגן די בשותפותדיקע האַנדלונגען וועלכע פאָלגן פון זיי. כדי אן אָרגאַניזירטע קערפּערשאפט זאָל קאָנען פונקציאָנירן ווי עס באדארפצוזיין, מוז זי האָבן א קאָנקרעטן פּלאַן פון ארבעט, ד. ה. מצוות, באַפעלן. זי דאַרף ויסן וואָס מען דאַרף טאָן און וואָס מען טאָר ניט טאָן; אָן דעם איז קיין בשותפותדיקע ארבעט ניט מעגלעך.

עס איז אבער פאַראַן אַ וויכטיקע נפקא מינה צווישן טעאָריע און פראַקטיק. טעאָריע לאָזט זיך גענוי דעפינירן, די פראַקטיק לאָזט זיך בשום אופן ניט גענוי באַשטימען. די טעאָריע אָדער דער אידעאַל איז געדאַנקלעך שוין אַ געשעענע זאַך, נאָך דעם ווען איינער האָט דורכגעטראַכט אַן ענין דורך און דורך, אין אלע זיינע געדאַנקלעכע פאַרבינדונגען און קאָנסעקווענצן, איז ער פאַר אים במחשבה א פאַרטיקע זאַך. דעריבער איז מעגלעך די טעאָריע גענוי צו באַשרייבן. אָבער, וואָס איז שייך מעשים ד. ה. דעם פרואוו צו רעאַליזירן דעם אידעאַל אָדער דורכפירן די טעאָריע אין פראַק־טישן לעבן קענען מיר אזא באשרייבונג ניט ליפערן, ווייל דאָ האַנדלט עס זיך וועגן עפּעס, וואָס דאַרף נאָך איצט געשען. אין אַזאַ פאַל איז קיין גענויע דעסקריפּציע פאָרויס ניט מעגלעך. און די טעמים דערצו זיינען צוויי. ערשטנס, זיינען מיר ניט בכוח פאָרויסצוזען אַלע מעגלעכע פאַסירונגען מיט וועלכע מיר וועלן זיך באגעגענען אין אונדזער ארבעט; צווייטנס, זיינען די באַדינגונגען אנדערש אין פארשידענע ערטער, און עס איז אוממעג־לעך פאָרויס צו באַשטימען אַלע פרטים פון דער דאָזיקער ארבעט אַזוי, אז זיי זאָלן זיך פּאַסן פאַר אַלע צייטן און אַלע ערטער. וואָס עס איז יאָ מעגלעך און נויטיק איז בלויז פאָרויס אָנצו־ווייזן די אלגעמיינע ריכטונג אָדער טענדענץ פון דער דאָזי־קער אונטערנעמונג. מיט אנדערע ווערטער, אין הסכם מיט די אָנגענומענע טעאָרעטישע גרונט הנחות, זיינען מיר מחויב פאָרויס אָנצואווייזן דעם אלגעמיינעם כאַראַקטער פון דער ארבעט. מיר דאַרפן אָנצייגן דאָס וואָס מיר וועלן מעגן טאָן און דאָס וואָס מיר וועלן ניט טאָרן טאָן. בנוגע דעטאלן, גענוי ווי אזוי און ווען די זאַך זאָל געטאָן ווערן, דאָס מוז איבערגעלאָזט ווערן צו דער צייט און אָרט וואו און ווען די ארבעט וועט געטאָן ווערן. אין דעם פּראָצעס פון דער ארבעט גופא ווערן די דעטאַלן באַ־שטימט.

ווען עס האַנדלט זיך וועגן טעאָרעטישע אָדער פּראַקטישע ענדערונגען, וועלכע דאַרפן געמאַכט ווערן אין לעבן פון אַ באַשטימטער געזעלשאַפטלעכער גרופּע, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן איר אייגנאַרטיקן המשך אין פאַרלויף פון אַ סך דורות, ווי דאָס איז דער פאַל מיטן יידישן פאָלק, דעמאָלט מוז מען זיך רעכענען מיטן פּראָבלעם פון טראַדיציע. טראַדיציעס זיינען געוויסע באַגריפן און ספּעציפישע אויפפירונגען, וועלכע ווערן איבערגעגעבן פון דור צו דור, און דורך וועלכע אַ געזעלשאַפטלעכע גרופּע האַלט אויף איר אייגנאַרטיקן כאַראַקטער במשך פון אַ לאַנגער צייט. די טראַדיציעס פון יידישן פאָלק באַשטייען פון געוויסע באַגריפן און אויפפירונגען וואָס גיבן אויסדרוק צו זיין אייגנאַרטיקן רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. אין דער יידישער טראַדיציע זיינען די עלעמענטן פון רעליגיע און נאַציאָן אַזוי ענג פאַרבונדן איינער מיטן אנדערן, אַז עס איז אוממעגלעך זיי פאַנאַנדערצוטיילן. דעם ערשטן פּרואוו זיי פאַנאַנדערצוטיילן, (לויט אונדזער מיינונג אָן דערפאָלג) איז געמאַכט געוואָרן פון רעפאָרם יידנטום, מיט דעם וואָס די רעפאָרמאַטאָרן האָבן זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון נאַציאָנאַלן עלעמענט און האָבן פּרובירט אויפהאַלטן זייער יידישן קיום בלויז דורך דעם ריין רעליגיעזן עלעמענט. שפּעטער האָבן די וועלטלעכע נאַציאָנאַליסטן געמאַכט אן ענלעכן פּרואוו פון פאַנאַנדערטיילונג נאָר אין דער פאַרקערטער ריכטונג; זיי (ווי מיר האָבן דאָס פריער געזען) זאָגן זיך לגמרי אָפּ פון רעליגיעזן עלעמענט. לויט זייער מיינונג איז רעליגיע אַ פּריוואַט זאַך פון יחיד. דער וויטערדיקער יידישער קיום דאַרף געבויט ווערן אויף ריין נאַציאָנאַלע מאָטיוון. ביידע מאַכן דעם אייגענעם טעות. זיי מיינען, אַז עס איז מעגלעך אָנצוהאַלטן דעם המשך פון יידישן קיום, בעת מען רייסט איבער מיט זיין היסטאָרישן מהות. דער וועלטלעכער נאַציאָנאַליזם פאַראורטיילט דעם גרעסטן

טייל פון יידישן פאָלק (די וואָס לעבן אין גלות) צום אונטערגאַנג. דער רעפאָרם יידנטום טוט דאָס זעלביקע דורך באַוואוסטזיניקער נאַציאָנאַלער אַסימילאַציע.

דאָס פּראָבלעם בנוגע טראַדיציע באַשטייט אין דעם ווי אַזוי אָנצוהאַלטן דעם גלייכגעוויכט צווישן צוויי נויטיקע און דאָך אַנטקעגנגעזעצטע טענדענצן. פון איין זייט גענומען איז טראַדיציע זייער וויכטיק, מחמת דורך איר האָט דאָס יידיש פאָלק באַוויזן אָנצוהאַלטן זיין המשך דורך אַזוי פיל דורות. דעריבער דאַרף מען ביי יעדער פאָרגעשלאָגענער ענדערונג, זיין זייער פאָרזיכטיק, אַז מען זאָל דערביי ניט איבעררייסן מיטן גרונט־כאַראַקטער פון זיין היסטאָרישן מהות. ווי מיר האָבן דאָס נאָר וואָס געזען, האָבן די וועלטלעכע נאַציאָנאַליסטן און דער רעפאָרם יידנטום געמאכט דעם דאָזיקן פאַטאַלן טריט. פון דער אנדערער זייט גענומען, מוזן אָבער ענדערונגען פאָרט געמאכט ווערן, אויב ניט, איז דאָ די געפאַר, אַז דאָס יידנטום וועט פאַרגליווערט ווערן און אַזוי אַרום פאַרלירן קאָנטאַקט מיטן געענדערטן אַרומיקן לעבן. ווי מיר האָבן אויבן געזען (ווען מיר האָבן באַהאַנדלט די „לעבן שטייגער הנחה״) האָט די אָרטאָדאָקסיע געמאכט דעם דאָזיקן פעלער און זיליידט טאָקע פון די קאָנסעקווענצן. אַזוי אַרום קען מען זאָגן, אַז מיר האָבן פאַר זיך צוויי קעגנגעזעצטע אויפגאַבן: קאָנסערווירן דאָס אַלטע אָבער אין דער זעלביקער צייט שטענדיק האָבן אין זינען, אַז מיר מוזן זיך כסדר צופּאַסן צו דאָס נייע. ווי אַזוי צו באַשטימען וועלכע ענדערונגען וועלן אַנטשפּרעכן די פאָדערונגען פוןביידע אויפגאבן איז א גאַנץ שווערער ענין. הגם מיר אַנערקענען, אַז גאַנץ אָפט איז שווער פאָרויס צו זאָגן מיט פּינקטלעכקייט וועלכע רעזולטאַטן א געוויסע ענדערונג וועט ברענגען, און דעריבער וועלן מסתמא טעותים ווייטער געמאַכט ווערן. פונדעסטוועגן איז ביי אונדז קיין ספק ניט, אַז א קלאָרע פאַרשטענדעניש בנוגע

דעם, וואָס מיר ווילן דערגרייכן דורך די ענדערונגען, וועט דעלפן אויסמיידן אזעלכע גראָבע גרייזן ווי די, אויף וועלכע מיר האָבן נאָר וואָס אָנגעוויזן. מיט דער דאָזיקער כוונה אין זינען שלאָגן מיר פאָר די פאָלגנדע דריי כללים:

1. ענדערונגען מוזן פון צייט צו צייט געמאַכט ווערן.

2. ענדערונגען זאָלן געמאַכט ווערן, נאָר ווען זיי זיינען אבסאָלוט נויטיק.

3. ביים מאַכן אַן ענדערונג דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק, אַז מען זאָל מיט דעם ניט איבעררייסן מיט די גרונט כאַראַקטער שטריכן פון יידישן היסטאָרישן עבר.

בנוגע דעם ערשטן כלל:

מיר לעבן אין אַ צייט ווען דער טעמפּאָ פון מענטשלעכן שאַפן האָט זיך שטארק פארשנעלערט. גרויסע אויפטואונגען ווערן געמאכט אין דער וויסנשאפט און טעכניק, און אַ דאַנק דעם קומען אומעטום פאָר וויכטיקע געזעלשאפטלעכע שינויים. אין אַזאַ צייט, טאָר דאָס יידנטום זיך ניט פאַרשליסן אין די ראַמען פון זיין גייסטיקן עבר און זיך ניט וויסנדיק מאכן פון אלץ וואָס קומט פאָר ארום אים. אַזאַ טעות האָט געמאַכט די אָרטאָדאָקסיע, און אַ דאַנק דעם פאַרלירט זי, וואָס ווייטער אַלץ מער איר השפעה אויפן יידישן פאָלק. כדי יידישקייט זאָל זיין א לעבעדיקער פאַקטאָר אין יידישן לעבן, מוז זי זיין פעאיק זיך צוצופּאַסן צו די געענדערטע באַדינגונגען ווען נויטיק. די גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע פירער ביי יידן דאַרפן פאַרמאָגן, ניט נאָר א גרינטלעכן יידישן וויסן, נאָר זיי מוזן אויך זיין גוט באהאוונט מיט אַלץ וואָס קומט פאָר אין דער מאָדערנער קולטור. נאָר אויף אַזאַ אופן וועט עס מעגלעך זיין פארן יידנטום ווי געהעריק אָפּצושאַצן אין ליכט פון יידישן היסטאָרישן וועלט באַנעם, נייע געזעלשאפטלעכע טענדענצן און אלץ וואָס עס קומט פאָר אין דער וויסנשאפט און

פילאָזאָפיע. די אָרטאָדאָקסיע ליידט זייער פון מאַנגל אין אזעלכע פירער. דאָס איז אַ פועל יוצא פון דער שעדלעכער איינזייטיקער דערציאונג וואָס זיי האָבן איינגעפירט אין די תלמוד תורות און ישיבות. זיי האָבן געמיינט, אַז מיט דעם וואָס זיי האָבן ניט צוגעלאָזט קיין וועלטלעכע בילדונג אין זייערע דערציאונג אינסטיטוציעס וועלן זיי אויסהיטן זייערע תלמידים פון פריידענקערישע טענדענצן, און דורך דעם וועלן זיי דערציען א דור פירער וואָס וועלן זיין תמימים אין זייער אמונה. די צייט האָט באַוויזן, אַז דאָס איז געווען א שרעקלעכער טעות. עס איז ניט מעגלעך אויסצוהיטן מענטשן פון קומען אין באַרירונג מיט דער אַרומיקער וועלט. אויב מען האָט זיי די בילדונג ניט געגעבן דירעקט אונטער דער השפעה און אין גייסט פון יידישן טראַדיציאָנעלן וועלט באַנעם, האָבן זיי דאָס באַקומען ניט אויף קיין כשרן אופן, ניט סיסטעמאַטיש און ניט גרינטלעך. די ידיעות וואָס זיי האָבן זיך דערוואָרבן, זיינען אָפט באַשטאַנען פון שטיקלעך און ברעקלעך, וועלכע האָבן געשטאַמט פון אנטי־רעליגיעזע מקורות. דער גאַנצער סיסטעם פון פאַרבאָטן און דאָס פאַרפאָלגן פון די יעניקע וואָס מען האָט געכאַפּט לייענענדיק א טריף פסול, האָט פסיכאָלאָגיש געווירקט, אַז זיי זאָלן פאַרהאַסן יידישקייט און אנטלויפן פון יידנטום. א טייל פון זיי זיינען אַ דאַנק דעם געוואָרן אַקטיווע אטעאיסטישע קעגנער פון דער יידישער אמונה אדער אמונה בכלל. אַטייל פון די פיאיקע ישיבה בחורים זיינען אוועק אין די אוניווערזיטעטן און זיינען אינגאנצן פאַרלאָרן געגאַנגען פאַרן יידישן פאָלק. און פון די וואָס זיינען פאַרבליבן אין יידישן לאַגער איז גאָר א גרויסער טייל אינערלעך אָפּגעשוואכט אין זייער אמונה. א דאַנק דעם, וואָס עס פעלט זיי די וועלטלעכע בילדונג, זיינען זיי שרעקעדיק און פאַרמאָגן ניט דעם מוט און די אינערלעכע זיכערקייט דרייסט צו פאַרטיידיקן זייערע טראַדיציאָנעלע פּאָזיציעס.

פון דעם ציען מיר דעם שלוס, אַז אויף ווייטער מוז דער דאָזיקער טעות אויסגעמיטן ווערן. די באַציאונג צו דער וועלט־לעכער קולטור דאַרף זיין א סימפאַטישע. מען דאַרף זי גרינטלעך פאַרשטיין און אויף ווי ווייט עס לאָזט זיך, דאַרף מען זי אריינ־וועבן אין יידישן וועלט באַנעם. דער סדר הלימוד אין די תלמוד תורות און ישיבות דאַרף געענדערט ווערן אין הסכם מיט דער דאָזיקער ריכטונג.

מיטן צווייטן כלל, זיינען מיר אויסן אָנצוצייגן אויף דער געפאַר פון איבערגעאיילטקייט. הגם ענדערונגען מוזן געמאכט ווערן, האַלטן מיר אָבער, אַז וואָס ווייניקער ענדערונגען אלץ בעסער. עס נעמט אַ לענגערע צייט איידער אַ געוויסער באַגריף אָדער אַ געוויסע אויפפירונג בירגערט זיך איין און ווערט אַ שטענ־דיקער טייל פון יידישן לעבנסשטייגער. עס נעמט אויך אַ לענגערע צייט, איידער דאָס פאָלק זאָגט זיך אָפּ פון געוויסע געוויינהייטן. ווען דער ענדערונג פראָצעס קומט פאָר אויף אַ לאַנגזאַמען אופן, דעמאָלט ווערט דאָס נייע אריינגעוועבט אין אַלטן סדר אָן שום שוועריקייטן. אָבער, ווען די ענדערונגען קומען פאָר צו אָפט אָדער צופיל אויף אַמאָל, שטערן זיי די רעגלמעסיקע אָדער נאַר־מאַלע אַנטוויקלונג פון לעבנס שטייגער, מחמת דעם וואָס עס איז שווער פאַרן אַלטן לעבנס שטייגער אריינצונעמען צופיל נייעם שטאָף מיט איין מאָל און אים פאַרדייען ווי עס באַדאַרף צו זיין. ווען עס האַנדלט זיך וועגן איינפירן נייע חומרות, דאַרף מען זיך היטן, אַז זיי זאָלן ניט זיין צו שווער פאַרן רוב פאָלק זיי אָפּצוהיטן. פאַרקערט ווידער, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אָפּשאַפן אלטע איינ־פירונגען, דאַרף מען זיין פאַרזיכטיק, אַז דאָס זאָל פאַרקומען אויף אַ פּאמעלעכן אופן און ניט צו האַסטיק, ווייל אין דעם ליגט די געפאַר פון איבעררייסן אינגאנצן מיטן עבר.

ווידער, מען דאַרף זיך היטן פאַר ניט דויערהאפטע ענדערונגען. אין אונדזער צייט, ווען אלץ אנטוויקלט זיך זייער שנעל, איז אויף

אַלע געביטן פון מענטשלעכן שאַפן פאַראַן אַ גרויסע שפע פון נייע טעאָריעס און פאַרשלאַגן פאַר עקספּערימענטן. נאָר א קליינער טייל פון זיי איז פון דעם מין, וואָס גייט אריין אלס א שטענ־דיקער באַשטאַנדטייל אין דער מענטשלעכער קולטור, די איבע־ריקע קומען און פארגיין ווי דער קיקיון דיונה. דעריבער, ווען עס האַנדלט זיך וועגן איינפירן טעאָרעטישע אָדער פּראַקטישע ענדערונגען אין יידישן לעבנס שטייגער, אין הסכם מיט דעם וואָס קומט פאָר אין דער ארומיקער וועלט, דאַרף מען זיין זיכער, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אזעלכע ענדערונגען, וועלכע זיינען א דבר של קיימא. מען טאָר ניט נתפעל ווערן פאר יעדן נייעם געדאנק און אים גלייך אריינגעמען אין דער יידישער וועלט אויפפאַסונג. מען דאַרף אָפּוואַרטן און זיך גוט מישב זיין איידער מען באַשליסט, אז א געוויסע ענדערונג איז אומבאַדינגט נויטיק.

מיטן דריטן כלל, ווילן מיר אָנצייכענען דעם ציל וואָס מיר זיינען אויסן צו דערגרייכן און די גרעניצן, וועלכע מיר טאָרן ניט אריבערטרעטן בשעת מיר מאַכן ענדערונגען אין דער יידישער טראַדיציע. דער ענין יידישע טראַדיציע, ד. ה. דער יידישער וועלט באַנעם, און די מצוות און מנהגים וואָס ווערן איבער־געגעבן פון דור צו דור, דורך וועלכע דאָס יידישע פאָלק האָט געגעבן אויסדרוק צו זיין אייגנאַרטיקייט, דאַרף באַטראַכט ווערן פון שטאַנדפּונקט פון יידישן פאָלק אלס א גאנצן און ניט פון די יחידים וועלכע שטעלן צוזאַמען דאָס יידיש פאָלק. אַ פאָלק אַלס אזעלכעס איז עפּעס מער ווי די צאָל יחידים פון וועלכע דאָס פאָלק איז צוזאמענגעשטעלט. די אינטערעסן פון יחיד און די אינטערעסן פון פאָלק זיינען ניט אלעמאָל די זעלביקע. למשל, אין אמעריקע, אָדער אין אַנדערע פרייע לענדער, וואו יידן געניסן די זעלביקע רעכט ווי די ניט־יידישע באַפעלקערונג, עקזיסטירט דאָס פּראָבלעם פון קיום האומה, ד. ה. מ׳דאַרף זאָרגן זייער שטאַרק

ווי אַזוי אויפצוהאַלטן דעם אייגנאַרטיקן יידישן קיום און קעגנווירקן די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, הגם עס איז דאָרטן ניטאָ קיין ספּעציעלעס פּראָבלעם פון קיום פון איינצעלנעם יידן אלס אזעלכן... עס טרעפט אויך גאַנץ אָפט, אַז די מאַטעריעלע אינטערעסן פון יחיד גייען להיפוך צו די אינטערעסן פון כלל. למשל, די אינטערעסן פון יידישן קיום פאָדערן מען זאָל זיך האַלטן ביי געוויסע באַגריפן און מען זאָל פירן א יידיש לעבן, ד. ה. געבן די קינדער אַ יידישע דערציאונג, אָפּהיטן געוויסע מצוות, בערך פון געשעפטס שטאַנדפּונקט אָדער מחמת א קאַריערע, לוינט עס בעסער פארן יחיד זיך צו אַסימילירן מיט דער ארומיקער באַפעל־קערונג. דעריבער, ווען מען דאַרף איינפירן ענדערונגען אין דער יידישער טראַדיציע, דאַרף מען זיך רעכענען מיט די אינטערעסן פון כלל און ניט מיט די אינטערעסן פון יחיד. דער ציל פון די ענדערונגען דאַרף אַלעמאָל זיין אויסצובעסערן און צו פאַר־שענערן די יידישקייט, כדי דורך דעם פאַרשטאַרקן דעם יידישן קיום אלס פאָלק. מען טאָר דערביי ניט מקריב זיין די אינטערעסן פון יידישן פאָלק לטובת די אינטערעסן פון יידישן יחיד.

דער רעפאָרם יידנטום איז נכשל געוואָרן אין דעם דאָזיקן חטא. זייער גאַנצער אַסימילאַטאָרישער איינשטעל איז, אין א גרויסער מאָס, באווירקט געוואָרן פון די מאַטעריעלע נוצן וואָס דער יידישער יחיד האָט פון דעם באקומען. ניט נאָר האָבן זיי זיך צוליב דעם אינגאנצן אָפּגעזאָגט פון דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט פון דער יידישער רעליגיע, נאָר אפילו דער ריין רעליגיעזער טייל, אין וועלכן זיי האַלטן זיך נאָך, האָט פאַרלאָרן דעם פולן יידישן כאַראַקטער, מחמת דעם וואָס זיי האָבן צופיל נאָכגעמאכט די פּראָ־טעסטאַנטישע קירך. פון דער אַסימילאַציע האָט לפי ערך א קליינע צאָל יידן באקומען מאַטעריעלע נוצן, דער יידישער כלל אָבער האָט פון דעם שטאַרק געליטן, מחמת די אַסימילאַציע פירט צום אומקום פון יידישן פאָלק.

מען דאַרף זיך אויך שטאַרק היטן פאַר אַזעלכע ענדערונגען וועלכע רייסן איבער דעם היסטאָרישן המשך פון יידישן פאָלק. עס נעמט אַ סך דורות איידער אַ פאָלק אנטוויקלט זיינע פיזישע און גייסטיקע כאַראַקטער שטריכן. אַנטוויקלונג באַדייט ענדערונג. עס זיינען אָבער פאַראַן צוויי סאָרטן ענדערונגען, אַזעלכע וואָס פאַרבעסערן אָדער פארשענערן אַ זאַך, אָבער זיי בייטן דערביי ניט דעם עצם כאַראַקטער פון דער זאַך גופא. עס זיינען אויך מעגלעך אַזעלכע ענדערונגען וואָס דורך זיי הערט אויף די זאַך גופא צו עקזיסטירן, און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ גאַנץ אנדער זאַך. למשל, מען קען ענדערן דעם קאָליר פון וואסער דורך דעם וואָס מען וועט אין דעם ארייינטאָן אביסל פאַרב, אָדער מען קאָן ענדערן די טעמפעראַטור פון וואָסער דורך דעם וואָס מען וועט עס אָנוואַרימען, וכדומה. דורך דעם ווערט אבער ניט געענדערט דער עצם כאַראַקטער פון וואָסער. ווען מען לאָזט אבער דורך אַן עלעקטרישן שטראָם דורך דאָס וואָסער דעמאָלט פאַרוואַנדלט מען עס דורך דעם אין צוויי גאַזן וועלכע זיינען אינגאַנצן אנדערש פון וואָסער. דאָ האָבן מיר אַ ביישפּיל פון דעם סאָרט ענדערונג, וואָס צוואַמען מיט איר הערט אויף די זאַך גופא צו עקזיסטירן. די ענדערונגען וואָס מוזן געמאכט ווערן אין דער יידישער טראַדיציע, מוזן זיך האַלטן אין די גרעניצן פון דער יידישער אָריגינאַליטעט אַזוי ווי זי האָט זיך היסטאָריש אַנטוויקלט. קוים גייען זיי אַרויס פון די דאָזיקע גרעניצן זיינען זיי אַ געפאַר פאַרן וויטערדיקן יידישן קיום, ווייל דורך אַזעלכע ענדערונגען פאַרוואַנדלט זיך דער עצם כאַראַקטער פון יידנטום אין עפעס אַנדערש פון דעם, וואָס ער איז געווען פריער, און סוף כל סוף, וועט עס מוזן פירן צום אונטערגאַנג פון יידישן פאָלק. אַ ביישפּיל פון די פאַקטישע רעזולטאַטן פון דעם דאָזיקן מין ענדערונג האָבן מיר געזען ביים רעפאָרם יידנטום, און ווי מיר האָבן אויבן געזען, באַלאַנגען די ענדערונגען

וואָס אונדזערע וועלטלעכע נאַציאָנאַליסטן שלאָגן פּאַר, אויך צום זעלביקן מין.

היינט, פּונקט אזוי ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט, דאַרפן מיר כסדר קעמפן אויף צוויי פראָנטן: אויסערלעך, מיט די המנס וואָס ווילן אונדז פיזיש און גייסטיק פאַרניכטן, און אינערלעך, מיט די יעניקע אין אונדזערע אייגענע רייען, ביי וועמען עס איז אָפּגעשוואכט געוואָרן דער גלויבן אין אונזערע אייגענע ווערטן און דער ווילן ווייטער צו קעמפן פאַר זיי. דער וויכטיקסטער פון די צוויי פראָנטן פאַרן יידישן קיום איז דער אינערלעכער פראָנט. די יידישע געשיכטע האָט באַוויזן, אַז כל זמן יידן זיינען געווען אינערלעך שטאַרק, ד .ה. ווען זיי האָבן געגלויבט, אז דאָס יידיש פאָלק פאַרמאָגט גייסטיקע טייערקייטן פאַר וועלכע עס לוינט זיך איינצושטעלן, זיינען זיי געווען בכוח אריבערצוטראָגן אַלערליי רדיפות. ווען יידן זיינען אינערלעך אָפּגעשוואכט געוואָרן, ווען מען האָט אָנגעהויבן צו צווייפלען אין די אייגענע ווערטן, דעמאָלט איז די געפאַר פון אויסערלעכן שונא געוואָרן א סך גרעסער. אין אונדזער צייט דאַרף מען אָנווענדן אלע כוחות צו פאַרשטאַרקן דעם אינערלעכן פראָנט.

אין די לעצטע 150 יאָר, זינט דער עמאַנציפּאַציע, הגם מיר זיינען שטאַרק אויסגעוואַקסן אין צאָל און אין מאַטעריעלן רייכטום, זיינען מיר אָבער, אַ דאַנק דער אסימילאַטאָרישער ריכטונג פון רעפאָרם יידנטום, און די נאַציאָנאַליסטישע וועלטלעכע ריכטונגען, און דעם איבערגעטריבענעם קאָנסערוואַטיזם פון דער אָרטאָדאָקסיע, געבליבן שטאַרק אָפּגעשוואכט אינערלעך. מיר פאַרמאָגן מער ניט דעם איינהייטלעכן נאַציאָנאַל־רעליגיעזן יסוד און דעם זיכערן גלויבן אין אונדזערע אייגענע אוצרות וואָס אמאָל. דעריבער זיינען מיר ניט בכוח ארויסצואווייזן דעם געהעריקן ווידערשטאַנד

צו די אויסערגעוויינטלעכע שווערע פארפאָלגונגען מיט וועלכע מיר שטייען איצט פנים אל פנים אין די לענדער וואָס שטייען אונטער דעם איינפלוס פון נאַציזם. און אין די לענדער וואו מיר האָבן גלייכע רעכט מיט די ניט־יידן איז פאַר אונדז זייער שווער בייצו־קומען די אסימילאַטאָרישע טענדענצן. איצט איז אונדזער חוב צו פאַרשטאַרקן אונדזערע אינערלעכע פּאָזיציעס. די געשעענישן אין די נאַציש־באַאיינפלוסטע לענדער האָבן באַוויזן דעם באנקראָט פון דער אַסימילאַציע, זי איז ניט נאָר א געפאַר פארן יידישן פאָלקס קיום, זי קאָן אפילו ניט ראַטעווען דעם מאַטעריעלן וואוילזיין פון די וואָס האָבן זיך שוין לאַנג אַסימילירט. עס איז געקומען די צייט ווען מיר מוזן פארלאָזן די פרעמדע ווייננגערטנער און אכטונג געבן אויף אונדזער אייגענעם ווייננגאָרטן. דערמיט מיינען מיר ניט, אַז מיר דאַרפן זיך צוריקציען פון דער וועלט, אין די ד' אמות פון בית המדרש, ווי אמאָל. אדרבה, מיר מוזן שטיין אין ענגן קאָנטאקט מיט אַלע פאַזן פון דער מאָדערנער קולטור. לויטן אסימילאַטאָרישן איינשטעל, האָבן מיר זיך געזוכט אויפ־צולייזן אין די קולטורן פון די פעלקער וואו מיר האָבן זיך געפונען. לויט אונדזער איינשטעל, טרעטן מיר צו צו דער מאָדערנער קולטור, ווי זעלבסטשטענדיקע טרעגער פון אן אייגענער קולטור. מיר זיינען גרייט צו נעמען ביי אנדערע וואָס אונדז געפעלט און זאָלן אַנדערע נעמען ביי אונדז וואָס זיי געפעלט.

8

מיר האָבן א רייכע גייסטיקע ירושה, וועלכע מיר האָבן פאַר־נאַכלעסיקט. מיר דאַרפן רעווידירן אונדזער גייסטיקן באגאזש. אין יידישקייט דאַרפן מיר מאַכן די נויטיקע ענדערונגען, וואָס די מאָדערנע באַדינגונגען פאָדערן, דעמאָלט וועט יידישקייט ווייטער דינען אַלס דער קוואַל פון וועלכן מיר וועלן שעפּן כוחות אין קאַמף פאַר אונדזער ווייטערדיקן קיום. אין די ראַמען פון עטישן מאָנאָטעאיזם דאַרף זיין פּלאַץ פאַר פאַרשידנאַרטיקע אויפ־פאַסונגען בנוגע די עיקרים פון אונדזער רעליגיעזן וועלט באַנעם. הגם עס איז נויטיק פון צייט צו צייט צו פאָרמולירן די עיקרים פון אונדזער אמונה, לויט אונדזערע אָנגעזאמלטע ידיעות און דער־פאַרונגען, טאָרן זיי אָבער ניט אוועקגעשטעלט ווערן אלס ענדגילד־טיקע דאָגמעס וועלכע דאַרפן אָנגענומען ווערן בלינדערהייט. די געשיכטע פון טעאָרעטישן דענקען באַווייזט, אז אויך בנוגע די עיקרי הדת אזוי ווי אין אלע אַנדערע געביטן פון מענטשלעכן שאַפן, האָבן מיר נאָך ניט דערגרייכט צו שלימות. אלץ וואָס איז דעם מענטשן געגעבן געוואָרן איז, זיך צו דערנענטערן צו שלימות ד. ה. צו גאָט. אויך דאָ גייט אָן א שטופּנווייזער פּראָצעס פון דערנענטערונג צו שלימות. דעריבער דאַרף מען יעדן יידן דער־לויבן, לויט זיינע פעאיקייטן און פאַרשטאַנד, אריינצובריינגען זייע ניואַנסן אין די באַגריפן וועגן גאָט, השארת הנפש, תורה מין השמים, וכדומה, און ווען נויטיק דארפן ענדערונגען געמאכט ווערן. אין דעם פּרט פון דאָגמעס איז דער יידנטום ווייט ניט געווען אזוי שטרענג ווי דער קריסטנטום און דער איסלאַם, דאָך איז ער געווען נאָך גאַנץ ווייט פון אמתער טאָלעראַנץ,

דערהויפט איז דאָס אמת בנוגע אונדזער אָרטאָדאָקסיע. טאָלעראַנץ צום צווייטנס מיינונג און א פרייער אויסטויש פון געדאַנקען איז די בעסטע סגולה פאַר דעם ווייטערדיקן פאָרשריט פון יידישקייט.

וואָס איז שייך די ענדערונגען וואָס מוזן געמאַכט ווערן, וואָלט געווען אַ סך בעסער ווען דאָס זאָל דורכגעפירט ווערן פון אַן אויטאָריזירטער קערפּערשאַפט וואָס פאַרמאָגט די בויטיקע פאַך קענטעניש פאַר דער פאַראַנטוואָרטלעכער אונטערנעמונג. אַזאַ קערפּערשאַפט וואָלט זיך אָפּגעגעבן מיט פאָרשן פאָרגעשלאָגענע ענדערונגען, באַשליסן וועלכע מען דאַרף אָננעמען, און דעם בעסטן אופן ווי אַזוי זיי דאַרפן אָנגענומען ווערן און דורכגעפירט ווערן, ווען אַזאַ קערפּערשאַפט וואָס זאָל רעפּרעזענטירן אַ גרויסן טייל פון יידישן פאָלק וואָלט עקזיסטירט, דעמאָלט וואָלטן די ענדע־רונגען פאָרגעקומען מיט א סדר און זיי וואָלטן געווען פון אַן איינהייטלעכן כאַראַקטער. ווען עס וואָלטן אפילו עקזיסטירט קערפּערשאַפטן פון דעם מין, וואָס וואָלטן רעפּרעזענטירט קלענערע גרופּירונגען, וואָלט עס אויך בעסער געווען ווי איצט, ווען אַלץ ווערט איבערגעלאָזן אויף הפקר. דער פאַקט וואָס קיינער האָט זיך ניט גענומען פאַר דער דאָזיקער ארבעט, האָט אָבער ניט אָפּגעשטעלט דעם ענדערונגס פּראָצעס. דער לעבן טוט דאָס זייניקע. די נפקא מינה באַשטייט אין דעם וואָס אנשטאָט די ענדערונגען זאָלן פאָרקומען אויף א מער אדער ווייניקער ראַציאָנאַלן און רעגלמעסיקן אופן, און וואָס וואָלט דערפאַר געווען א מזל ברכה פאַרן יידנטום; קומען זיי פאַר צופעליק און אַן פאַרשטענדניש, און פאַרשאַפן דעריבער אַ סך שאָדן דעם יידנטום. אַן איינ־טעליגענטער פירערשאַפט פאַרלירן גאָר א סך יידן דעם יידישן וועג און גיבן זיך לייכט איבער צו די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן פון דער אַרומיקער סביבה.

שולדיק אין דעם דאָזיקן הפקר־צושטאַנד איז די אָרטאָדאָק־סישע פירערשאַפט. די אָרטאָדאָקסיע, טראָץ איר איבערטרײַ־

בענעם קאָנסערוואַטיווס איז זי דאָך פּאָרט דער שטאַרקסטער עלעמענט אין יידנטום, און אַ דאַנק דעם וואָס זי האַלט זיך ביי דער יידישער טראַדיציע, טראָגט זי אין זיך די פּאָטענציעלע כוחות וועלכע קענען האַלטן דעם המשך פון יידישן קיום. זי דערפילט ניט די דאָזיקע וויכטיקע פונקציע ווי עס באַדאַרפצווזיין מחמת איר שוואַכער פירערשאַפט. מ׳ווייזט אָן אויף די אויסער־געוויינטלעכע פעאיקייטן פון יידנטום זיך צו צופּאַסן צו נייע באַדינגונגען. אין די אלטע צייטן האָבן יידישע געלערנטע גע־האַט דעם מוט איינצופירן נייע תקנות אין יידישן לעבנס־שטייגער, לויט די פאָדערונגען פון דער געענדערטער סביבה, און אויף דעם געפינען א סמך אין דער תורה. אין דער לעצטער פעריאָדע, זינט יעדע קליינקייט איז פארפיקסירט געוואָרן אין געשריבענע קאָדעקסן, האָבן די אָרטאָדאָקסישע גייסטיקע פירער פארלאָרן זייער זעלבסטשטענדיקייט. זיי האָבן ניט דעם מוט און די זיכער־קייט צו שטעלן אויף זיך און איינפירן עפּעס נייעס (חוץ איינפירן נייע חומרות); אין אלץ זיינען זיי געבונדן דורך דעם געשרי־בענעם קאָדעקס אָן וועלכן זיי האָבן מורא זיך צו רירן פון אָרט. זינט די קאָדעקסן זיינען געשריבן געוואָרן, לעבן יידן אונטער געענדערטע באַדינגונגען, א סך פון די דינים און מנהגים פון די אלטע קאָדעקסן האָבן מער קיין ווערט ניט פאר דער נייער צייט, און טאַקע צוליב דעם ווערן זיי מער ניט אָפּגעהיט פון דאָס רוב פון יידישן פאָלק. די עובדא פון אַן אמתער פירערשאַפט וואָלט געדאַרפט זיין איינצופירן ענדערונגען אין דער יידישער טראַדיציע, לויט די פריערדיקע כללים, און אין גייסט פון דער נייער צייט. אזעלכע דינים וואָס האָבן פארלוירן זייער ווערט, וואָלט מען געדאַרפט ענדערן אָדער איינגאַנצן אָפּשאַפן. מען דאַרף איינפירן נייע תקנות צו פאַרשטאַרקן דעם יידישן קיום. אין פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אנגעלעגנהייטן קען מען אָנווייזן

אויף דער וויכטיקער ראָלע, וואָס דער יידישער וועלט באַנעם איז בארופן צו שפּילן אין דער טראַנספאָרמאַטאָרישער ארבעט, ווי למשל, מיר האָבן דאָס אויבן אָנגעוויזן, בנוגע דעם סאָציאַליזם, פאַר די יעניקע וואָס זיינען ניט מסכים מיט סאָציאַליזם קענען די עטישע פּרינציפּן פון יידנטום אָנגעווענדט ווערן אויף דעם זעל־ביקן אופן ביי יעדער דרייסטער פּראָגרעסיוו־געזלשאַפטלעכער באוועגונג. ווי אזוי אָבער רעאגירט אויף דעם די איצטיקע אָרטאָדאָקסישע פירערשאַפט? איינפירן נייעס האָבן זיי מורא, באנוגענען זיי זיך מיט קלאָגן און וויינען אויף דער ביטערער לאַגע, און באַשרענקען זייער טעטיקייט אויף אן אלץ קלענער ווערנדיקער צאָל יידן, וואָס האַלטן זיך נאָך ביים שולחן ערוך. זיי פאַרנאַכלעסיקן אָבער זייער אמתע עובדא: צו זיין אמתע פירער ביי יידן.

ווי מיר האָבן אָנגעוויזן, איז ניט מעגלעך פאָרויס געגוי צו באַשטימען וועלכע ענדערונגען דאַרפן איינגעפירט ווערן. דאָס וועט באַשטימט ווערן אין דעם פּראָצעס פון דער ארבעט גופא, לויט די באַדינגונגען פון אָרט און צייט. און דער עיקר ווענדט זיך עס אָן די פעאיקייטן און קענטעניש פון די יעניקע, וועלכע באַטייליקן זיך אין דער דאָזיקער ארבעט. אלץ וואָס קאָן געטאָן ווערן קודם המעשה, איז אָנצואווייזן אין אלגעמיינע שטריכן ווי אזוי די ארבעט דאַרף געטאָן ווערן. אָבער פריער פאַר אלץ איז נויטיק די פאַרשטענדעניש און דער ווילן די זאַך דורכצופירן. א באַוועגונג אין דער דאָזיקער ריכטונג צייגט זיך אין דעם נאָך גאָר יונגן קאָנסערוואַטיוון יידנטום. אינערהאַלב דער אָרטאָדאָקסיע הויבט זיך אָן צו אַנטוויקלען אַ נייער סאָרט פירערשאַפט, אזעלכער וואָס איז, לויט זיין דערציאונג, בעסער צוגעפּאַסט צו באַנעמען פּראָבלעמען פון דער מאָדערנער צייט. אויסערהאַלב דער אָרטאָ־דאָקסיע אין די יידיש־וועלטלעכע קרייזן הויבן זיך אָן צו הערן

נייע רעליגיעזע קלאַנגען. מענטשן הויבן אָן צו דערפילן די אינער־לעכע פוסטקייט, וואָס די מאָדערנע ציוויליזאציע איז ניט בכוח אויסצופילן, און זוכן א וועג צום יידישן רעליגיעזן מקור. דאָס באווייזט, אז אין אידנטום זיינען נאָך פאַראַן גענוג לעבנס כוחות ווייטער אָנצוהאַלטן זיין היסטאָרישן המשך.

מיר האַלטן, אַז טראָץ אַלע אירע חסרונות איז די אָרטאָדאָקסיע דאָך דער געזינטסטער טייל אין יידנטום. זי טראָגט אין זיך די עיקרים פון עטישן מאָנאָטעאיזם אין וועלכן אלע יידן קאָנען זיך אויסלעבן. די יעניקע פון אונדז, וואָס זיינען רעליגיעז גע־שטימט און זעען אין די וויכטיקייט פון אָנהאַלטן דעם יידישן קיום אויף ווייטערדיקע צייטן און קאָנען ניט מסכים זיין מיטן איבערטריבענעם קאָנסערוואַטיזם פון דער אָרטאָדאָקסיע, דאַרפן ניט זוכן קיין נייע געטער. מיט געוויסע רעזערוואַציעס און דער נויטיקער טאָלעראַנץ איז אין די ראַמען פון דער אָרטאָדאָקיע פאַראַן גענוג אָרט פאַר אַלע ריכטונגען אין יידנטום, וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם ווייטערדיקן קיום האומה.

מיר האָפן אַז אונדזער ווענדונג צו די בויענדיקע קרעפטן אין דעם יידישן פאָלק וועט ניט בלייבן אומגעענטפערט. מיר זיינען זיכער אַז אונדזער שטימע וועט ניט בלייבן קיין קול קורא במדבר.

II

דער זין פון לעבן און שלימות

דער זין פון לעבן און שלימות

אין דער איצטיקער ארבעט שטעלן מיר זיך די אויפגאַבע צו באַהאַנדלען בלויז צוויי אַספּעקטן פון דעם דאָזיקן ענין: 1. וואָס איז דער זין פון מענטשלעכן לעבן? אין אַנדערע ווערטער, וואָס פאַרשטייען מיר, ווען מיר זאָגן, אַז דער מענטש זוכט אַ זין אין לעבן. 2. צי האָט דער לעבן אַ זין? ד. ה. צי איז בכלל פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַ זין אין לעבן, און ווי אַזוי באַווייזן מיר דאָס.

ווען מיר טראַכטן זיך אריין אין דעם באַדייט פון די צוויי באַגריפן — זין און לעבן, זעען מיר איין, אַז זיי זיינען ניט נויט־ווענדיק פאַרבונדן איינער מיטן אַנדערן. מען קאָן לעבן אָן אַ זין, ביי חיות איז בכלל ניט שייך צו רעדן וועגן דעם זין, וואָס זיי זוכן אין זייער לעבן. זין איז אַ געדאַנקלעכער אָדער גייסטיקער טערמין, וואָס איז אַנווענדבאַר בלויז אויפן מענטשן, ווייל בלויז דער מענטש פאַרמאָגט געדאַנק.

ניט ביי אַלע מענטשן ווערט דער לעבן באַווירקט פון געדאַנק אין דער זעלביקער מאָס. אָט די באַווירקונג ווענדט זיך אָן דער גייסטיקער מדרגה פון יחיד. ביי די יעניקע וואָס זיינען גייסטיק הויך אנטוויקלט, שפּילט דער געדאַנק אַ וויכטיקערע ראָלע און נעמט אַרום אַ גרעסערן טייל פון זייערע האַנדלונגען, ווי ביי די וואָס שטייען גייסטיק אויף אַ נידעריקער מדרגה. און אפילו ביי

די העכסט אַנטוויקלטע מענטשן באַווירקט דער געדאַנק בלויז אַ טייל פון זייער לעבן, אין דעם איבעריקן טייל דערפילן זיי בלויז אנימאלע פונקציעס וואו די ווירקונג פון געדאַנק איז אומבאַדיי־טענד אָדער איז אין גאַנצן אָפּוועזנד.

דאָס רוב מענטשן נעמען דעם לעבן לייכט, אַזוי ווי ער גייט. זיי שטעלן זיך צופרידן מיטן ביסעלע פאַרגעניגן וואָס לאָזט זיך דערגרייכן און זיי פרעגן קיין שאלות ניט. דאָך זיינען פאַראַן צייטן אין יעדן מענטשנס לעבן — ביי אויסערגעוויינלעכע פּאַסי־רונגען פון אומגליק אָדער גליק, געוויסע ימים טובים וכדומה — ווען ער שטעלט זיך אָפּ און מאַכט אַ חשבון הנפש מיט זיך אליין און ער פרעגט זיך די אַלטע קשיות וואָס זיינען אלעמאָל ניי: וואָס טו איך דאָ אויף דער וועלט? וואָס איז דער באַדייט און דער ציל פון מיין אייגענעם זיין און פון דער וועלט בכלל? קורץ, וואָס איז דער תכלית פון לעבן? וואָס גרעסער דער מענטש, אַלץ אָפטער מאַכט ער דעם דאָזיקן חשבון הנפש און אלץ טיפער טראַכט ער זיך אריין אין דעם ענין.

אויפן גרונט פון אונדזער דערפאַרונג קאָנען מיר פעסטשטעלן דעם כלל, אַז זוכן אַ זין אין לעבן איז אַ פונדאַמענטאַלע פּסיכאָ־לאָגישע אייגנשאַפט פון מענטשן. אַ ראיה צו דעם, אַז די דאָזיקע אייגנשאַפט איז טיף איינגעוואָרצלט אין מענטשלעכן מהות, געפי־נען מיר טאָקע אין דער געשיכטע פון מענטשלעכן דענקען.

די פונדאַמענטאַלע געדאַנקלעכע אייגנשאַפט פון זיך ניט קאָנען צופרידנשטעלן מיט בלויז קערפּערלעכע פאַרגעניגנס, די פעאיקייט צו פרעגן שאלות און פאָדערן אַ חשבון הנפש פון זיך אליין און דאָס זוכן און בענקען נאָך אַ צופרידנשטעלנדיקן ענטפער, האָבן צוערשט געפונען זייער אויסדרוק אין רעליגיע דערנאָך אין פילאָזאָפיע.

דער דאָזיקער דראַנג האָט זיך פאַרמירט אין מענטשלעכן געדאַנק און האָט זיך אַנטפּלעקט אין פאָלגנדע פּראָבלעמען: וואָס

זיינען די כוחות אָדער כוח וואָס ווירקט אין דער וועלט און האַלט זי אויף? וואָס זיינען די אייגנאַרטיקע כוחות אין מענטשן גופא און וואָס זיינען די שייכותן צווישן מענטשן און דעם וועלט כוח אָדער כוחות? די דאָזיקע פראַגן האָבן באמת אינטערעסירט דעם מענטשן אין אַלע צייטן.

עמיל דורקהיים אין זיין באַרימט ווערק „עלעמענטאַרע פאָר־מען פון רעליגיעזן לעבן" באַווייזט, אַז שוין ביי די פּרימיטיווע שבטים פון אויסטראַליע, וועלכע מאָדערנע געלערנטע האָבן אויס־געפאָרשט, געפינען מיר קלאָרע סימנים פון דעם, אַז די דאָזיקע פּראָבלעמען האָבן אינטערעסירט דעם פּרימיטיוון מענטשן. באַ־האַנדלענדיק דעם טאָטעמיזם, די עלעמענטאַרסטע פאָרם פון רע־ליגיע, וועלכע איז באַקאַנט אין דער עטנאָלאָגיע, באַמיט זיך דורקהיים צו באַווייזן, אַז שוין דאָרט איז פאַראַן דער געדאַנק אָדער באַגריף פון אַן אַלגעמיינעם כוח אָדער פּרינציפּ וואָס מאַני־פעסטירט זיך דורך דעם טאָטעם. ער האַלט, אַז די יעניקע וואָס מיינען, אַז די דאָזיקע פּרימיטיווע מענטשן האָבן פּשוט פאַרהייליקט און געדינט צו שטיינער, פלאַנצן, חיות, מענטשן וכדומה, האָבן ניט ריכטיק אָפּגעשאַצט די באַקאַנטע פאַקטן בנוגע דעם רעליגיעזן לעבן פון די פּרימיטיווע פעלקער. ער באַווייזט, אַז דער טאָטעם דינט בלויז אלס אַ סימבאָל פאַר דעם דאָזיקן פּרינציפּ. אויף זייט 188 פון דער ענגלישער איבערזעצונג דריקט ער אויס דעם געדאַנק אַזוי: „אין אַנדערע ווערטער, טאָטעמיזם איז די רעליגיע ניט פון דער אָדער יענער חיה, מענטש אָדער געשטאַלט, נאָר פון אַ נאָמענלאָזן, ניט פּערזענלעכן כוח, וואָס געפינט זיך אין יעדער פון די דאָזיקע זאַכן, אָבער טאָר ניט פאַר־מישט ווערן מיט קיינעם פון זיי".

ווען ער באַהאַנדלט דעם באַגריף נשמה ביי די גאָר פּרימי־טיווע שבטים, קומט דורקהיים צום פאָלגענדן שלוס (דאָרט, זייט

240): „אקוראַט ווי עס איז ניט באַקאַנט קיין שום געזעלשאַפט אָן אַ רעליגיע, אַזוי איז ניט פאַראַן קיין שום געזעלשאפט ווי פרימיטיוו זי זאָל ניט זיין אָרגאַניזירט, וואו מיר געפינען ניט אַ גאַנצן סיסטעם פון קאָלעקטיווע פאָרשטעלונגען וועגן דער נשמה, איר אנטשטייאונג און איר שיקזאַל. אויף ווי ווייט מיר קאָנען אורטיילן פון די פעסטגעשטעלטע עטנאָלאָגישע ידיעות, ווייזט אויס, אַז דער באַגריף נשמה עקזיסטירט גלייכצייטיק מיט דער מענטשהייט גופא, און עס ווייזט אויך אויס, אַז גלייך אין אָנהויב זיינען אַלע אירע פונדאַמענטאַלע כאַראַקטער שטריכען געווען אַזוי גוט פאָרמולירט, אַז די אַרבעט פון די מער פאָרגעשריטענע רעליגיעס און פון דער פילאָזאָפיע איז פאַקטיש באַגרעניצט צום לייטערן דעם דאָזיקן באַגריף, אין דער זעלבער צייט ניט צוגעבנדיק קיין זאַך וואָס איזווירקלעך פונדאַמענטאַל״.

דערפון איז קלאָר, אַז שוין די גאָר פרימיטיווע מענטשן האָבן זיך באַשעפטיקט מיט די זעלביקע פראָבלעמען, מיט וועלכע רעליגיע און פילאָזאָפיע באַשעפטיקט זיך נאָך היינט צו טאָג. זיי האָבן אנערקענט די עקזיסטענץ פון אַלגעמיינע כוחות אין דער וועלט וואָס מאַניפעסטירן זיך אין פארשידענע דערשיינונגען און פראָצעסן. פון זייערע נשמה באַגריפן איז קאָנטיק, אַז זיי האָבן זיך אינטערעסירט מיט זייערע אינערלעכע גייסטיקע כוחות. די שייכות פון מענטשן צו די וועלט־כוחות האָט געפונען איר אויס־דרוק אין זייערע פרימיטיווע רעליגיעס דורך אַ פאַרצווייגטן סיסטעם פון צערעמאָניעס, מנהגים און דינים, וואָס האָט ארומגענומען זייער גאַנצן לעבן.

ביי די מער אַנטוויקלטע רעליגיעס קומען די פראָבלעמען אַרויס בולטער, קלאָרער און די ענטפערס וואָס ווערן געגעבן זיינען ראַפינירטער און שכלדיקער, בעסער צוגעפּאַסט צום מער אַנטוויקלטן מצב פון מענטשלעכן געדאַנקען־גאַנג פון זייער עפּאָכע.

אין פילאָזאָפיע אקוראַט ווי אין רעליגיע, ווערן די דאָזיקע פּראָבלעמען באַהאַנדלט דירעקט. מיר וועלן שפּעטער זען, אַז אויך אַנדערע צווייגן פון מענטשלעכן דענקען, ווי די וויסנשאַפט, קונסט וכדומה, זיינען אויך אויסדרוקן פון דעם אייביק מענטשלעכן זוכן אַ זין אין לעבן.

דורקהיים (אין דעם אויבן דערמאָנטן ווערק) באַווייזט, אַז יעדע רעליגיע אפילו די פּרימיטיווסטע, מאַכט אַ נפקא מינה צווישן קודש און חול, צווישן זאַכן און צייטן וועלכע זיינען הייליק און דעם וואָכעדיקן טאָג־טעגלעכן לעבן. לויט זיין מיינונג איז דאָס אונטערשייד־מאַכן איינע פון די הויפּט סימנים פון רעליגיע בכלל. אין וואָכעדיקן לעבן האָט זיך דער פּרימיטיווער מענטש ווייניק וואָס אָפּגעגעבן מיט טראַכטן וועגן די סודות פון דער וועלט. ער איז דאַן געווען צו שטאַרק פאַרנומען מיט פּראָדוצירן די נויטיקייטן פאַר זיין עקזיסטענץ. אין די הייליקע טעג, ביים רעליגיעזן צערעמאָניאַל ווען די וואָכעדיקע אַרבעט איז געווען פאַרבאָטן, דעמאָלט האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט טראַכטן וועגן די סודות פון דער וועלט, מיט אַנדערע ווערטער, מיט זוכן אַ זין אין לעבן.

בעת עס איז אמת, אַז אויף זוכן אַ זין אין לעבן גיט דער מענטש אָפּ בלויז אַ טייל פון זיין צייט, נעמט אָבער דאָס דאָזיקע זוכן ארום אַלע צווייגן פון זיין טראַכטן און באַאיינפלוסט אַלע זיינע האַנדלונגען. מיר באַמערקן עס ביי די פּרימיטיווע מענטשן, ווען מיר באַטראַכטן די פּראָבלעמען וואָס האָבן זיי אינטערעסירט. און אַזוי איז דאָס טאַקע עד היום ביי דעם מאָדערנעם מענטשן.

און אַנדערש קאָן דאָס טאַקע ניט זיין, מחמת אזוי איז די טבע פון אונדזער געדאַנק, אַלץ אין דער וועלט דערשיינט פאַר אונדזער באַוואוסטזיין אַלס שייכות צווישן סוביעקט און אָביעקט. מיר האָבן ניט קיין שום באַגריף פון אַן אביעקט סיידן מיר שטעלן זיך אים פאָר אין אַ באַוואוסטזיין פון אַ סוביעקט.

בנוגע די פּראָבלעמען פון אונדזער חושימדיקער דערפאַרונג, ד.ה. בנוגע די ידיעות וואָס מיר באַקומען פון דער אָביעקטיווער וועלט דורך אונדזערע חושים, האַלט דער באַוואוסטער וויסנ־שאַפטסמאַן סיר ארטור עדינגטאָן (אין זיין בוך נייע וועגן אין דער וויסנשאפט), שפּילט דער געדאַנק ניט נאָר די וויכטיקע ראָלע אלס דער קענער פון אָביעקט נאָר אויך אלס זוכער פון אמת. אויף זייט 311 זאָגט ער, „מיר זיינען ניט בכוח צו באַנעמען אַ פּראָבלעם פון דערפאַרונג סיידן מיר דערקענען גלייכ־צייטיק זיך אליין, פאַרמישט אין דעם פּראָבלעם, אלס זוכער פון אמת". מיר נעמען אויף די וועלט אַנגעקליידט אין אונדזערע אייגענע געדאַנק־פאָרמען, אקוראַט וואָס די וועלט איז אין זיך גופא אומאָפּהענגיק פון אונדזער געדאַנק, וועגן דעם קאָנען מיר בלויז ספּעקולירן, אונדזער געדאַנק און די וועלט זיינען אזוי ענג פאַרבונדן איינער מיטן אַנדערן, אַז אַלץ וואָס איז נוגע איינעם איז גלייכצייטיק נוגע דעם אַנדערן. דעריבער, ווען דער מענטש פאַרנעמט זיך מיט זוכן א זין אין זיין אייגענעם לעבן, באַשעפטיקט ער זיך גלייכצייטיק מיטן זוכן דעם זין פון דער אָביעקטיווער וועלט בכלל.

די געשיכטע פון מענטשלעכן געדאַנק איז אַן עדות, אַז פאַקטיש איז דאָס טאַקע אַזוי. מיט דער אַנטוויקלונג פון די העכערע באַגריפן פון רעליגיע, און שפּעטער, מיט דער אנטשטייאונג פון פילאָזאָפישן און וויסנשאפטלעכן אַרט דענקען, האָבן די זעלביקע פּראָבלעמען אָנגענומען נייע פאָרמען, דער פּראָבלעם וועגן אײן גאָט אָדער פילע געטער, די פּראָבלעמען פון עטיק, עסטעטיק, וואָס אזוינס איז די רעאַליטעט פון דער וועלט, דער פּראָבלעם פון וויסן וכדומה. דאָס זיינען די נייע פאָרמען פון דענקען, וואָס זוכן צו לייזן די אייביקע רעטענישן פון גאָט, מענטש און וועלט און זייערע שייכותן איינער צום אַנדערן.

מיר האָבן געזען, אַז דער אינערלעכער דראַנג צו פאַרשטיין דעם זין פון לעבן געפינט זיין אויסדרוק אין אַלע פאָרמען פון מענטש־לעכן דענקען. עס ווייזט אויס, אַז אויף יעדן געביט פון מענטשלע־כער טעטיקייט פעלט דעם מענטשן אַלע מאָל עפּעס און ער שטרעבט כסדר דעם חסרון צו דערפילן. פרעגט זיך וואָס פעלט אים? מיט אַנדערע ווערטער, וואָס איז דער תמצית פון דער דאָזיקער זוכעניש? אונדז דוכט זיך, אַז א תירוץ אויף דער שאלה וועלן מיר געפינען אין דעם אַנטוויקלונגס פּראָצעס פון מענטשלעכן דענקען גופא.

מיר ווילן זיך דאָ ניט ארייַנלאָזן אין קיינע חקירות וועגן דעם מקור פון געדאַנק, ווי אזוי און פאַרוואָס ער איז אנטשטאַנען, אונדזער צוטריט צו דעם איז ווי צו אַ פאַקט וועלכער עקזיסטירט און מיר וועלן פּרובירן דערגיין זיין תוך דורך באַטראַכטן גע־שיכטלעך דעם פּראָצעס פון זיין אַנטוויקלונג. אונדזערע מסקנות וועלן זיין באַזירט אויף פאַקטן וואָס זיינען אונדז באַקאַנט פון דער געשיכטע פון מענטשלעכן געדאַנק.

געדאַנק אָדער גייסט איז דער קנין בלויז פון מענטשן, נידע־ריקערע באַשעפענישן פאַרמאָגן אים ניט. מיר האָבן שוין פריער באַמערקט, אַז דער מענטש איז ניט כולו גייסט, ער פאַרמאָגט אויך אַ קערפּער ווי אַלע נידעריקערע ברואים. און אלס קער־פּערלעך וועזן איז ער ווי אלע אַנדערע קערפּערס אונטערוואָרפן די זעלביקע נאַטור געזעצן. געדאַנק איז אַנדערש פון קערפּער מיט דעם וואָס ער איז אַן אַקטיווער כוח, בעת קערפּער איז בלויז א פּאַסיוו וועזן. ביי קערפּערס, ווי גרויס און מאַסיוו זיי זאָלן ניט זיין (למשל די הימלישע קערפּערס, זונען סיסטעמען וכדומה) מערקט זיך ניט, אַז זיי זאָלן עפּעס טאָן דורך זייער אייגענער איניציאַטיווע, זיי פאַרמאָגן ניט קיין אייגענעם ווילן. דער מענטש אָבער ווי נישטיק און קליין זיין קערפּער זאָל ניט זיין,

פאַרמאָגט ער דעם וואונדערבאַרן כוח וועלכן מיר געפינען ניט אין קיין שום אַנדער קערפּער: נעמלעך געדאַנק, דאָס איז דער כוח צו טראַכטן, וועלן, זוכן דעם אמת און אין אַ באַגרעניצטער מאָס אפילו צו באַהערשן די ארומיקע נאַטור דורך צופּאַסן זי צו זיינע באַדערפעניש. אים קומט אויס צו קעמפן כסדר מיט דער פּאַסיוויטעט פון דער ארומיקער ניט דענקענדיקער וועלט און, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, אויך מיט זיין אייגענער אומפּולקומענהייט.

די שוועריקייטן וואָס דער געדאַנק דאַרף בייקומען קאָנען איינגעטיילט ווערן אין פיר קאַטעגאָריעס. צוערשט קומען די גרויזאַמע פאַקטן פון דער נאַטור. דער מענטש איז ארומגערינגלט מיט אַ וועלט וואָס איז אומאָפּהענגיק פון אים, ער אָבער איז אינגאַנצן אָפּהענגיק פון איר וואָס איז שייך זיין פיזישער עקזיסטענץ. דהגם דער מענטש באקומט אלע זיינע פיזישע באַדערפענישן פון דער ארומיקער נאַטור און אָפטמאָל איז זי מילד צו אים, דאָס רוב אָבער איז זי זייער גרויזאַם און ער מוז קעמפן מיט איר פאַר זיין עקזיסטענץ. דער געדאַנק איז זיין שטאַרקסטער וואפן אין דעם דאָזיקן קאַמף. דער געדאנק גיט אים די מעגלעכקייט, ערשטנס, ביסלאכוויז אַלץ בעסער צו פאַרשטיין ווי אזוי די נאַטור ארבעט, צווייטנס, גיט עס אים די מעגלעכקייט זיך צו באַנוצן מיט געצייג, אַ דאַנק דעם איז ער בכוח אויף וויפיל עס איז זיך צו באַשיצן פון אירע גרויזאמקייטן און, אין אַ געוויסער מאָס, זי צופּאַסן צו זיינע באַדערפענישן.

ביסלעכווייז פאַרגרעסערט דער מענטש זיינע ידיעות, יעדער דור באַנוצט זיך מיט די אויפטואונגען פון די פריערדיקע דורות און ברענגט צו זיין אייגענעם נייעם ביישטראָג צו דעם סכום פון די שוין אָנגעזאמלטע ידיעות. ווען דער סכום פון זיינע ידיעות ווערט גאָר גרויס, איז ער געצוואונגען זיי צו סיסטעמאַטיזירן אין באזונדערע צווייגן כדי בעסער צו אָפּערירן מיט זיי.

דער צווייג וואָס פאַרנעמט זיך מיט פאָרשן די נאַטור כוחות איז די נאַטור־וויסנשאפט. אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע צייטן, האָט די נאַטור־וויסנשאפט געמאַכט זייער א שנעלן פאָרשריט אין די לעצטע פאָר הונדערט יאָר, און הגם זי האָט פיל אויפ־געטאָן, דערהויפט אויף דעם טעכנאָלאָגישן געביט, איז פונ־דעסטוועגן דער מענטשלעכער געדאַנק ווייט ניט באַפרידיקט מיט דעם וואָס ער האָט שוין דערגרייכט. ער האַלט נאָך אַלץ אין זוכן און פאָרשן כדי בעסער צו פאַרשטיין די סודות פון דער נאַטור.

די צווייטע שוועריקייט, וואָס דער געדאַנק דאַרף בייקומען איז די קערפּערלעכע תאוות. דערמיט מיינען מיר ניט די נאָר־מאַלע פאָדערונג פון קערפּער צו פאַרזיכערן זיין עקזיסטענץ. אויף אַזוי ווייט ווי דער מענטש איז חיה מוז ער דערפילן זיינע אנימאלע פונקציעס כדי ער זאָל קאָנען לעבן און געדייען. עס איז אָבער מעגלעך פאַרן מענטשן, אַ דאַנק זיינע גייסטיקע פעאיקייטן, צו טרייבן די נאָרמאַלע פאָדערונגען צו אן עקסטרעם און דערמיט זיי פאַרוואַנדלען אין תאוות. כדי דער געדאַנק זאָל קאָנען גובר זיין די אָרומיקע נאַטור, מוז ער קודם כל קאָנטראָלירן די דאָזיקע אנימאלע פאָדערונגען און פארגעניגנס, ווען ניט, פירט עס צו גייסטיקער און קערפּערלעכער דעגענעראַציע.

דער מינימום, וואָס דער קערפּער פאָדערט פאַר זיין עקזיס־טענץ, קאָן באַפרידיקט ווערן מיט ווייניק אָנשטרענגונג. די קער־פּערלעכע נייגונג, דעריבער, איז צו פוילקייט, צו פּאַסיוויטעט, און מיר געפינען, אז ביי חיות איז דאָס טאַקע אַזוי. זיי זיינען אַקטיוו בלויז אויף אזוי ווייט וויפיל עס פאָדערט זיך אויפצו־האַלטן זייער עקזיסטענץ, בעת דער געדאנק איז א כוח וואָס טרייבט כסדר פאָרויס, וואָס שטרעבט נאָכאַנאַנד צו דערגרייכן עפּעס נייעס.

איינער פון די גרונט שטריכן פון געדאַנק איז זיין פעאיקייט צו שאַפן און שאַצן ווערטן. די דאָזיקע פעאיקייט געפינען מיר בלויז ביים מענטשן. בלויז דער מענטש וואָס פאַרמאָגט געדאַנק, באַגרייפט די נפקא מינה צווישן גוטס און שלעכטס. ביי נידעריקערע ברואים, איז דער באַגריף פון גוטע און שלעכטע מעשים אינגאַנצן ניטאָ. שוין אין די גאָר פּרימיטיווע רעליגיעס געפינען מיר גאַנצע קאָדעקסן, אָנזאָגונגען, באַפעלן מכוח דעם וואָס מען דאַרף טאָן און מכוח דעם וואָס מען טאָר ניט טאָן, און עס מאַכט זיך גאַנץ אָפט, אַז די גלוסטונגען פון קערפּער פאָדערן דווקא דאָס וואָס מען טאָר ניט. דער געדאַנק זאָגט אָבער, אַז דאָס איז אַן עבירה, דאַרף אין אַזאַ פאַל דער געדאַנק גובר זיין דעם קערפּער. אמת, ניט אַלע מאָל איז דער געדאַנק דער זיגער, דאָס איז אָבער דער אידעאַל צו וועלכן דער מענטש דאַרף שטרעבן.

שוין די גאָר פּרימיטיווע מענטשן האָבן איינגעזען די וויכטיקייט פון דעם, אַז דער געדאַנק זאָל באַהערשן דעם קערפּער. איידער דער יונגער בחור איז אַריינגענומען געוואָרן אַלס אַ פולשטענדיקער מיטגליד אין זיין שבט, האָט ער געדאַרפט דורכמאַכן געוויסע צערעמאָניעס, ווי פאַסטן און אַנדערע קערפּערלעכע פּייניקונגען, כדי צו דעמאָנסטרירן, אַז ער איז בכוח ביייצושטיין דעם נסיון פון קערפּערלעכע יסורים. מיט דעם האָט ער באַוויזן, אַז זיינע גייסטיקע פאָדערונגען שטייען העכער פון זיינע קערפּערלעכע באַדערפענישן און אַז ער באַזיצט ווילנסקראַפט און כאַראַקטער.

אין מענטשן גייט אַן כסדר אַן אינערלעכער קאַמף צווישן די קערפּערלעכע תאוות און די גייסטיקע באַדערפענישן, צווישן דעם יצר טוב און דעם יצר הרע. צו באַזיגן דאָס שלעכטע און אויסקלייבן דאָס גוטע, דאָס האָט געלערנט דעם מענטשן רעליגיע פון אַלע דורות, און אויך דאָ געפינען מיר דעם זעלביקן פּראָצעס ווי

אין דער וויסנשאַפט. אין משך פון צייט האָט דער מענטש פיל־אויפגעטאָן אויף דעם דאָזיקן געביט. אין פאַרגלייך מיטן פרימי־טיוון מענטשן, שטייט דער היינטיקער מענטש אַ סך העכער גייסטיק און מאָראַליש, סיי אין זיין באַנעם פון גייסטיקע ווערטן און סיי אין זיינע אויפפירונגען. ער איז אָבער ווייט ניט צו־פרידן מיט זיינע ביז איצטיקע דערגרייכונגען און ער זוכט און פאָרשט ווייטער, ווי אַזוי זיך צו דערהויבן צו אַ העכערן גייסטיקן מצב.

די דריטע שוועריקייט, וואָס דער געדאַנק דאַרף בייקומען, וועלן מיר אָנרופן די געזעלשאַפטלעכע שוועריקייט. דאָ באַגע־גענען מיר ניט נאָר דעם קאַמף צווישן געדאַנק און קערפּער, נאָר אויך די שוועריקייט ווי אַזוי בייצוקומען די שטרייטיקייטן, וואָס קומען פאָר צווישן מענטש און מענטש, אַ דאַנק זייערע מיי־נונגס־פאַרשיידנהייטן און אינטערעסן־פונאַנדערגאַנג.

מענטשן זיינען געזעלשאַפטלעכע באַשעפענישן. מיר געפינען זיי אַלעמאָל אָרגאַניזירט אין אַ וועלכער עס איז געזעלשאַפטלעכער פאָרם. דער יחיד פאַר זיך אַליין איז כמעט אינגאַנצן הילפלאָז. איינער איז אָפּהענגיק פון אַנדערן ווען עס האַנדלט זיך וועגן זיינע פיזישע און גייסטיקע באַדערפענישן, גלייכצייטיק אָבער איז יעדער איינער אַ וועלט פאַר זיך אַליין. קיינער קאָן ניט אַריינדרינגען אין תוך פון יחידס אינערלעכן גייסטיקן מהות. ער מוז לעבן צוזאַמען מיט אַנדערע מענטשן, גלייכצייטיק אָבער האָט ער אָן אייגענע אינדיווידואַליטעט וועמענס פאַרלאַנגען זיינען אַנ־דערש, און גאַנץ אָפט גייען זיי להיפוך צו די פאַרלאַנגען פון די אַרומיקע מענטשן. אָט די טאָפּלטע געשטאַלטונג פירט צו שטענדיקע רייבונגען צווישן יחיד און דער געזעלשאַפט, פון וועל־כער ער איז אַ טייל. די מיינונגס פרשיידנהייטן זיינען אין אַ גרויסער מאָס אויך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די שטרייטיקייטן, וואָס

קומען פאַר צווישן געזעלשאַפטן, ווי גרופּן, שבטים, פעלקער וכדומה.

עס זיינען פאַראַן צוויי צוטריטן צו דער לייזונג פון די סיכסוכים וועלכע שטאַמען פון דער דאָזיקער שוועריקייט. אויך דאָ באַגעגענען מיר דעם קאַמף צווישן קערפּער און גייסט. דער קערפּערלעכער אָדער פיזישער צוטריט לייגט די הויפּט־געוויכט אויף געוואַלד אָדער מאַכט, בעת דער געדאַנקלעכער צוטריט שטיצט זיך דער עיקר אויף פרידלעכע מעטאָדן. ביי חיות הערשט דער כלל פון פיזישער מאַכט, דער וואָס איז פיזיש שטאַרקער פאַרניכטעט דעם שוואַכערן. ביים מענטשן, דעם טרעגער פון געדאַנק, מערקט זיך צום ערשטן מאָל דער איינפלוס פון געדאַנק ביים לייזן געזעלשאַפטלעכע סיכסוכים.

שוין אין פרימיטיווע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, געפינען מיר געזעצן, וואָס רעגולירן די פליכטן פון יחיד צו דער גרופּע, פון וועלכער ער איז אַ מיטגליד, און די פליכטן פון דער גרופּע צום יחיד. דאָס זעלביקע אויך בנוגע די פליכטן פון דער קלע־נערער גרופּע צו דער גרעסערער גרופּע, למשל, פון דעם קלאַן אָדער משפחה צום שבט און פון שבט צום קלאַן. דאָס זיינען די ערשטע פאַרזוכן פון געדאַנק איינצופירן פרידלעכע און יושר־דיקע מעטאָדן אין דער לייזונג פון געזעלשאַפטלעכע שטרייטיקייטן און אויף וויפיל עס איז מעגלעך צאַמען די נייגונג זיך צו באַנוצן מיט געוואַלד־מיטלען.

אין אָנפאַנג איז דער געדאַנקלעכער איינפלוס געווען גאָר שוואַך, דאָס רוב האָבן זיך פרימיטיווע מענטשן באַנוצט מיט גע־וואַלד־מיטלען, ביסלעכוויין, וואָס העכער דער מענטש האָט זיך אַנטוויקלט אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן דער געדאַנקלעכער איינ־פלוס, ביז עס איז געקומען אַ צייט ווען ער האָט זיך דערהייבן צו דער העכער מדרגה פון די נביאים, וואָס האָבן פּראָקלאַמירט,

אַזביים לייזן סכסוכים צווישן מענטשן דאַרפן אָנגעווענדט ווערן די פּרינציפּן פון משפּט, יושר און צדק. זיי האָבן אפילו געטרוימט פון אַן „אחרית הימים" ווען פעלקער וועלן מער ניט האַלטן קיין מלחמות איינער מיטן אַנדערן און די גאַנצע וועלט וועט פול ווערן מיט וויסן, דאָס איז דער געזעלשאַפטלעכער אידעאַל צו וועלכן דער מענטש דאַרף שטרעבן.

דער צווייג פון מענטשלעכן וויסן, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די קאָמפּליצירטע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, מיט וועלכע דער מענטשלעכער געדאַנק ראַנגלט זיך נאָך פון אוראַלטע צייטן אָן, הייסט עטיק. עס איז ווירקלעך פיל אויפגעטאָן געוואָרן אויף דעם דאָזיקן געביט: טעאָרעטיש, האָבן מיר אין אונדזער רשות די מאָראַל־לערעס פון די פאַרשיידענע רעליגיעס און די פילאָזאָפישע שיטות וואָס באַהאַנדלען דעם דאָזיקן עניין. פּראַקטיש, האָבן מיר זיך דערהייבן צו דעם דעמאָקראַטישן פּרינציפּ פון „אחרי רבים להטות" און צו דער דעמאָקראַטישער רעגירונגס־פאָרמע, ד"ה, אַז אין געזעלשאַפטלעכע ענינים רעכנט מען זיך מיט אַלעמענס מיינונג גלייך און די מאַיאָריטעט באַשטימט ווער עס זאָלן זיין די רעגירער און ווי אַזוי די רעגירונג זאָל אָנגעפירט ווערן. חוץ דעם האָבן מיר אַ פאַרצווייגטע סיסטעם פון יוריס־פּרודענץ, וועלכע רעגולירט די שייכותן צווישן איין מענטש און דעם צווייטן, און צווישן יחיד און דער געזעלשאַפט. און אפילו צווישן געזעלשאַפטן האָבן זיך ביסלעכווייז אויסגעאַרבעט אינטער־נאַציאָנאַלע געזעצן, הגם זיי פונקציאָנירן נאָך דערווײַלע שוואַכלעך, דאָך האָבן זיי אַ געוויסן איינפלוס.

אָבער טראָץ די וויכטיקע אויפטואונגען וואָס זיינען שוין גע־מאַכט געוואָרן, זיינען מיר נאָך גאַנץ ווייט פון אונדזער אידעאַל. מיר האָבן זיך נאָך אַלץ ניט אויסגעלערנט ווי אַזוי אויסצוקומען אָן געוואַלט, און אויך דאָ, אַקוראַט ווי ביי די פריערדיקע צוויי

שוועריקייטן, וואָס דער געדאַנק באַמיט זיך בייצוקומען, מערקן מיר דעם זעלביקן פּראָצעס: אַ געוויסע מאָס פון שוין דערוואָרבע־נע ווערטן, אַן אומבאַפרידיקונג מיטן שוין דערוואָרבענעם און אַ ווייטערדיקן זוכן און שטרעבן צו העכערעס.

די פּערטע שוועריקייט וואָס דער געדאַנק דאַרף בייקומען איז זיין אייגענע באַגרענעצטקייט. ביי די פריערדיקע שוועריקייטן האָבן מיר געזען, ווי אַזוי דער מענטשלעכער געדאַנק באַמיט זיך צו לייזן די פּראָבלעמען, וואָס אַנטשטייען אַדאַנק מיינונגס־פאַר־שיידנהייט צווישן מענטשן און ווי אַזוי בייצוקומען די שווערי־קייטן אין אים און אַרום אים, דאָ האָבן מיר צו טאָן מיטן געדאַנקס אייגענער באַגרענעצטקייט. ניט נאָר איז ער באַגרענעצט פון כוחות וואָס זיינען אַנדערש פון אים און פון ענלעכע געדאַנק־לעכע כוחות ביי אַנדערע מענטשן, נאָר ער איז אויך באַגרענעצט אין זיך גופא.

ווען מיר באַטראַכטן די ביז איצטיקע אויפטואונגען פון מענטשלעכן געדאַנק, וואַרפט זיך אונדז אין די אויגן דער נעגאַ־טיווער כאַראַקטער פון זיין באַנעם בנוגע זיינע שטרעבונגען. למשל, אַלע זיינען מודה, אַז אין אונדזער איצטיקער געזעל־שאַפטלעכער אָרדענונג ווערן באַגאַנגען פילע אומגערעכטיקייטן, וועלכע דאַרפן אָפּגעשאַפט ווערן. ווען דער געדאַנק פרעגט זיך, וואָס איז די אידעאַלע געזעלשאַפט צו וועלכער מיר דאַרפן שטרעבן, קאָן ער אויף דעם ענטפערן בלויז אין נעגאַטיווע טער־מינען, ד״ה, ער וועט זאָגן, אַז אַן אידעאַלע געזעלשאַפט איז אַזעל־כע וואו עס ווערן ניט באַגאַנגען קיינע אומגערעכטיקייטן. פרעגט זיך דער געדאַנק ווייטער, וואָס אַזוינס איז אַזאַ געזעלשאַפט, ד״ה, ווי אַזוי וועט זי זיין אָרגאַניזירט, וואָסערע געזעצן וועט זי האָבן בנוגע די שייכותן צווישן אירע מיטגלידער וכדומה, אויף דעם קאָן ער קיין קלאָרן ענטפער ניט געבן, מחמת דער ענין אַנט־

האַלט אין זיך אַזויפיל פאַרשיידענע פּראָבלעמען און זיי זיינען אַזוי פאַרוויקלט איינער מיטן אַנדערן, אַז ער קאָן זיי אַלע צוזאַמען ניט באַנעמען אויף איין מאָל אַלס אַ גאַנצע זאַך. מיט אַנדערע ווערטער, ער איז ניט בכוח צו ענטפערן אויף דעם אין פּאָזיטיווע טערמינען.

ווי מיר וועלן שפּעטער זען, איז דער געדאַנק זיכער, אַז זיין באַנעם וועגן אַן אידעאַלער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג איז באמת אַ רעאַליטעט און ניט קיין פוסטער חלום, אָבער אַלץ וואָס ער קאָן טאָן איז ניט מער, ווי ביסלעכווייז באַזייטיקן די איינצעלנע אומגערעכטיקייטן און דערמיט זיך דערנענטערן צום אידעאַל.

דאָס זעלבע באַמערקן מיר ביי אַלע אַנדערע צווייגן פון מענטשלעכן שאַפן. ווען דער געדאַנק דערגרייכט די גרענעצן פון זיין דערקענטעניש, ווערט ער מטושטש און הייבט אָן בלאָנדזשען. מיר וועלן דאָס אילוסטרירן מיט אַ משל און אַזעלכע אילוסטראַציעס קאָן מען ברענגען גאָר אַ סך. אַלע זיינען מודה, אַז זאָגן ליגן איז אַ שלעכטע טאַט. אין דורכשניטס פאַלן פון מענטשלעכער האַנדלונג, פסקנט דער געדאַנק, אַז מען טאָר ניט זאָגן קיין ליגן. עס זיינען אָבער פאַראַן אויסנאַם־פאַלן וואו ניט זאָגן קיין ליגן קאָן ברענגען גרויס שאָדן. עס קאָן אויך געמאָלט זיין, אַז דורך זאָגן אַ ליגן וועט דער ליגנער ראַטעווען אַ מענטשלעך לעבן וכדומה. אין אַזעלכע אומשטענדן איז דער געדאַנק ניט זיכער ווי אַזוי צו פסקנען. דאָ טרעט ער אַריבער די גרענעצן פון זיין זיכערן וויסן ,און מיר געפינען טאַקע, אַז בנוגע אַזעלכע פאַלן איז פאַראַן חילוקי דעות אין דער מאָראַל און אין דער פילאָזאָפיע ווי אַזוי מען דאַרף האַנדלען.

די גרענעצן פון מענטשלעכער דערקענטעניש זיינען אָבער ניט פיקסירט, זיי האַלטן זיך כסדר אין אויסברייטן. מיט יעדן זיג פון געדאַנק איבער די אַרומיקע שווערקייטן מיט וועלכע ער

ראַנגלט זיך, באַזיגט ער גלייכצייטיק זיינע אייגענע אינערלעכע שוועריקייטן. מיט יעדן אויפטו אויף אַלע געביטן פון זיין שאַפן ברייטערט ער אויס די גרענעצן פון זיין דערקענטעניש און פאַר־איינס פאַרשטאַרקט ער זיינע פעאיקייטן צו באַנעמען זאַכן. און אויך דאָ באַמערקן מיר דעם זעלביקן פּראָצעס ווי ביי די פּריי־ערדיקע שוועריקייטן: אַ כסדרדיק וואַקסן, אומבאַפרידיקונג און אַ וויטערדיקן שטרעבן.

עמיל דורקהיים (אין דעם אויבנדערמאַנטן ווערק) באַווייזט, אַז ביי די פּרימיטיווע מענטשן האָבן אַלע געדאַנקלעכע טעטי־קייטן געפונען זייער אויסדרוק אין רעליגיעזע פאָרמען. שפּעטער, אויף די העכערע מדרגות אין דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, האָבן זיך פון דער רעליגיע אויסגעשיילט אייגנאַרטיקע פאָרמען פון וויסן. די וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע, עטיק און קונסט זיינען גע־וואָרן זעלבסטשטענדיקע געדאַנקלעכע אויסדרוקס־פאָרמען. מיט דער וויטערדיקער אַנטוויקלונג פון געדאַנק, האָט זיך דער פּראָצעס פון ספּעציאַליזאַציע אַלץ מער פאַרברייטערט, אַזוי אַרום, אַז היינט איז מער ניט מעגלעך פאַר איין מענטשן צו וויסן אַלע צווייגן פון מענטשלעכן פאָרשן. עס טרעפט גאַנץ אָפט, אַז ער פאַרלירט קאָנטאַקט מיטן געדאַנקלעכן פּראָצעס אין זיין גאַנצ־קייט. מיר טאָרן אָבער ניט פאַרגעסן, אַז טראָץ דער ברייטער פאַר־צווייגונג פון מענטשלעכן וויסן איז עס אָבער אין תוך אַריין איין גאַנצע זאַך, וואָס שטאַמט פון איין מקור און שטרעבט צום זעלבן ציל.

ווען מיר אַנאַליזירן דעם אַנטוויקלונגס פּראָצעס, וואָס דער מענטשלעכער געדאַנק האָט דורכגעמאַכט, ווערן בולט פאַר אונדז צוויי הויפּט־שטריכן:

1. די פּראָגרעסיווע ריכטונג פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג, ד״ה, אַז דער סכום פון אונדזערע ידיעות פאַרגרעסערט זיך כסדר

און אַלס פועל יוצא פון דעם, ווערט אונדזער באַנעם פון זאַכן אַלץ טיפער.

2. די שטענדיקע אומצופרידנהייט מיט דעם שוין דער־גרייכטן, מיט אנדערע ווערטער, אַז טראָץ דעם פּראָגרעס וואָס מיר האָבן שוין געמאַכט, בלייבט נאָך אַלץ עפּעס ניט פאַרשטאַנען, עפּעס אומבאַוואוסט, און עס פאָדערט זיך ווייטערדיקע אָנשטרענ־גונג דעם חיסרון פול צו מאַכן.

וואָס פאַר אַ מיינונג מיר זאָלן ניט האָבן וועגן דעם ענין פּראָגרעס בכלל, איז עס אָבער קיין ספק ניט, אַז אין פאַרגלייך מיטן פּרימיטיוון מענטשן שטייט דער היינטיקער ציוויליזירטער מענטש אַסך העכער, הן אין זיינע ידיעות וועגן די נאַטור־כּוחות וואָס רינגלען אים ארום, הן אין פאַרשטענדעניש וועגן זיינע אינער־לעכע כּוחות. דאָס גיט צו דעם מאָדערנעם מענטשן מוט בייצוקומען דעם פּעסימיסטישן בליק לגבי זיינע אויפטואונ־גען. די געשיכטע באַווייזט קלאָר, אַז הגם מיר האָבן נאָך דערווייל ניט בייגעקומען אַלע שוועריקייטן, איז פאַרשריט דאָך גע־מאַכט געוואָרן, דאָס גיט דעם מענטשן חשק און קוראַזש אָנצו־גיין מיט זיין אַרבעט, מיטן זיכערן גלויבן, אַז פאַרשריט וועט אויך ווייטער געמאַכט ווערן.

פון דעם אַלעמען נעמען מיר פאַרשטיין דעם אמתן כאַראַק־טער פון געדאַנק גופא: ער איז אַן אַקטיווער כּוח אין דעם מענטשן וואָס נעמט אַרום דעם גאַנצן מענטשלעכן וועזן און די גאַנצע וועלט אַרום אים. אויף אַלע געביטן פון מענטשנס טעטי־קייט מאַכט ער כסדרדיקן פאַרשריט, הן אין זיין אינערלעכן מהות, הן אין זיין באַנעם פון דער אַרומיקער וועלט. ער שטעלט זיך אָבער ניט צופרידן מיט דאָס שוין דערגרייכטע, כל זמן עס בלייבן נאָך חסרונות אָדער שוועריקייטן, וועלכע דער מענטש האָט נאָך ניט בייגעקומען. דערפון ווערט ממילא קלאָר, אַז

דערגרייכן זיין ציל קאָן דער מענטש בלויז דעמאָלט, ווען ער וועט זיך דערהויבן צו דער מדרגה וואו אַלע חסרונות וועלן אָפּגע־שאַפט ווערן, ווען אַלץ וועט פאַר אים זיין קלאָר, ד״ה אַזאַ גייס־טיקן צושטאַנד וואו אַלע צווייגן פון מענטשלעכן דענקען וועלן זיין אין פולער האַרמאָניע איינער מיטן אנדערן. דער ריכטיקער נאָמען פאַר אַזאַ צושטאַנד איז פולקומענהייט אָדער שלימות.

צוריקקערנדיק זיך צו דער שאלה וואָס מיר האָבן פריער געשטעלט: צו וואָס שטרעבט דער מענטשלעכער געדאַנק? קאָ־נען מיר קורץ פאָרמולירן דעם ענטפער — דער מענטשלעכער געדאַנק שטרעבט צו שלימות אָדער פולקומענער האַרמאָניע. די דאָזיקע שלימות האָט ער נאָך דערוויל ניט דערגרייכט, ער האָלט זיך אָבער כסדר אין דערנענטערן צו איר.

און איצט קריגן מיר דעם ענטפער אויף דער ערשטער פראַ־גע וועלכע מיר האָבן געשטעלט אין דער איצטיקער אַרבעט: וואָס איז דער זין פון מענטשלעכן לעבן? דער ענטפער איז דייטלעך אַרויסגעקומען: דאָס איז דאָס שטרעבן צו דער פולקומענהייט, צו האַרמאָניע, א שטרעבן וואָס איז אַ פונדאַמענטאַלע אייגנשאַפט פון מענטשן.

וועגן שלימות

קומט אונדזער סקעפּטישעס דענקען און פרעגט: דאָס איז אַלץ גערעדט, ווען מען נעמט אָן די סברה, אַז אַזאַ אידעאַלער צושטאַנד ווי שלימות איז ווירקלעך פאַראַן, דאַן באַקומט טאַקע דאָס מענטשלעכע לעבן אַ זין, מיט דעם וואָס דער מענטש דערנענטערט זיך צום אידעאַל. אבער אַזוי ווי מיר האָבן נאָך די שלימות ניט דערגרייכט, פון וואַנען ווייסן מיר, אַז אַזאַ זאַך עקזיסטירט בכלל, אפשר איז דאָס ניט מער ווי אַ שפּיל פון געדאַנק? מיט אַנדערע ווערטער, אויף וואָס פאַר אַ גרונט באַזירן מיר אונדזער גלויבן, אַז שלימות עקזיסטירט. כדי אויף דעם צו ענטפערן, וועלן מיר קודם כל מוזן פעסטשטעלן די ראָלע וואָס דאָס סקעפּטישע דענקען דאַרף שפּילן אין אונדזער לעבן.

דער געדאַנקלעכער אָדער רוחניותדיקער טייל פון מענטשן באַשטייט פון צוויי הויפּט קאַטעגאָריעס: געמיט צושטאַנדן אָדער אונדזער עמאָציאָנעלע נאַטור און דאָס רעפלעקטיווע דענקען. געמיט־צושטאַנדן, דאָס זיינען די גרונט־שטריכן פון דער נשמה וואָס באַשטימען דעם מענטשנס כאַראַקטער. למשל, ווען מיר זאָגן, אַז איינער איז בטבע אַ גוטער, באַצייכענען מיר דערמיט יענעמס כאַראַקטער אַלס אַזעלכן, דאָס זיין נאַטירלעכע נייגונג איז צו העלפן דעם צווייטן, ד״ה, ער דאַרף דערביי ניט מאַכן קיין באַ־

זונדערע אָנשטרענגונג אַזוי צו האַנדלען. בעת ווען איינער איז בטבע אַ שלעכטער, קומט אים אָן שווער יענעם צו העלפן, ווייל ער מוז צוערשט באַזיגן אין זיך די נייגונג יענעם ניט צו העלפן. פאַרקערט ווידער, וועט דעם גוטן מענטשן אויסקומען שווער יענעם ניט צו העלפן, מחמת ער וועט דאַרפן בייקומען זיין נייגונג אים יאָ צו העלפן, און אַזוי איז דאָס מיט אַלע אַנדערע מענטשלעכע כאַראַקטעריסטיקעס, איינער האָט אַ נייגונג צו מוזיק, אַ צווייטער צו רעליגיע, אַ דריטער צו וויסנשאַפט וכדומה.

דאָס רעפלעקטיווע דענקען, דאָס איז די אייגנשאַפט נאָכצוטראַכטן וועגן זאַכן און פּאַסירונגען. דאָ שפּילט די לאָגיק אַ וויכטיקע ראָלע. לויט אירע כללים זיינען מיר בכוח אַרויסצודרינגען אין זאַך פון דער צווייטער און זיך פונאַנדערקלייבן אין אונדזערע אייגענע געמיט־צושטאַנדן און אויסגלייכן די אָפטע סיכסוכים וואָס קומען פאָר צווישן זיי.

דאָס סקעפּטישע דענקען איז בלויז אַ טייל פון רעפלעקטיוון דענקען. ער איז דער שומר, וואָס היט דעם געדאַנק ער זאָל ניט מאַכן קיין טעותים. ער שטייט כסדר אויף דער וואַך און וואָרנט: היט זיך טאָמער איז דאָס ניט דער ריכטיקער וועג, מאַך ניט קיין ענדגילטיקע מסקנות ביז דו וועסט ניט האָבן קיין זיכערע באַווייזן.

די געמיט צושטאַנדן זיינען טיפער איינגעוואָרצלט אין דעם מענטשן און שפּילן אַ וויכטיקערע ראָלע אין זיינע האַנדלונגען, איידער דאָס רעפלעקטיווע דענקען. די לאָגיק, דהגם מיר קאָנען ניט אויסקומען אָן איר, טראָגט בלויז אַ פאָרמעלן כאַראַקטער. מיר וועלן דאָס אילוסטרירן מיטן פאָלגענדיקן ביישפּיל:

אַלע מענטשן זיינען שטערבלעך. חיים איז אַ מענטש. דער שלוס: חיים איז שטערבלעך. דער סילאָגיזם וועט ניט זיין ווייניקער קאָרעקט ווען מיר זאָגן אַקוראַט דעם היפוך: אַלע

מענטשן זיינען אומשטערבלעך, חיים איז אַ מענטש, דער שלוס: חיים איז אומשטערבלעך. צי אַלע מענטשן זיינען שטערבלעך אָדער פאַרקערט, ווערט ניט באַשטימט פון דער לאָגיק. אין דעם פאַל ווערט דאָס באַשטימט דורך דער דערפאַרונג. די לאָגיק דינט דאָ בלויז אַלס אַ פאָרמע אָדער כלי אין וועלכער מיר קאָנען אַריינטאָן וואָס נאָר אונדז געפעלט. זי שפּילט אויך אַ קאָרעגירנדיקע ראָלע, ד"ה, מיר מוזן אָפּהיטן אירע כללים, אויב ניט וועלן מיר זיכער פאַרקריכן אין אַ זומפּ פון טעותים. דער מאַטעריאַל אָבער מיט וועלכן די לאָגיק אָפּערירט שטעלן צו די חושים צוזאַמען מיט די געמיט־צושטאַנדן. די לאָגיק איז אויך זייער עלאַסטיש, זי קאָן זיך לייכט צופּאַסן צו די פאָדערונגען פון אונדזערע אינערלעכע נייגונגען. עס פּאַסירט אָפט, אַז פאַרשער, וואָס שטיצן זיך אויף דעם זעלביקן מאַטעריאַל און באַנוצן זיך מיט דער זעלביקער לאָגיק, קומען פונדעסטוועגן צו פאַרשיידענע מסקנות. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס זייערע געמיט־צושטאַנדן זיינען פאַרשיידן. דאָס רעפלעקטיווע דענקען גיט אונדז די מעגלעכקייט צו קאָרעגירן און אָפּטמאָל צו מאָדיפיצירן אונדזערע מיינונגען. עס פּאַסירט אויך אַז עס העלפט אין עמאָציע גובר זיין די צווייטע, דאָס רוב אָבער ווערן אונדזערע מיינונגען און האַנדלונגען באַשטימט פון די געמיט צושטאַנדן.

אין דעם פּראָצעס פון קאָרעגירן און מאָדיפיצירן, דערפילט דער סקעפּטיציזם זייער אַ ניצלעכע פונקציע, דערמיט וואָס ער פאַרהיט דעם געדאַנק פון מאַכן ענדגילטיקע מסקנות איידער ער באַקומט זיכערע באַווייזן. דער עיקר ווייזט זיך דאָס אַרויס אין דער וויסנשאַפט. אין ריין־וויסנשאַפטלעכע עקספּערימענטן, למשל, ווי אין דער פיזיק, אַסטראָנאָמיע וכדומה, וואו עס איז ניט נויטיק צו מאַכן קיין באַלדיקע אויספירן און וואו די עמאָציעס פון פאָרשער שפּילן ניט קיין דירעקטע ראָלע, דאָרטן קאָן זיך דער וויסנ־

שאַפטלער פאַרגינען דעם לוקסוס צו זיין אָביעקטיוו און אָפּוואַרטן מיט זיינע שלוסן ביז ער באַקומט זיכערע חושימדיקע באַווייזן. דאָרט אָבער וואו עס האַנדלט זיך וועגן מאָראַלישע אָדער געזעל־שאַפטלעכע ענינים, וואו די עמאָציעס פון פאָרשער שפּילן די הויפּט ראָלע און די מסקנות קאָנען ניט אָפּגעלייגט ווערן מחמת עס פאָדערן זיך באַלדיקע האַנדלונגען, דאָרט איז די וויסנשאַפט־לעכע אָביעקטיוויטעט ניט מעגלעך און ווי מיר וועלן באַלד זען, איז דער סקעפּטישער צוטריט ניט ווינטשנסווערט. מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז אפילו אין דער וויסנשאַפט איז עס שווער דעם פאָרשער צו זיין אינגאַנצן אָביעקטיוו, ווייל אומבאַוואוסט פאַר אים גופא ווערן זיינע פאָרשונגען באַאיינפלוסט פון זיינע געמיט צושטאַנדן.

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז ווען מען באַנוצט זיך מיטן סקעפּ־טישן אַרט דענקען אין אַ באַגרענעצט פעלד, דאַן קאָן עס זיין זייער ניצלעך פאַרן מענטשן, קוים אָבער נעמט מען אַוועק די גרע־נעצן און מען לאָזט אים געוועלטיקן פראַנק און פריי, אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכן שאַפן, אין דעם פאַל קאָן ער ווערן די ערגסטע קללה פאַרן מענטשן, מחמת דער עקסטרעמער סקעפּ־טיציזם פירט צו אימפּאָטענץ. פון אַן עקסטרעם סקעפּטישן שטאַנד־פּונקט קאָן מען צווייפלען אין אַלץ: אין רעליגיע, וויסנשאַפט, עטיק אפילו אין דער עקזיסטענץ פון אייגענעם קערפּער. עס בלייבט מער ניט קיין שום ווערטפולע זאַך פאַרוואָס מען זאָל זיך איינשטעלן און פאַרוואָס מען זאָל דאַרפן קעמפן, אַזוי אַרום נעמט ער צו פון מענטשן אַלע זיינע אידעאַלן און מאַכט אים אומפעאיק ווייטער צו שאַפן. אונטער דעם איינפלוס פון עקסטרעמען סקעפּ־טיציזם זינקט דער מענטש אַלץ נידעריקער צו ריין־דיהישן לעבנס־שטייגער, מחמת דעם, וואָס ער פאַרלירט זיינע גייסטיקע ווערטן.

אין פּראַקטישן לעבן קאָנען מיר ניט האַנדלען ווי סקעפּטיקער. סקעפּטיקער זיינען מיר בלויז לאחר המעשה, נאָך דעם ווי מיר האָבן אַ געלעגנהייט נאָכצוטראַכטן וועגן זאַכן. אין טאָגטעגלעכן פּראַקטישן לעבן אָבער האַנדלען אונדזערע עקסטרעמע סקעפּטיקער פּונקט אַזוי ווי דאָגמאַטיקער. פון אַן עקסטרעם סקעפּטישן שטאַנדפּונקט קאָנען זיי אפילו ניט זיין זיכער צי אַזעלכע זאַכן ווי גוטס, אמת און שיינקייט זיינען בכלל פאַראַן, פונדעסטוועגן האַלטן זיי כסדר אין איין אַרויסזאָגן מיינונגען און האַנדלען אויף אַן אופן אַקוראַט ווי זיי וואָלטן געווען זיכער, וואָס איז אַזוינס גוטס, וואָס איז אַזוינס שלעכטס. דאָס זעלביקע בנוגע אמת און שקר, שיין און מיאוס. ווען דער עקסטרעמער אָדער פיזיאָלאָגישער סקעפּטיציזם וואָלטווירקלעך באַאיינפלוסט מענטשלעכע האַנדלונגען, וואָלטן זיי אַזוי ניט געקענט האַנדלען, ווי זיי האַנדלען. אַן דער זיכערקייט, אַמווייניקסטן אין דער רעאַליטעט פון גייסטיקע ווערטן וואָלט קיין געדאַנקלעך לעבן בכלל ניט געווען מעגלעך.

פרעגט זיך פון וואַנען נעמט זיך די דאָזיקע זיכערקייט, דער ענטפער איז, אַז אָט די זיכערקייט, איינגעגלויבטקייט, ליגט אין עצם פון דער מענטשלעכער נשמה. מיט אַנדערע ווערטער, די באַגריפן פון גוט און שלעכט, אמת און שקר, שיין און מיאוס, ד״ה, די פעאיקייט צו שאַצן ווערטן ,דאָס זיינען די גייסטיקע אייגנשאַפטן אין מענטשן, וואָס שטעלן אים העכער פון דער חיה, דערמיט ווערט ער אַ גייסטיק וועזן. צו צווייפלען אין דער רעאַליטעט פון די דאָזיקע אייגנשאַפטן, מיינט צו צווייפלען אין דער עקזיסטענץ פון מענטשן אַלס אַ גייסטיק וועזן. דער ניט געצאַמטער סקעפּטיציזם פירט צו אַזאַ אַבסורד.

מען ווייזט אָן, אַז די דאָזיקע גייסטיקע אייגנשאַפטן האַלטן זיך אין בייטן, ניט אַלעמאָל ווערן די זעלביקע זאַכן באַטראַכט

אַלס אמת, גוט און שיין. עס מאַכט זיך אויך אַמאָל, אַז דאָס, וואָס ווערט באַטראַכט פאַר גוט, אמתדיק און שיין אין איין עפּאָכע, ווערט עס אין אַן אַנדער עפּאָכע באַטראַכט פאַר דעם היפוך פון דעם. דערפון וויל מען דרינגען, אַז די דאַזיקע באַגריפן האָבן ניט צו טאָן מיט קיין פונדאַמענטאַלע אייגנשאַפטן. איז דאָס אָבער אַ טעות. עס איז טאַקע אמת, אַז די פאָרמען פון גוטס און שלעכט בייטן זיך, ד״ה, דער אופן ווי אזוי די דאָזיקע באַגריפן דריקן זיך אויס, בייטן זיך לויט דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער קולטור, אָבער דער עצם באַגריף פון גוטס און שלעכטס בייט זיך ניט (דאָס זעלביקע בנוגע אמת און שקר, שיין און מיאוס) דאָס איז פונדאַמענטאַל. אָן דעם איז בכלל ניט שייך צו זאָגן, אַז אַ געוויסע האַנדלונג אָדער פאַסירונג איז גוט, אמת, שיין אָדער פאַרקערט. די דאָזיקע באַגריפן זייען אָנווענדבאַר בלויז אויף וועזנס, וואָס פאַרמאָגן די פעאיקייט צו מאַכן אַ נפקא מינה צווישן גוטס און שלעכטס און די פעאיקייט אויסצוקלייבן דאָס גוטע דורך זייער ווילן. פאַרן געדאַנק זיינען גייסטיקע ווערטן ווירקלעכקייטן, פאַר וועלכע עס לוינט זיך צו ברענגען קרבנות און צו וועלכע מען דאַרף שטרעבן.

וויליאַם דזשיימס אין זיין ווערק „דער ווילן צום גלויבן״ ווייזט אָן, אַז אפילו אין דער וויסנשאַפט, וואו דער סקעפּטיציזם שפּילט זיין ניצלעכסטע ראָלע, מוז דער מענטש סוף כל סוף אָנקומען צו זיינע געמיט־צושטאַנדן פאַר דער באַרעכטיגונג פון דעם סקעפּטיציזם גופא. דזשיימס רופט אָן אונדזערע געמיט־צושטאַנדן אין פאַסקאַלס טערמינאָלאָגיע, די פאָדערונג פון הארצן און דעם ספּעקולאַטיוון דענקען — די פאָדערונג פון קאָפּ. ער זאָגט: „די וויסנשאַפט קאָן אונדז זאָגן וואָס עס עקזיסטירט, אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן פאַרגלייכן ווערטן, סיי פון דעם וואָס עס עקזיסטירט און סיי פון דעם וואָס עס עקזיסטירט ניט, מוזן מיר

זיך מיישב זיין ניט מיט דער וויסנשאַפט, נאָר מיט דעם וואָס פּאַסקאַל רופט אָן, אונדזער האַרץ. די וויסנשאַפט גופא איז זיך מיישב מיט איר אייגן האַרץ, ווען זי שטעלט אַוועק דעם כלל, אַז די אייביקע באַמיאונגען פעסטצושטעלן פאַקטן און דאָס קאָרעגירן פון פאַלשע מיינונגען, איז דאָס העכסטע גוטס פאַרן מענטשן. פאַר־דערט אויף די וויסנשאַפט, אַז זי זאָל די דאָזיקע באַהויפּטונג באַווייזן און אַלץ וואָס זי קאָן טאָן איז עס איבערחזרן דאָגמאַטיש, אָדער זי וועט דאָס באַווייזן דורך דעם וואָס זי וועט אָנווייזן, אַז אַזאַ פעסטשטעלונג פון פאַקטן און קאָרעגירונג פון פאַלשע מיינונ־גען ברענגען דעם מענטשן אַלערליי אַנדערע גוטסקייטן, וועלכע ווערן ווידער אַמאָל באַשטימט פון מענטשנס האַרץ".

פון דעם פאָלגט, אַז אפילו אין דער וויסנשאַפט שפּילן אונ־דזערע געמיט־צושטאַנדן די הויפּט־ראָלע, אין דעם פאַל איז דאָס אונדזער ליבע צום אמת, און דער סקעפּטיציזם גופא, וואָס זיין הויפּט אויפגאַבע איז אויסצומיידן טעותים האָט נאָר דעמאָלט אַ באַרעכטיקונג, ווען ער שטיצט זיך אויף אונדזער אינערלעכן גע־פיל, אַז אמת דאַרף מען ליב האָבן און פאַלשקייט דאַרף מען האָסן, אָן דעם איז בכלל קיין נפקא מינה ניט צי מען מאַכט יאָ אָדער ניט קיין טעות. ממילא ווערט פון דעם קלאָר, אַז די לעגיטימע ראָלע פון סקעפּטיציזם איז: צו העלפן דעם געדאַנק זיך דער־נענטערן צום אמת דורך דעם וואָס ער העלפט אים אויסמיידן טעותים.

איצט קאָנען מיר זיך אומקערן צו דער שאלה וואָס מיר האָבן זיך אויבן געשטעלט וועגן שלימות: אויף וואָס באַזירן מיר אונדזער גלויבן, אַז שלימות עקזיסטירט? דער תירוץ איז, מיר קאָנען ניט צווייפלען אין דערווירקלעכקייט פון שלימות, אַקו־ראַט ווי מיר קאָנען ניט צווייפלען אין דער ווירקלעכקייט פון גוטס, אמת און שיינקייט, מחמת די דאָזיקע באַגריפן אַנטהאַלטן

אין זיך דעם באַגריף פון שלימות. ווען מיר האָבן אויבן אַנאַ־
ליזירט דעם פּראָצעס פון מענטשלעכן געדאַנק, האָבן מיר געזען,
אַז אויף יעדן געביט פון מענטשלעכן גייסטיקן שאַפן, שטרעבט דער
געדאַנק צו שלימות און אַזוי ווי עס איז אַן אַבסורד צו צווייפלען
אין דער רעאַליטעט פון אונדזער גייסטיקער עקזיסטענץ, אַזוי איז
גלייכוואָגיק אַן אַבסורד צו צווייפלען אין דער רעאַליטעט פון
שלימות. אונדזער זיכערקייט, אַז שלימות איז פאַראַן איז איינגע־
וואָרצלט אין אונדזער אינערלעכן גייסטיקן מהות, דער לעגי־
טימער סקעפּטיציזם האָט איבער דעם קיין שליטה ניט.

III

וועגן דעם מקור פון מאָראַל

וועגן דעם מקור פון מאָראַל

1

פון אַ מאָראַלישן שטאַנד־פונקט ווערן מענטשלעכע האַנדלונגען און טראַכטונגען איינגע־טיילט אין צוויי סאָרטן: גוטע און שלעכטע. די אויפגאַבע פון מאָראַל איז צו לערנען דעם מענטשן אויסצודערווײלן דאָס גוטע און אויסמיידן דאָס שלעכטע. אין אַלע דורות האָבן זיך די גרעסטע מענטשן באַשעפטיקט מיט דער מאָראַל. אַזוי אַרום האָבן מיר אין אונדזער רשות גאָר אַ סך אויפטואונגען וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין פאַרלויף פון דער געשיכטע אויפן דאָזיקן געביט.

עס איז ניט אונדזער אויפגאַבע זיך אַריינצולאָזן אין דער באַטראַכטונג פון די פאַרשידענע מאָראַלישע שיטות. אין דער איצטיקער אַרבעט ווילן מיר בלויז אָנרירן איין ווינקל פון אָט דעם פּראָבלעם, נעמלעך, דעם מקור פון מאָראַל, ד״ה, געפינען די יסודות אויף וועלכע מאָראַל איז אַרויפגעבויט.

די ענטפערס וואָס ווערן געגעבן אויף אָט דעם פּראָבלעם מכוח דעם מקור פון מאָראַליטעט קענען איינגעטיילט ווערן אין צוויי הויפּט־מינים: 1) דער טעאָלאָגישער; 2) דער הומאַניס־טישער. יעדער פון זיי פאַרמאָגט פאַרשידענע שאַטירונגען. פאַר אונדזער צוועק אָבער איז גענוג, אַז מיר זאָלן זיך אָפּשטעלן בלויז

אויף די אַלגעמיינע שטריכן: מיר וועלן באַטראַכטן דעם צד השוה, וואָס פאַראייניקט די פאַרשיידענע שאַטירונגען פון יעדן מין. מיר וועלן אויך פּרובירן פאָרמולירן אַ דריטן ענטפער, וועלכער וועט פאָרשטעלן אַ מין סינטעז פון די דאָזיקע צווי נאָר וואָס דער־מאָנטע ענטפערס.

דער טעאָלאָגישער ענטפער איז היסטאָריש דער ערשטער. די דאָזיקע שיטה פון מאָראַל איז געבויט אויף דער אמונה, אַז עס איז פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט. ער אַנטפּלעקט זיך צום מענטשן דורך זיינע כהנים אָדער נביאים, און דורך זיי לאָזט ער וויסן דעם מענטשן ווי אַזוי ער זאָל זיך אויפפירן און וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט פאַר אים. די קולטור געשיכטע ווייזט אונדז ווי אַזוי דער דאָזיקער געדאַנק האָט זיך אַנטוויקלט. עס ציינט זיך אַרויס, אַז דער גאָט־באַגריף, אין איין פאָרם אָדער אַן אַנדערער, איז אַזוי אַלט ווי די מענטשהייט אַליין.

על פי שכל לאָזט זיך אָננעמען די סברה, אַז די גאָר ער־שטע מענטשן, ווען זיי זיינען געוואָר געוואָרן פון זייער אייגענעם איך איז פאַר זיי ממילא אַנטשטאַנען דאָס פּראָבלעם פון דעם ניט איך, ד״ה, פון דער גאַנצער אַרומיקער וועלט, וואָס שיידט זיך אָפּ פון דעם איך. דער באַגריף איך איז ניט דענקבאַר אָן דעם באַגריף ניט איך. דער אוראַלטער מענטש האָט דאָס זיכער ניט פאָרמולירט אַזוי ווי מיר טוען עס איצט. עס איז אָבער דערלויבט אָנצונעמען, אַז אין דער זעלביקער צייט ווען דער מענטש האָט זיך דערקענט ווי עפּעס אַנדערש פון דער אַרומיקער וועלט, איז ער ממילא געווען געצוואונגען צו טראַכטן און האָט געמוזט נעמען פאַרשטיין וואָס אַזוינס איז די אַרומיקע וועלט. פון די פאָר־שונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון די פּרימיטיווע שבטים דערוויסן מיר זיך, אַז כמעט אַלע פון זיי האָבן אַ וועלכן עס איז צערעמאָניאַל מיט וואָס זיי דינען צו די אַרומיקע כוחות. דער

פרימיטיווער מענטש האָט זיך געפונען אַרומגערינגלט מיט נאַטור כוחות, וועלכע ער האָט ניט געקענט באַהערשן. ער האָט מורא געהאַט פאַר זיי. ער האָט זיי באַוואונדערט. קורץ, ער האָט זיי פאַרגעטערט.

אגב אורחא ווילן מיר דאָ אָנמערקן, אַז עד היום, טראָץ די גרויסע אויפטואונגען פון דער וויסנשאַפט און טעכניק, שטייען מיר פונקט אַזוי ווי דער פרימיטיווער מענטש פאַר דער זעלביקער רעטעניש. אמת, אונדזער וויסן האָט זיך אַ סך פאַרברייטערט. עס איז נאָך אָבער פאַרבליבן גאָר אַ סך פון וועלכן מיר האָבן קיין ידיעה ניט, אפילו דאָס וואָס מיר ווייסן יאָ, איז דאָס בלויז אַן עמפּיריש וויסן. ניט מיר ווייסן וואָס אין תוך אַריין די כוחות זיינען און ניט מיר ווייסן פאַרוואָס זיי זיינען. נאָר אין אַ קליי־נער מאָס איז אונדז געלונגען צו פאַרשטיין, און אין נאָך אַ קלענערער מאָס צו באַהערשן די כוחות וואָס געפינען זיך אַרום אונדז און אין אונדז גופא. און טאַקע אַ דאַנק דעם, וואָס אונדזער וויסן האָט זיך לגבי דעם פרימיטיוון מענטשנס וויסן אויסגעברייטערט, זיינען מיר בכוח טיפער אַריינצובליקן אין דעם וואונדער פון דעם קאָסמאָס, און מיר רופן אויס צוזאַמען מיט דעם משורר פון תהילים: „מה רבו מעשיך ה׳״.

עס האָט גענומען אַ סך דורות איידער די פּרימיטיווע מורא און באַוואונדערונג פון די נאַטור כוחות האָבן זיך לאַנגזאַם אַנט־וויקלט צו דעם גאָט באַגריף פון די יידישע נביאים. דאָס איז געווען אַ שטופנווייזע אַנטוויקלונג פון די גאָר נידעריקע פאָרמען פון פיל־געטעריי, ביז צו דעם ריינעם מאָנאָטעאיזם. דער מאָנאָ־טעאיזם גופא האָט דורכגעמאַכט אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג, פון דעם קערפּערלעכן צו דעם ריין־רוחניותדיקן גאָט־באַגריף פון אַ רמב״ם וכדומה.

אין אַלע צייטן האָבן מענטשן אויסגעטיילט פון זיך אַזעל־כע וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן דערהויפּט מיט גאָטעס־דינסט. מיר

געפינען, אַז אין אַלע שטופן פון דער רעליגיעזער אַנטוויקלונג זיינען געווען כוהנים און דערנאָך נביאים (ניט אַלעמאָל האָט מען זיי גערופן מיט די דאָזיקע נעמען), וועמען די מענטשן האָבן באַטראַכט אַלס די יעניקע וואָס שטייען נעענטער צו די געטער אָדער גאָט. און דורך זיי האָבן די געטער געלאָזט וויסן דעם מענטשן, וואָס ער זאָל טאָן און וואָס ער זאָל ניט טאָן. על פי שכל און פון דעם וואָס מיר קאָנען אַרויסדרינגען פון דער געשיכטע, מעגן מיר אָננעמען, אַז די כוהנים און די נביאים זיינען על פי רוב געווען מענטשן, וועלכע זיינען געווען גייסטיק מער מסוגל אויפצונעמען וועלט־פּראָבלעמען, מענטשן וואָס זיינען באמת געשטאַנען נעענטער צו דעם סוד פון דער וועלט. ביי אידן האָט זיך אָט דער געדאַנק מכוח דער סעלעקטיוויטעט פון באַשטימטע פּערזאָנען אַנטוויקלט צו דעם באַגריף פון משה קבל תורה מסיני, און שפּעטער־צו האָבן די קריסטן און מאַכמעדאַנער איבערגענומען דעם זעלביקן באַגריף און אים צוגעפּאַסט צו זייער אמונה.

2

כמעט אַלע אידן ביז דער גאָר נאָענטער פאַרגאַנגענהייט האָבן געגלויבט און גאָר אַ סך יידן גלויבן נאָך עד היום באמונה שלמה, אַז די תורה ווי מיר האָבן זי אין אונדזער באַזיץ, איז געגעבן געוואָרן פון גאָט (צו משהן אויפן באַרג סיני. אַלץ וואָס דער מענטש דאַרף טאָן, איז לערנען די תורה, וועט ער וויסן, וואָס ער דאַרף טאָן און וואָס ער /טאָר ניט טאָן, וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט. פון דעם ווערט קלאָר, אַז דער מקור פון מאָראַל איז דער העכסטער כוח אין דער וועלט, ד״ה, גאָט אַליין.

דער טעאָלאָגישער צוטריט צום מאָראַל פּראָבלעם האָט זייער וויכטיקע מעלות. ערשטנס, ווייסט דער מענטש וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט, ווייל ער האָט דאָך פאַר זיך אַ פּאַרטיקע תורה, געגעבן פון גאָט אַליין, וואָס שרייבט אים פאָר וואָס ער זאָל טאָן און וואָס ער זאָל ניט טאָן. און ממילא ווייסט ער שוין פאַרוואָס ער דאַרף אויסקלייבן דאָס גוטע, ווייל דאָס איז דאָך דער ווילן פון גאָט אַליין, דער מקור פון גוטס. צווייטנס, האָט דאָס די גרויסע מעלה פון זיכערקייט, אָנגעמענדיק, אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן פון קדוש ברוך הוא אַליין, האָט ער די אַבסאָלוטע זיכערקייט, אַז אויב ער היט אָפּ די געבאָטן פון דער תורה, גייט ער אויף דעם ריכטיקן וועג, בעת ווען דער מענטש פאַרלאָזט זיך אויף זיין אייגענעם פאַרשטאַנד, קאָן ער (אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז אַ באַגרענעצט וועזן, ווערנענס באַגריפן האַלטן זיך כסדר אין בייטן) קיין מאָל ניט וויסן אויב זיין וועג איז דער ריכטיקער. אַלס פועל יוצא פון דער דאָזיקער אַבסאָלוטער זיכערקייט, באַקומען זיך נאָך צוויי וויכטיקע מעלות: ערשטנס, גיט דאָס דעם מענטשן אַ קלאָרן זין אין לעבן, מחמת דורך דעם,

וואָס ער היט אָפּ די תורה דערפילט ער דעם רצון פון דעם בורא אליין, און דאָס איז דאָס סאַמע העכסטע צו וואָס דער מענטש קאָן שטרעבן. צווייטנס, גיט דאָס דעם מענטשן אַ שטאַרקע וואָפן מיט וואָס גובר צו זיין די תאווה צו שלעכטס, וואָס איז איינגע־פלאַנצט אין יעדן איינעם. דער מענטש, וואָס פאַרלאָזט זיך בלויז אויף זיינע אייגענע כוחות, אין זיין אויסוואַל צווישן גוטס און שלעכטס, קאָן ניט האָבן די אַבסאָלוטע זיכערקייט ווי דער יע־ניקער וואָס שטיצט זיך אין זיין אויסוואַל צווישן גוטס און שלעכטס, אויף דער אַבסאָלוטהייט אַליין — גאָט. דעם מענטשנס כוחות זיינען באַגרענעצט און דעריבער פעלערהאַפט. דער פועל יוצא פון דעם איז, אַז אים פעלט די זיכערקייט ווען ער דאַרף באַשטימען אין וואָס דאָס גוטע באַשטייט, כדי ער זאָל פאַר דעם מקריב זיין מיט די באַלדיקע זינדיקע פאַרגעניגנס צו וועלכע די תאווה ציט אים אַזוי שטאַרק.

די מעלות וואָס מיר האָבן נאָר וואָס אויסגערעכנט זיינען וויכ־טיק נאָר פאַר די יעניקע וואָס גלויבן, אַז תורה מין השמים איז באמת אַ היסטאָרישער פאַקט, ד״ה, אַז בעת דעם מעמד הר סיני האָט גאָט בפועל ממש איבערגעגעבן צו משהן די תורה שבכתב (און די תורה שבעל פה) אַזוי ווי זי געפינט זיך אין אונדזער קאַנאָן. פאַר די יעניקע אָבער וואָס גלויבן ניט, אָדער קאָנען ניט גלויבן, אַז דאָס האָט פאַסירט פשוטו כמשמעו, פאַלן די מעלות אַוועק, מחמת, אָן דעם גלויבן האָבן זיי מער קיין יסוד ניט אויף וואָס זיך צו האַלטן. עס זיינען באמת דאָ טעמים פאַרוואָס מען קען ניט אָננעמען דעם דאָזיקן גלויבן. אין די לעצטע 100—150 יאָר האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ סך מאַטעריאַל וואָס פאַרשטאַרקט די דאָזיקע טעמים. צוערשט קומט די שוועריקייט אויסצוגלייכן די אַנטשטייאונג פון דער וועלט, לויט דעם סיפור פון מעשי בראשית אין דער תורה מיט דער מאָדערנער וויסנשאַפט. די אַלע פאַרזוכן וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אויסצוטייטשן די

ווערטער פון דער תורה אויף אַזאַ אופן, אַז דאָס זאָל שטימען מיט דער וויסנשאַפט, זיינען אַדוכפּאַל. יעדע געצוואונגענע אויס־טייטשונג שוואַכט אָפּ דעם עצם באַגריף תורה מן השמים איבער צוויי טעמים: ערשטנס, אויב מען דערלויבט אַ מענטשן אויס־צוטייטשן די תורה לויט זיין אייגענעם פאַרשטאַנד. איז ניטאָ קיין סוף צו די מעגלעכע אויסטייטשונגען, ווייל יעדער מענש קען פאָדערן זיין רעכט אויסצוטייטשן די תורה לויט זיין אייגענעם פאַרשטאַנד. דאָס איז אפשר די סיבה פאַרוואָס די בעלי התלמוד זיינען געווען געצוואונגען צו באַהויפּטן, אַז די גאַנצע תורה שבעל פה איז געגעבן געוואָרן צו משהן אויפן באַרג סיני. צווייטנס, איז די וויסנשאפט גופא עפּעס אַזוינס וואָס אַנטוויקלט זיך און האַלט זיך אין כסדרדיקן בייטן, אַזוי אַרום פאָדערן זיך כסדר נייע אויסטייטשונגען.

חוץ דעם קומט צו דאָס זייער שווערע פּראָבלעם: ווי אַזוי אַריינצופּאַסן אַזעלכע מצוות ווי קרבנות, שעטנז וכדומה אין אונ־דזערע היינטיקע באַגריפן פון מאַראַל. די מאָדערנע היסטאָ־רישע פאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז די מענטשלעכע באַגריפן וועגן מאָראַל האַלטן אין איין בייטן זיך. עס איז אויך קיין ספק ניט, אַז דער היינטיקער מענטש שטייט אויף אַ העכערער מאָראַלישער מדרגה איידער דער פרימיטיווער מענטש. דאָס איז אַ סימן, אַז די מאָראַל אַנטוויקלט זיך אין אַ פּראָגרעסיווער ריכטונג. עס לייגט זיך אויפן שכל אָנצונעמען די דערקלערונג, אַז מקריב זיין קרבנות פון בהמות איז אַ וויכטיקער שריט פאָראויס לגבי מענטשלעכע קרבנות, אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט עקזיסטירט פאַר דעם (דערמיט דערקלערט זיך דער בכבודיקער פּלאַץ וואָס דער ענין קרבנות פאַרנעמט אין דער תורה, און די וויכטיקע ראָלע וואָס קרבנות האָבן געשפילט אין דעם גאָטעסדינסט פון אַלע פעלקער אין די אַלטע צייטן). דאָס אָפּשאַפן פון מענטשלעכע קרבנות, איז מסתמא געווען איינע פון די וויכטיקסטע עטאַפּן פון

מנעטשלעכן פּראָגרעס. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז אויך אַנדערע מצוות פון דער תורה וואָס זיינען פאַר אונדז היינט אומפאַר־שטענדלעך, האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע פּראָגרעסיווע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון דער מאָראַל אין דער גרויער פאַרגאַנגענ־הייט. אָבער ווי וויכטיק אַזעלכע מצוות זאָלן ניט האָבן געווען אַמאָל, פאַר אונדז האָבן זיי היינט מער קיין ווערט ניט. עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן, אַז אידן זאָלן היינט אויפבויען אַ בית המקדש און דאָרטן מקריב זיין קרבנות ווי מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. פאַר מאָדערנע אידן וואָס האָבן אין זיך איינגעזאַפּט די מאָדערנע קולטור, איז אַזאַ זאַך ווי קרבנות אינגאַנצן אויסגע־שלאָסן. אַט דער בליק אויף געשיכטלעכע פּאַסירונגען, פאַרן זיך ניט מיט דעם באַגריף תורה מן השמים. אויב מען נעמט אָן, אַז גאָט האָט בפועל ממש געגעבן די תורה צו משהן, פאָלגט עס פון דעם, אַז די תורה איז אייביק, ד״ה, גילטיק פאַר אַלע צייטן, מחמת גאָט איז אייביק. מען קאָן ניט אָננעמען די סברה, אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן בלויז פאַר אַ געוויסער צייט, מחמת אויב אַזוי, בלייבט דאָך פאַר דעם מענטשן צו באַשטימען אויף וועלכער צייט די תורה איז חל, און אַזוי אַרום וואָלט די תורה פאַרלוירן דעם ווערט פון עפּעס אַזעלכעס וואָס שטיצט זיך אויף דער געטלעכער אויטאָריטעט.

קורץ, די מאָדערנע פאָרשונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אויף דעם היסטאָרישן געביט, דורך באַאָבאַכטונג פון נאָך פּרימי־טיווע שבטים און דורך אויסגראָבונגען, וואָס ווערן געמאַכט אויף די ערטער וואו די קולטורן פון אַלע פעלקער האָבן אַמאָל עק־זיסטירט, שטימען ניט מיט דעם באַגריף תורה מן השמים. די היפּאָטעזע, אָדער דאָקטרינע פון עוואָלוציע, וואָס האָט אַרומגע־כאַפּט דאָס מענטשלעכע דענקען אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכן שאַפן, שטימט ניט מיט אַ סטאַטישן באַגריף פון מאָראַל.

3

דער צווייטער ענטפער, אויף דער פראַגע בנוגע דעם מקור פון מאָראַל, וואָס מיר האָבן פריער געשטעלט, איז דער הומאַניזם. דער גרונט־געדאַנק פון די פאַרשיידענע הומאַניסטישע שיטות פון אַלע צייטן, אָנפאַנגענדיק מיט די סאָפיסטן אין אַלט גריכנלאַנד, ביז צו אַזאַ מאָדערנער באַוועגונג ווי פעליקס אַדלערס עטישע קולטור געזעלשאַפט, באַשטייט אין דער סברה, אַז דער מקור פון מאָראַל איז אין דעם מענטשן גופא. ביי די סאָפיסטן ווערט דער דאָזיקער געדאַנק אויסגעדריקט אין פּראָטאַגאָראַס לערע — „דער מענטש איז די מאָס פון אַלע זאַכן". דעריבער איז ניט נייטיק אָנצוקומען צו אַ וועלכן עס איז איבערנאַטירלעכן כוח בכדי צו דערקלערן פון וואַנען די מאָראַל נעמט זיך. ממילא ווערט פון דעם קלאָר, אַז די מאָראַל איז נויטווענדיקערווייז רעלאַטיוו, ד״ה, אַז קיין פעסטגעשטעלטע אמתן פון גוטס און שלעכטס, וואָס זאָלן זיין גילטיק פאַר אַלע צייטן, זיינען בכלל ניט פאַראַן. די מאָראַלישע געזעצן בייטן זיך צוזאַמען מיט די מענטשלעכע באַגריפן, לויט דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשן גופא.

די מעלה פון דעם הומאַניסטישן ענטפער באַשטייט אין זיין רעלאַטיוויזם. דערמיט ווערן פאַרענטפערט אַלע שאלות, וואָס מיר האָבן געשטעלט דעם טעאָלאָגישן צוטריט. דער רעלאַטיוויזם פּאַרט זיך זייער גוט מיט דער מאָדערנער היסטאָרישער פאָרשונג, און דערקלערט אויף אַ צופרידנשטעלנדן אופן דעם היסטאָרישן פאַקט וואָס די מאָראַל האַלט זיך כסדר אין בייטן. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס דער מענטש גופא איז אַ וועזן וואָס האַלט זיך כסדר אין בייטן. און איבערהויפּט הויזט דער הומאַ־

ניזם זייער גוט מיט דעם מאָדערנעם באַגריף פון עוואָלוציע, אים פעלט אָבער די זייער וויכטיקע מעלות פון זיכערקייט, וואָס דער טעאָלאָגישער צוטריט פאַרמאָגט. די מאָראַל נייטיקט זיך זייער שטאַרק אין אַ פעסטן באָדן אונטער די פיס. דאָס קאָן געפונען ווערן בלויז אין אַ מקור וואָס איז אַבסאָלוט.

דער הומאַניזם, וואָס מאַכט דעם מענטשן פאַרן מקור סיי פון דאָס גוטע און סיי פון דאָס שלעכטע, איז מחויב צו דערקלערן, ווי אַזוי דער מענטש באַשטימט וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט, אָדער מיט וואָס ער מעסט און טיילט איין מענטשלעכע מעשים אין גוטע און שלעכטע. אין דעם פאַרזוך צו דערקלערן אָט־די מיסטעריע פון אָפּשאַצונג און קריטעריום־אַנווענדונג זיינען פאַראַן צוויי שיטות: 1) די העדאָניסטישע, 2) די אוטיליטאַריסטישע.

היסטאָריש האָט דער העדאָניזם אָנגענומען פאַרשיידענע פאָרמען. מיר וועלן דאָ באַרירן בלויז די פונקטן וואָס זיינען נוגע אונדזער ענין. דער עצם געדאַנק פון העדאָניזם דריקט זיך אויס אין זיין לערע, אַז גוטס און שלעכטס ווערן רעדוצירט צו פאַר־גענינגן און פיין. ער גייט אַרויס פון דער הנחה, באַזירט אויפן פסיכאָלאָגישן פאַקט, אַז דער עיקר שטרעבט דער מענטש צו וואָס מער פאַרגעניגן און הנאה אין לעבן. דעריבער, דאַרפן מענטשלעכע האַנדלונגען באַצוועקן וואָס מער פאַרגעניגן און אויסמיידן וואָס מער פיין. אויף דעם דאָזיקן גרונט בויט דער העדאָניזם דעם כלל, אַז די מעשים זיינען גוט, וואָס פאַרשאַפן וואָס מער תענוגים און מיידן אויס וואָס מער יסורים. שלעכטע מעשים זיינען די יעניקע, וואָס זייער פועל יוצא איז דער היפוך פון דעם.

ווען מען שטעלט די פראַגע, צי זיינען אַלע פאַרגעניגנס גלייכווערטיק, זיינען פאַראַן וועגן דעם חילוקי־דעות צווישן די העדאָניקער גופא. מאַנכע האַלטן טאַקע, אַז אַלע פאַרגעניגנס

זיינען גלייכוועריק. אַז די דאָזיקע סברה איז ניט אויסגעהאַלטן, קאָן לייכט באַוויזן ווערן פון אונדזער אייגענער דערפאַרונג. אין פראַקטישן לעבן מאַכן מיר כסדר אַ נפקא־מיניה צווישן העכערע און נידעריקערע פאַרגעניגנס. אונדזערע מאַראַלישע באַגריפן דער־לאָזן ניט, אַז מיר זאָלן אַוועקשטעלן אויף איין מדרגה דעם פאַר־געניגן, וואָס איינער האָט דורך דעם, וואָס ער באַפרידיקט זיינע קערפּערלעכע תאוות, ווי למשל, פון עסן אַ גוטן מאַלצייט, מיט דעם פאַרגעניגן, וואָס איינער האָט פון דעם, וואָס ער איז זיך מקריב לטובת הכלל וכדומה. דאָס זעלביקע איז בנוגע פיין. טייל הע־דאָניקער, ווי דער גריכישער פילאָסאָף עפּיקור, מאַכן טאַקע אַ נפקא מינה צווישן העכערע און מער וווערטפולע פאַרגעניגנס, וואָס שטאַמען פון שכלדיקן באַנעם, און נידעריקערע פאַרגעניגנס, וואָס שטאַמען פון קערפּערלעכער באַפרידיקונג.

נאָך אַ שווערע שאלה, מיט וועלכער דער העדאָניזם האָט זיך געראַנגלט ,איז דאָס פּראָבלעם פון דעם יחיד און דער גע־זעלשאַפט. פאַקטיש ווייסן מיר, אַז מענטשן שאַצן און מעסטן פאַרגעניגן און פיין מיט פאַרשיידענע מאָסן. דאָס וואָס פאַרשאַפט איינעם גרויס פאַרגעניגן קאָן דעם צווייטן איבערלאָזן גאַנץ גלייכ־גילטיק, און אָפטמאָל טרעפט עס, אַז אַן אַנדערער זאָל דאָס גאָר פאַררעכענען פאַר פיין. היות ווי דער מענטש לעבט אַלעמאָל אין אַ געזעלשאַפט, פרעגט זיך, מיט וואָס פאַר אַ מאָראַלישן פרינציפּ קאָן מען פאַרענטפערן די געזעלשאַפטלעכע קאָנפליקטן, וועלכע אַנטשטייען ווי אַן אומפאַרמיידלעכער פועל יוצא פון די דאָזיקע פאַרשיידענע באַגריפן. למשל, די איצטיקע קאַפּיטאַליס־טישע אָרדענונג, מיטן סיסטעם פון פּריוואַט אייגענטום, איז גוט פאַר די פאַרמעגלעכע קלאַסן, מחמת עס פאַרשאַפט זיי דאָך פאַר־געניגן און וואוילזיין. פאַר די אָרעמע אַרבעטער־קלאַסן איז דאָס פונקט דער היפּוך, ווייל זיי ליידן דאָך פון דעם דאָזיקן סיסטעם.

לויט דער העדאָניסטישער שיטה נאָך וועט אזוי אַרום אויסקומען, אַז יעדע טאַט, יעדער געזעץ, וואָס וועט העלפן פאַרשטאַרקן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג וועט זיין מאָראַליש גוט פאַר דעם קאַפּיטאַליסט און מאָראַליש שלעכט פאַר דעם אָרעמען אַרבעטער. דער העדאָניזם, וואָס רעדוצירט מאָראַל צום ריין עגאָאיסטישן וואוילזיין, קאָן ניט געבן קיין צופרידנשטעלנדיקן ענטפער אויף דעם דאָזיקן פּראָבלעם.

דער אוטיליטאַריזם איז אין אַ געוויסן זין אַ פּרואוו צו ענטפערן אויף דעם דאָזיקן פּראָבלעם. סימנים פון אָט דעם געדאַנקענגאַנג, געפינען מיר שוין ביי די גריכישע פילאָזאָפן, אָבער דער גאַנצער סיסטעם און דער נאָמען אוטיליטאַריזם איז אַ פּראָדוקט פון דער ענגלישער פילאָסאָפיע פון דעם 18טן און 19טן יאָרהונדערט.

דער אוטיליטאַריזם שטיצט זיך אויף די זעלביקע גרונטהנחות וואָס דער העדאָניזם. ער נעמט אויך אָן, אַז דער מקור פון גוטס איז דאָס שטרעבן פון מענטשן איינצושאַפן זיך וואָס מער פאַרגעניגן אָדער וואוילזיין. ער גיט נאָך צו אָט דעם נייעם געדאַנק, אַז אין דער אָפּשאַצונג פון וועלכער עס איז טאַט, דאַרף מען זיך רעכענען, ניט נאָר מיט דעם פאַרגעניגן, וואָס דער יחיד באַקומט פון דעם, נאָר מען דאַרף זיך אויך רעכענען מיט דעם פאַרגעניגן אָדער וואוילזיין פון אַלע מענטשן, וואָס ווערן באַווירקט דורך דער דאָזיקער טאַט. יעדער מענטש שטרעבט צו זיין אייגענעם וואוילזיין אָדער פאַרגעניגן, ד״ה, זיין אייגן גוט, אָבער דער וואוילזיין פון דעם יחיד איז דאָך פאַרבונדן מיטן וואוילזיין פון דער געזעלשאַפט, פון וועלכער ער איז אַ טייל. דאַרף ער דעריבער שטרעבן צו באַוואָרענען דעם וואוילזיין פון דעם גאַנצן כלל, ד״ה, דאָס אַלגעמיינע גוטס. דערפון נעמט זיך דער אַלטרואיסטישער פּרינציפּ פון דאָס גרעסטע גוטס אָדער פון דעם גרעסטן סכום

גוטס פאַר אַלע צוזאַמען, ד״ה, די טאַט דאַרף פאַררעכנט ווערן פאַר דאָס העכסטע גוטס, וועלכע פאַרשאַפט די גרעסטע מאָס פאַרגע־ניגן פאַר דער גרעסטער צאָל מענטשן, וועלכע ווערן באַווירקט דורך דער דאָזיקער טאַט. שלעכטס איז דער היפוך פון דעם. דאָס סיסטעם ווערט דעריבער אויך אָנגערופן מיט דעם נאָמען אוניווערסאַלער העדאָניזם, מיט וואָס מען איז אויסן אָנצודייטן אויף דעם אונטערשייד צווישן אוטיליטאַריזם און דעם ריין עגאָ־איסטישן העדאָניזם. אין דעם אוטיליטאַריזם איז דער הומאַניזם דערגאַנגען צו זיין העכסטער מדרגה.

אויף דעם ערשטן בליק קומט אויס, אַז דער מאָראַלישער פּרינציפּ פון אוטיליטאַריזם שטימט מיט דעם מאָראַלישן פּרינ־ציפּ פון אַלטרואיזם, וואָס דער געבאָט פון ואהבת לרעך כמוך אַנטהאַלט, מחמתביידע פאָדערן דאָך, אַז מיר זאָלן העלפן און דינען דעם וואוילזיין פון דעם מיטמענטשן, אַקוראַט ווי דאָס וואָלט געווען אונדזער אייגן וואוילזיין. אין דער אמתן אָבער זיינען זיי גרונט־פאַרשיידן אין זייערע מאָטיוון. לויט דעם אוטיליטאַריזם דאַרף איין מענטש דינען די אינטערעסן פון דעם צווייטן, מחמת דורכדעם דינט ער אָמבעסטן זיינע אייגענע אינטערעסן. דער מאָ־טיוו איז אייגנבוצן אָדער וואוילזיין, בעת דאָס געבאָט פון ואהבת לרעך כמוך פאָדערט פון דעם מענטשן, אַז ער זאָל דינען די אינ־טערעסן פון צווייטן, ניט צוליב וועלכן עס איז אַנדערן צוועק. דער צוועק ליגט אין דער האַנדלונג גופא, אין טאָן דאָס גוטע: שכר מצוה — מצוה.

דער חיסרון פון דעם הומאַניסטישן צוטריט ווייזט זיך קלאָר אַרויס אין דער פּראַקטיק. דער אוטיליטאַריזם, דער העכסטער אויסדרוק פון הומאַניזם, האָט אַ זין נאָר דאַן, ווען איך נעם אָן די סברה, אַז די אינטערעסן פון יחיד פאַלן אַלע מאָל צוזאַמען מיט די אינטערעסן פון כלל. אָבער אין דער אמתן איז דאָס

ניט אַזוי. ניט נאָר פאַלן זיי ניט אַלעמאָל צוזאַמען, נאָר עס טרעפט אָפּטמאָל, אַז זיי גייען להיפוך איינער צום אַנדערן. למשל, לויט דעם אוטיליטאַריסטישן פּרינציפּ פון דאָס גרעסטע גוטס, דאַרף דער יחיד אויפאָפּפערן זיין באַלדיקן וואוילזיין לטובת דעם וואוילזיין פון כלל פון וועלכן ער איז אַ טייל. עס קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז די טובה פון כלל וועט ערשט מקוים ווערן שפּע־טער ווען דער יחיד וועט שוין מער ניט זיין. מעג דאָך דער יחיד פרעגן דעם אוטיליטאַריסט, פאַרוואָס זאָל איך דיך פאָלגן? דו ביסט דאָך אַליין מודה, אַז דער מקור פון דאָס גרעסטע גוטס איז דאָס פאַרגעניגן פון דעם יחיד, ד"ה, מיין אייגענער פאַרגעניגן. טאָ זיי וויסן, אַז איך האָב מער גערן דעם באַלדיקן פאַרגעניגן, וואָס דו רופסט אָן שלעכטס, איידער דאָס פאַרגעניגן וואָס איך וועל אפשר האָבן פון טובת הכלל, און א פשיטה שוין אַוואו איך וועל בכלל ניט האָבן קיין מעגלעכקייט צו געניסן פון דעם טובת הכלל. פון דער הנחה אַז דאָס גוטע ווערט רעדוצירט צו פאַרגעניגן, קאָן דער אוטיליטאַריסט אויף דעם קיין ענטפער ניט געבן. אמת, מען קאָן אַפּעלירן צו דעם יחיד פון אונדזער משל, אַז ער דאַרף מקריב זיין זיינען באַלדיקע אינטערעסן לטובת הכלל צוליב אַנדערע טעמים, ווי רחמנות, רעליגיעזע מאָטיוון וכדומה, אָבער דאָס וועט הייסן, אַז מיט דעם וואָס מיר שטעלן אַוועק עפּעס א העכערן פּרינציפּ וואָס זאָל רעגולירן אונדזערע פאַרגעניגנס, לייקענען מיר אָפּ דעם געדאַנק פון דעם העדאָניזם, אַז בלויז פאַרגעניגן איז דער מקור פון גוטס.

די טעאָרעטישע ניט אויסגעהאַלטנקייט פון דעם העדאָניזם ווייזט זיך טאַקע אַרויס גלייך אין אָנהייב, ווען אויף דעם גרונט פון פּראַקטישער דערפאַרונג איז ער געווען געצוואונגען איינצו־טיילן פאַרגעניגנס אין העכערע און נידעריקערע. מוז דאָך דאָן זיין עפּעס אַן אַנדער קריטעריום פאַר גוטס און שלעכטס, מיט

וועלכן מיר טיילן איין פאַרגעניגנס אין העכערע און נידעריקערע. דערפון איז קלאָר, אַז פאַרגעניגן און פיין קאָן ניט זיין דער קריטעריום פאַר גוטס און שלעכטס, און ממילא פאַלט דערמיט דער עצם געדאַנק פון העדאָניזם, אַז גוטס און שלעכטס ווערט רע־דוצירט צו פאַרגעניגן און פיין.

פירט מען דעם דאָזיקן געדאַנק ווייטער, ווערט קלאָר, אַז דער גרונט טעות פון דעם העדאָניזם ליגט אין דעם וואָס ער פרובירט פאַרבינדן צוויי דערשיינונגען, צווישן וועלכע עס איז אין דער אמתן ניט פאַראַן קיין אינערלעכע שייכות. עס איז אמת, אַז דער מענטש וויל הנאה האָבן פון לעבן, עס איז אויך אמת, אַז יעדער מענטש שעצט און פאָדערט דאָס גוטע, ד״ה, ער מאַכט אַ נפקא מינה צווישן גוטע און שלעכטע מעשים. דאָס זיינען אָבער צוויי באַזונדערע אייגנשאַפטן אין מענטשן וואָס קאָנען ניט רעדו־צירט ווערן איינע צו דער אַנדערער, אין דער פּראַקטיק קומט אָפט פאָר, אַז די פאָדערונגען פון די דאָזיקע צוויי אייגנשאַפטן זיינען אין קאָנפליקט איינע מיט דער אַנדערער. אַמאָל איז גובר איינע און אַמאָל די אַנדערע, לויט דעם אינערלעכן מהות פון דעם מענטשן און לויט זיין סביבה. ווען מיר זעען אָפט ווי אַ מענטש איז מקריב זיין באַלדיקן וואוילזיין לטובת דעם וואוילזיין פון אַן אַנדערן, קאָן דאָס זיין צוליב פאַרשיידענע טעמים: אַ שטאַרק אַנטוויקלט געפיל פון רחמנות, אַ מאָראַלישער פליכט־געפיל אָדער אַ וועלכער עס איז רעליגיעזער מאָטיוו — דאָס זיינען פאַרשיידענע אויסדרוקס־פאָרמען פון דאָס גוטע אין דעם מענטשן. ווען איינער איז באַאיינפלוסט פון די דאָזיקע מאָטיוון, רעכנט ער זיך ניט מיטן נוצן, וואָס ער קאָן שפּעטער באַקומען פון דעם דאָזיקן אַקט. ער איז מקריב זיין באַלדיקן וואוילזיין, ווייל אַזוי פאָדערט דאָס גוטע אין אים.

עס איז אמת, אַז אַ געוויסע הנאה אָדער פאַרגעניגן גייט צו־זאַמען מיט יעדער טאַט, וואָס באַפרידיקט דעם פאַרלאַנג נאָך דאָס

גוטע. אָבער אַט דער נחת־רוח איז גאָר פון אַן אַנדער מין, ווי דאָס פשוטע הנאה האָבן פון לעבן. די נפקא מינה ווייזט זיך אַרויס ווען מען באַטראַכט דעם אינערלעכן כאַראַקטער פון די דאָזיקע צוויי אייגנשאַפטן. דער פשוטער פאַרלאַנג הנאה צו האָבן פון לעבן פאָדערט ניט קיין אָנשטרענגונג. עס ווילט זיך פון זיך אַליין. חיות האָבן אויך אַזאַ מין פאַרלאַנג, וועלכן זיי באַפרידיקן אויף זייער אופן, בעת די מאָראַלישע אייגנשאַפט צו טאָן דאָס גוטע פאָדערט אָנשטרענגונג פון ווילן. דאָ האַנדלט זיך עס וועגן מצוות און עבירות. מען זאָל, מען דאַרף טאָן דאָס גוטע, מען טאָר ניט און מען זאָל ניט טאָן דאָס שלעכטע. אַט די דאָזיקע אייגנשאַפט פאַרמאָגט בלויז דער מענטש. ביי חיות מערקט זיך דאָס ניט. דאָס איז איינער פון די סימנים, וועלכער צייכנט אָפּ דעם מענטשן פון דער חיה.

עס איז אויך פאַראַן אַ טיפער אונטערשייד צווישן די פאַרגעניגנס וואָס באַגלייטן די באַפרידיקונג פון די דאָזיקע צוויי אייגנשאַפטן. די פשוטע הנאות פון לעבן זיינען פאַרבייגייענדיק און שטאַרק באַגרענעצט, זיי האַלטן בלויז אַן ביז דער געוויסער פאַרלאַנג ווערט באַפרידיקט. למשל, איינער איז הונגעריק, האָט ער הנאה פון עסן, ווערט ער זאַט, דאַן איז אויס הנאה. די פאַרבייגייענדיקע הנאות פון דעם מין מאַכן ניט קיין שטאַרקן רושם אין דער מענטשלעכער נשמה, מען קאָן דעריבער ניט איבערלעבן געדאַנקלעך די אייגענע הנאה נאָך אַ לענגערער צייט, בעת מיט די פאַרגעניגנס, וואָס שטאַמען פון דער באַפרידיקונג פון דראַנג נאָך דאָס גוטע, איז פונקט דער היפוך. די הנאה וואָס איינער האָט פון מעשים טובים אָדער פון אַ גייסטיקן אויפטו, זיינען פון דעם מין הנאות פון וועלכע דער מענטש באַקומט עפּעס אַ מין עלירת נשמה, א דערהויבונג פון דעם מהות מענטש, וואָס האַלט אָפּטמאָל אַן אַ גאַנץ לעבן. מיר זיינען עלול צו פאַרזען אַט דעם

וויכטיקן אונטערשייד, מחמת מיר באַנוצן זיך מיט דעם זעלביקן טערמין צו באַצייכענען ביידע מינים פאַרגעניגנס. עס וואָלט גע־ווען אַ סך בעסער ווען מיר באַנוצן פאַרשיידענע ווערטער צו באַ־צייכענען די צוויי סאָרטן פאַרגעניגנס. למשל, גליק פאַר פשוטע קערפּערלעכע פאַרגעניגנס און גליקזעליקייט פאַר גייסטיקע פאַר־געניגנס.

נאָך דעם ווי עס ווערט קלאָר, אַז דער פאַרלאַנג פון פשוטן וואוילזיין און דאָס שטרעבן נאָך דאָס גוטע זיינען צוויי באַזונדערע אייגנשאַפטן, וואָס געפינען זיך אָפטמאָל אין קאָנפליקט איינער מיטן אַנדערן, דערזעען מיר, אַז דער הומאַניזם אפילו אין זיין העכ־סטער פאָרמע, דער אוטיליטאַריזם פירט פּראַקטיש צו דעם היפוך פון מאַראַל. מיט דעם וואָס ער אידענטיפיצירט דאָס גוטע מיטן פשוטן וואוילזיין, שטאַרקט ער די נידעריקערע חיהשע פאַרלאַנגען אין דעם מענטשן לגבי דאָס העכערע ריין מענטשלעכע שטרעבן צו דאָס גוטע. און דאָ ווייזט זיך טאַקע אַרויס די שוואַכקייט פון דער הומאַניסטישער שיטה פון מאַראַל. מיט דעם וואָס דער הו־מאַניזם שניידט אָפּ די מאַראַל פון אַ העכערן איבערמענטשלעכן גייסטיקן מקור, און באַזירט זי בלויז אויף מענטשלעכע כוחות, דערמיט שניידט ער אָפּ דעם לעבנס־נערוו פון דער מאַראַל. מחמת די מענטשלעכע כוחות זיינען נישטיק, קאָן דעריבער אַ מאַראַל, וואָס איז פועל יוצא פון דעם, ניט זיין בעסער.

דער העדאָניזם דורכגעטראַכט צו זיין לאָגישן שלוס, פירט ענטוועדער צו אַ שרעקלעכן פעסימיזם, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט דעם גריכישן העדאָניקער העגעזיאַס, וועמענס פאַרלע־זונגען מען האָט געמוזט פאַרבאָטן, ווייל זיינע פעסימיסטישע לעק־ציעס האָבן געטריבן אַסך פון זיינע צוהערער צו זעלבסטמאָרד, אָדער ער פירט צו אַ צווייטן עקסטרעם: גאָר ניט טראַכטן און לעבן בלויז מיט די חיה־שע פאַרגעניגנס פון מאָמענט

(אכל ושתה כי מחר נמות...). ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דער נישטיקייט פון דעם מענטשלעכן לעבן, דער קורצקייט פון זיין עקזיסטענץ, די אומפאַרמיידלעכע שמערצן, וואָס ער מוז דורכמאַכן, אפילו ווען ער ווענדט אָן זיין פאַרשטאַנד צום העכסטן גראַד, דאַן איז איינס פון דיביידע — אָדער מען באַשליסט, אַז די שמערצן וועגן איבער דאָס ביסל פאַרגעניגן, און עס לוינט זיך ניט דער גאַנצער עסק, דאַן איז דער איינציקער אויסוועג זעלבסט־פאַרניכטונג, אָדער מען קומט צום שלוס: כאַפּ אַריין דאָס ביסל באַלדיקע פאַרגעניגן וואו עס לאָזט זיך נאָר, ווייל באַלד שטאַרבסטו און אַלץ איז אויס. אַזוי צי אַזוי שוואַכט דער העדאָניזם אָפּ די ריין מאָראַלישע אייגנשאַפט אין מענטשן.

אין יעדער היסטאָרישער עפּאָכע, ווען דער הומאַניזם האָט באַהערשט די דענקענדיקע וועלט, איז דער פועל יוצא פון דעם געווען אַ מאָראַלישע ירידה. דער שטאַרקער ווילן צום לעבן אין מענטשן דערלאָזט ניט, אַז דער פּעסימיזם זאָל באַהערשן די מוחות פון אַ באַדייטנדיקער צאָל מענטשן. דער פועל יוצא פון דעם איז, אַז דער צווייטער עקסטרעם פאַרנעמט דעם אויבנאַן, און דאָס פירט דערצו, אַז די נידעריקערע פאַרגעניגנס ווערן די הערשנדע מאָטיוון אין מענטשלעכע האַנדלונגען. מיר האָבן דאָס געזען אַמאָל אין אַלט גריכנלאַנד, אין דער מאָראַלישער ירידה פון די סאָפיסטן. זייער רעלאַטיוויזם איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן צום סוף איינגאַנצן געלייקנט אין דער מעגלעכקייט פאַרן מענטשן צו דערגיין צו אַ וועלכן עס איז אמת. זיי האָבן אויסגעאַרבעט אַ מין שכלדיקע קונצנמאַכעריי, מיט וואָס זיי האָבן זיך באַנוצט צו באַווייזן דעם אמת פון אַ וועלכן עס איז געדאַנק און אויך דעם היפּוך פון דעם אין דער זעלביקער צייט, ווי עס האָט זיך בעסער געלוינט. די מאָראַל האָבן זיי דערפירט צום כלל, אַז רעכט איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי בלויז מאַכט, און מיט זייער

שכלדיקער גימנאַסטיק האָבן זיי באַרעכטיקט מאָראַלישע נידער־טרעכטיקייטן, הגם זיי האָבן פיל אויפגעטאָן אין דער גראַמאַטיק, רעטאָריק און אין ליטעראַטור בכלל, ד״ה, אין די וויסנשאַפטן פון זייער צייט.

דאָס זעלביקע זעען מיר איצט. פון איין זייט האָבן מיר די גרויסע אויפטואונגען פון דער וויסנשאַפט, מיט די גרויסע מאַטע־ריעלע נוצן וואָס זי האָט געבראַכט דער מענטשהייט. פון דער אַנדערער זייט זעען מיר אַ געוואַלטיקע מאָראַלישע ירידה. אומע־טום הערשט דער פּרינציפּ פון מאַכט איבער רעכט. דער מענטש־לעכער געוויסן אין דערשטיקט אונטער די דיקטאַטורן פון רעכטס און לינקס. דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס אין די לעצטע פאַר הונדערט יאָר האָבן רעליגיעזע מאָטיוון פאַרלאָרן זייערע אַמאָליקע ווירקונג. די געפילן פון יושר זיינען אָפּגערוקט געוואָרן אָן אַ זייט (ניט אומזיסט זיינען די דיקטאַטאָרישע מלוכות אַנטי־רעלי־גיעז) דעם אויבנאָן אין מענטשלעכן דענקען האָט פאַרנומען דער אינטעלעקט, אַנשטאָט מאָראַלישע געפילן. האָט טאַקע דער אינ־טעלעקט זיינע גרויסע פאַרדינסטן אין דער וויסנשאַפט, אָבער אויפן געביט פון מאָראַל טוט זיך חושך.

4

מיר האָבן באַטראַכט די מעלות און חסרונות פון די צוויי הויפּט־שטראָמען פון מענטשלעכן דענקען, בנוגע דעם מקור פון מאָראַל: דעם טעאָלאָגישן און דעם הומאַניסטישן.ביידע זיינען ניט אָננעמבאַר צוליב די טעמים, וואָס מיר האָבן אָנגעוויזן. דער שכל איז מחייב, אַז די לייזונג פון דעם דאָזיקן פּראָבלעם ליגט מסתמא אין אַ סינטעז, וואָס אַנטהאַלט די מעלות און מיידט אויס די חסרונות פון ביידע. אַן אָנדייט אויף אַזאַ מין סינטעז געפינען מיר אין עמנואל קאַנטס מאָראַל־פילאָסאָפיע. מיר ווילן קודם כל אָנמערקן, אַז אין דער איצטיקער אַרבעט ווילן מיר זיך דערהאַלטן אין די ראַמען פון דער טעמע: דער מקור פון מאָראַל. מיר באַרופן זיך אויף קאַנטס מאָראַל־לערע בלויז אין שייכות מיט זיין אויפפאַסונג וועגן דעם מקור פון מאָראַל. זיין פאָרמולירונג פון מאָראַלישן געזעץ: דעם קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו און די שלוסן וואָס ער ציט פון דעם בנוגע גאָט, פרייען ווילן און השארת הנפש, איז אַן ענין וואָס שטייט אויסער די גרענעצן פון אונדזער איצטיקער אַרבעט.

קאַנט צעטיילט די וועלט אין פענאָמען און נומען און דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין צעטיילט ער אין ריינעם און אין פּראַקטישן פאַרנונפט. דורכן ריינעם אָדער טעאָרעטישן שכל באַקומען מיר די פענאָמענאַלע וועלט, דאָס איז די וועלט פון אָביעקטן אָדער זאַכן, וואָס מיר דערגרייכן צוערשט דורך די חושים. דורכן פּראַקטישן פאַרנונפט דערקענען מיר די נומענאַלע וועלט. דאָס איז די וועלט פון צילן און פליכטן, וועלכע שטייט איבער דער חושימדיקער וועלט. דאָס זיינען צוויי באַזונדערע כוחות

אָדער אייגנשאַפטן פון באַוואוסטזיין, מיט וועלכע דער מענטש ווערט אַ בירגער פון אָט די צוויי וועלטן: פענאָמענאַלע און נו־מענאַלע.

מיט דעם טעאָרעטישן שכל שאַפט ער די געזעצן, וואָס נעמען אַרום אַלע נאַטור־דערשיינונגען. דאָס איז די נאַטירלעכע וועלט פון זיין, פון זאַכן אָדער פּאַסירונגען, וואָס זיינען פאַראַן, זיינען געווען אָדער וואָס וועלן זיין. אַלס אַ בירגער פון דער פענאָמע־נאַלער וועלט איז ער אונטערגעוואָרפן אונטער די זעלביקע גע־זעצן ווי אַלע אַנדערע נאַטור־דערשיינונגען. מיט דעם פּראַקטישן שכל שאַפט ער די געזעצן פאַר פּראַקטישע האַנדלונגען, ד״ה, מאָ־ראַלישע געזעצן. דאָ האַנדלט עס זיך ניט וועגן זיין, נאָר וועגן צילן, וואָס זאָלן אָדער דאַרפן ערשט ווערן אַ יש דורך דער אָנ־שטרענגונג פון אונדזער ווילן. אַלס בירגער פון דער נומענאַלער וועלט, איז ער פריי פון די נאַטור געזעצן, וואָס זיינען געשאַפן פון דעם טעאָרעטישן שכל.

דאָס מאָראַלישע באַוואוסטזיין, ד״ה, די אייגנשאַפט אין מענטשן, וואָס שעצט און פאַרלאַנגט דאָס גוטע און פאַראַכט דאָס שלעכטע, איז אַן אינטעגראַלער טייל פון אונדזער באַוואוסט־זיין. יעדער מענטש פאַרמאָגט זי. מען דאַרף זי ניט דערקלערן דורך, אָדער אַרויסדרינגען פון דערפאַרונג, אַזוי ווי די הומאַניסטן מיינען. מיר האָבן אוממיטלבאַרן אָדער דירעקט אינטואיטיוון וויסן, אַז מיר באַזיצן דעם דאָזיקן כוח. אגב אורחא ווילן מיר דאָ אָנמערקן, אַז דער גרונט געדאַנק פון קאַנטס מאָראַלישער לערע, נעמלעך, אַז דער מענטש באַזיצט איבערנאַטירלעכע כוחות איז ניט קיין נייער. דאָס איז אַן אַלטער רעליגיעזער געדאַנק, וואָס מאַכט אַ נפקא מינה צווישן גוף און נשמה. קאַנט האָט דעם דאָ־זיקן געדאַנק אַריינגעפלאָכטן אין זיין אייגנאַרטיקן פילאָסאָפישן סיסטעם.

דאָס מאָראַלישע באַוואוסטזיין אָדער דאָס שטרעבן נאָך דאָס גוטע ,איז ענג פאַרבונדן מיט דעם באַגריף פון אַבסאָלוטהייט אָדער דאָס העכסטע גוט. דער מענטשלעכער געדאַנק קאָן זיך בלויז פאָרשטעלן די רעאַליזירונג פון דאָס גוטע נאָר אין דאָס העכסטע גוט, ד״ה, אין דאָס פּערפעקטע, וואו עס איז קיין חסרון ניט פאַראַן. מחמת, אויב אַ וועלכע עס איז מענטשלעכע האַנד־לונג אַנטהאַלט אַ שמץ פון אייגננוץ, קערפּערלעכע תאווה ,אָדער אַ וועלכן עס איז אַנדער חסרון, איז זי ממילא ניט גוט. אין דעם שטרעבן נאָך דאָס גוטע קאָן דער מענטשלעכער געדאַנק זיך ניט אָפּשטעלן אין מיטן וועג. בלויז אין דאָס העכסטע גוט קאָן ער דערגרייכן זיין ציל. אָבער אַזוי ווי דער מענטש איז דאָך ניט קיין כולו גייסט, ער איז דאָך אויך גוף אָדער אין קאַנטס אויפ־פאַסונג, אויך אַ בירגער פון דער פענאָמענאַלער וועלט, איז ער טאַקע מחמת דעם ניט בכוח צו רעאַליזירן דאָס העכסטע גוט.

דאָס מאָראַלישע באַוואוסטזיין גיט אונדז די זיכערקייט, אַז דאָס פּערפעקטע איז פאַראַן בנמצא. דאָס איז דער ציל צו וועלכן מיר קאָנען שטרעבן, מיר זיינען אָבער ניט בכוח צו דערגרייכן שלימות אין אונדזערע מעשים.

אַזאַ מין צוטריט צו מאָראַל האָט בלויז דאַן אַ זין, ווען מען נעמט אָן, אַז אַ פּערפעקטער וועזן איז באמת פאַראַן. פאַר די יעניקע אָבער, וואָס נעמען דאָס ניט אָן, בלייבט מאָראַל שטעקן אין דעם תוהו ובוהו פון הומאַניזם, ווי מיר האָבן דאָס פריער גע־זען. קיין אַנדער ברירה איז ניטאָ. פאַר די יעניקע אָבער, וואָס גלויבן יאָ אין דער עקזיסטענץ פון אַ פּערפעקטן וועזן אָדער גאָט (פאַר אונדזער אַרבעט איז איצט ניט וויכטיק אויף וואָס פאַר אַן אופן איינער קומט צו דער אמונה), און קאָנען זיך ניט צופרידנ־שטעלן, ניט מיט דעם טעאָלאָגישן און ניט מיט דעם הומאַניסטישן צוטריט, בנוגע דעם מקור פון מאָראַל, געפינט זיך אין דער קאָנ־

טיאַנישער שיטה אַ סמך פאַר אַן אַנדער צוטריט צו דעם דאָזיקן פּראָבלעם.

פון דעם אַלעם ווערט קלאָר, אַז דער מקור פון מאָראַל איז אין דעם מענטשן גופא, אָבער ניט אין דעם הומאַניסטישן זין. לויט דער הומאַניסטישער שיטה דאַרפן מיר אין דער מאָראַל ניט אָנקומען צו קיין איבערמענטשלעכן כוח. לויט דער קאַנטיאַנישער שיטה מעגן מיר אָננעמען, אַז דער מאָראַלישער באַוואוסטזיין איז דאָס געטלעכע, ד״ה, דאָס אייביקע, דאָס אַבסאָלוטע אין דעם מענטשן (דאָס שטימט מיט דעם ייִדישן באַגריף, אַז די נשמה איז דער חלק אלוה ממעל אין דעם מענטשן). די פאָרמען פון מאָראַל, ד״ה, די כללים אָדער געזעצן פון מענטשלעכע האַנדלונגען בייטן אָדער אַנטוויקלען זיך. די מאָראַל גופא, ד״ה, דאָס שטרעבן צו דאָס גוטע, דאָס בייט זיך ניט. ווען דאָס פעלט, איז בכלל ניטאָ וואָס עס זאָל זיך אַנטוויקלען. און מיר זעען טאַקע, אַז נידעריקע־רע ברואים, ווי חיות, אַנטוויקלען זיך בלויז קערפּערלעך, אָבער ניט מאָראַליש, מחמת, עס פעלט זיי דאָס קערנדל פון מאָראַל.

אַזוי אַרום געפינען מיר אין דעם נייעם צוטריט אַן אויס־וועג פון דער דילעמאַ אין וועלכער מיר האָבן זיך געפונען בנוגע דעם מקור פון מאָראַל. מיט דעם וואָס מיר פונדאַמענטירן מאָ־ראַל אין דער פּערפעקציע, ד״ה, אין גאָט, געווינען מיר די וויכ־טיקע מעלות פון דעם טעאָלאָגישן צוטריט: דעם אַבסאָלוטיזם. מיט דעם וואָס דער מענטש ווערט דער טרעגער פון דער דאָזי־קער פּערפעקציע, געווינען מיר אויך די מעלות פון דעם הומאַ־ניזם: זיין רעלאַטיוויזם, און דערביי מיידן מיר אויס די חסרונות פון ביידע.

אַז די פאָרמען פון מאָראַל האַלטן זיך בסדר אין בייטן אָדער אַנטוויקלען, דאָס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, וואָס מען קאָן ניט

אַפּלייקענען. אונדזערע חכמי התלמוד האָבן דעם פֿאַקט אָנער־קענט. זיי האָבן איינגעפֿירט נייע תקנות לויט די פֿאָדערונגען פֿון זייער צייט, אָבער כדי ניט אַרויסצוגיין פֿון די גרענעצן פֿון דעם טעאָלאָגישן צוטריט צו דער מאָראַל, האָבן זיי אַריינגעטייטשט אַלע זייערע חידושים אין דער תורה. די אידייע פֿון עוואָלוציע בכלל האָט זיך אַזוי איינגעבירגערט אין אַלע צווייגן פֿון מענטש־לעכן שאַפֿן, אַז עס האָט מער ניט קיין זין, דעם דאָזיקן געדאַנקען־גאַנג צו באַקעמפֿן.

מיר אידענטיפֿיצירן זיך מיט דער אַנטוויקלונגס לערע אין דעם בערגסאָנישן זין פֿון קרעאַטיווער אָדער שאַפֿנדער עוואָ־לוציע (דער גרויסער ביאָלאָג לאַיד מאָרגאַן האָט אַריינגעבראַכט אַן ענלעכן באַגריף אין דער ביאָלאָגיע מיט זיין טעאָריע פֿון אימ־אָרגאַנטע עוואָלוציע). די דאָזיקע שיטה אַנערקענט דעם פֿאַקט, אַז די נאַטירלעכע דערשיינונגען גייען דורך אַ פּראָצעס פֿון בייטונגען לויט אַ דערקענבאַרן סדר. זי דערקלערט דאָס אָבער ניט לויט דעם מעכאַניסטיש־מאַטעריאַליסטישן אופֿן, נאָר זי נעמט אָן די סברה, אַז אין דער וועלט איז פֿאַראַן אַ וויטאַלער כוח, וואָס שאַפֿט דעם גאַנצן עוואָלוציע־פּראָצעס. אָט דער געדאַנקען־גאַנג פּאַרט זיך זייער גוט מיט דעם אידישן באַגריף פֿון בריאה, פֿון שטענדיקער בריאה אין דעם זין פֿון דעם פּסוק: המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית.

אין דעם ליכט פֿון דער דאָזיקער אויפֿפֿאַסונג פֿון עוואָלוציע, באַטראַכטן מיר די געשיכטע פֿון מאָראַל אַלס אַ פּראָצעס פֿון כסדרדיקן שטרעבן צו שלימות, מצד דעם שאַפֿנדיקן מאָראַלישן כוח וואָס געפֿינט זיך אין דעם מענטשן. דאָס דערקלערט דעם היס־טאָרישן פֿאַקט פֿאַרוואָס די געזעצן פֿון מאָראַל האַלטן זיך אין בייטן. און אַזוי ווי דער מענטש קאָן ניט דערגרייכן קיין שלימות

אין זיינע מעשים, איז דאָס דעריבער אַ שטענדיקער פּראָצעס פון מענטשלעכן שטרעבן און שאַפן.

די געשיכטע פון מאָראַל איז די געשיכטע פון די אויפטואונגען פון רעליגיעזע און מאָראַלישע דענקער פון אַלע צייטן. פון צייט צו צייט באַווייזן זיך גאָר גרויסע גייסטער, ווי אונדזערע נביאים, גאָר גרויסע פילאָזאָפן און פּאָעטן. זיי שטייען נענטער צו דער רעאַליטעט פון דער וועלט, ווי אַנדערע מענטשן. זיי זיינען דאָס דעריבער די יעניקע, וואָס האָבן געשאַפן די גרויסע מאָראַלישע ווערטן פון וועלכע מיר שעפּן אונדזער מאָראַלישע חיונה.

דער דורכשניטס מענטש איז טאַקע ניט בכוח צו דערזען די רעאַליטעט פון דער וועלט אין דער זעלביקער קלאָרקייט ווי דער גרויסער מענטש. ער איז אָבער בכוח משיג צו זיין דעם ענין לויט זיינע פעאיקייטן, מחמת יעדער מענטש, אפילו דער שפּלסטער צווישן אונדז, טראָגט אין זיך דעם געטלעכן קערנדל; דאָס איז דער מאָראַלישער באַוואוסטזיין. אפילו צווישן פאַרברעכער זיינען פאַראַן כללים פון גוטע און שלעכטע מעשים אין זייער קרייז. די נפקא מינה צווישן דעם גרויסן און דעם דורכשניטס מענטש איז ניט פון מין, נאָר פון גראַד. פון דער אַנדערער זייט, ווידער, איז אויך אמת, אַז וויפיל העכער דער גרויסער מענטש זאָל ניט שטיין פון פשוטן מענטשן, קאָן ער זיך פונדעסטוועגן ניט באַפרייען פון זיין קערפּערלעכקייט, און פון דעם קולטור־מצב פון זיין צייט. ער מוז רעדן אין אַ שפּראַך וואָס איז צוגעפּאַסט צו דער אויפנאַמס־פייאיקייט פון זיינע מיטמענטשן (דברה תורה בלשון בני אדם) דאָס איז דער טעם פאַרוואָס אפילו אין די גרעסטע מאָראַלישע שאַפונגען, געפינען מיר צוזאַמען מיט די אייביקע ווערטן עלעמענטן וואָס זיינען גילטיק בלויז פאַר זייער צייט.

**
*

אַזוי אַרום באַקומט דער באַגריף תורה מן השמים אַן אַנדער פאַרמולירונג. אין תוך אַריין אָבער בלייבט ער דער זעלביקער ווי פריער. מיר קאָנען טאַקע ניט אָננעמען אַז די תורה אַזוי ווי זי געפינט זיך אין אונדזער באַזיץ, איז געגעבן געוואָרן אין אַ געוויסער צייט און איז גילטיק פאַר אַלע צייטן. מיר האַלטן זיך אָבער פעסט אין דעם עצם געדאַנק פון תורה מן השמים, ד״ה, אַז תורה אָדער מאָראַלישע אמתן שטאַמען פון גאָט.

IV

טעזיסן פֿאַר אַ רעליגיעזן סאָציאַליזם

טעזיסן פאַר אַ רעליגיעזן סאָציאַליזם

(אַ פּראָיעקט-פּראָגראַם פאַר די וועלכע זיינען רעליגיעז געשטימט און סאָציאַליסטיש געזאָנען)

היות ווי די טערמינען רעליגיע און סאָציאַליזם ווערן פאַרשידן פאַרשטאַנען פון פאַרשיידענע גרופּן און יחידים, וועלן מיר קודם כל דעפינירן די צוויי טערמינען און בפירוש אָנדייטן דעם פשט אין וועלכן מיר וועלן זיי באַנוצן אין שייכות איינער צום אַנדערן.

אונטער דעם טערמין רעליגיע מיינען מיר בלויז די גרונט-געדאַנקען וואָס געפינען זיך אין כמעט אַלע רעליגיעס, און דאָס זיינען די פאָלגענדע דריי פּרינציפּן:

1. מאָנאָטעאיזם;
2. פרייער ווילן;
3. השארת הנפש.

אונטער דעם טערמין סאָציאַליזם פאַרשטייען מיר די צילן צו וועלכע עס שטרעבן די סאָציאַלע בויער פון אַלע ריכטונגען, און דאָס זיינען:

1. דאָס שטרעבן צו שאַפן אַ מער ראַציאָנאַלע, מער יושר-דיקע באַלעבאַטישקייט-פירונג דורך דעם, וואָס מען וועט צושטעלן

באַשרענקען און דערנאָך אינגאַנצן אָפּשאַפן דאָס פּריוואַט אייגענטום בנוגע די פּראָדוציר־מיטלען;

2. דער איבערבוי פון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט אויף קהלשע יסודות, וואו עס וועט סוף כל סוף אָפּגעשאַפט ווערן דער לוין און פּראָפיט־סיסטעם.

דער טעם פאַרוואָס מיר רעדוצירן דעם טערמין רעליגיע בלויז צו די דריי הויפּט־פּרינציפּן, איז ערשטנס — בכדי קלאָר פעסטצושטעלן, אַז מיר שיידן זיך אָפּ פון וועלכע עס איז פּאַרטיקולאַרער רעליגיזער גרופּע אָדער סעקטע, ווי די יידישע אָדער קריסטלעכע וכדומה; צווייטנס — קלאָר צו מאַכן, אַז דער רעליגיעזער סאָציאַליזם איז ניט מסוגל צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון וועלכער עס איז ספּעציפישער רעליגיע.

בנוגע פאַרהעלטנישן פון רעליגיע און סאָציאַליזם דאַרף מען תמיד האַלטן אין זינען, אַז דער סאָציאַליזם איז אַ מאָדערנע און נאָך גאָר אַ יונגע דערשיינונג אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, בעת רעליגיע איז אַזוי אַלט ווי די מענטשהייט אַליין און האָט דורכגעמאַכט אַ זייער לאַנגן אַנטוויקלונג־פּראָצעס. דער באַגריף סאָציאַליזם האָט צו טאָן מיט ענינים פון מענטשלעכן סאָציאַלן צוזאַמענלעבן, — באמת אַ זייער חשובער און וויכטיקער ענין, — דאָך בלייבט נאָך אויסן אַ גאָר גרויס פעלד פון מענטשלעכן אינטערעס און דענקען, וואָס שטייט מחוץ פון די גרענעצן פון דעם סאָציאַלן צוזאַמענלעבן. ווען דער סאָציאַליזם זאָל אפילו פאַרווירקלעכט ווערן, וועלן נאָך אַלץ בלייבן די אַלט־נייע פראַגן, ווי דהיינו, מאין באת ולאָן אתה הולך, מה למעלה ומה למטה, דער קאָמפּלעקס פון די אַלע פּראָבלעמען מיט וועלכע רעליגיע און פילאָזאָפיע האָבן זיך באַשעפטיקט דורך אַלע דורות אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

גאָר אַ וויכטיקן טייל אין יעדער רעליגיע פאַרנעמט די באַ־האַנדלונג פון די שייכותן פון דעם מענטשן צו גאָט (בין אדם למקום). דאָס איז אַ ריין־אינדיווידועלער דראַנג, וואָס קאָן באַ־פרידיקט ווערן אָדער אינגאַנצן ביחידות, אָדער אין פאַרבינדונג מיט קלענערע אָדער גרעסערע גרופּן. בעת דער סאָציאַליזם איז נויטיקערוויז אַ פּאָליטיש־עקאָנאָמישער ענין, וואָס נעמט אַרום גרויסע צאָלן מענטשן וועלכע געפינען זיך אויסגעשפּרייט איבער גרויסע ערד־שטחים, ווי די מאָדערנע מלוכות, צווישן די גרע־נעצן פון וועלכע עס געפינען זיך פאַרשיידענע רעליגיעזע גרופּן. פון דאָס געזאָגטע איז קלאָר, אַז רעליגיע אין איר גאַנצן פאַרנעם, קאָן זיך ניט דעקן מיטן סאָציאַליזם ניט פונקציאָנעל און ניט אָר־גאַניזאַציאָנעל, דעריבער דאַרפן די גרונט־פּרינציפּן פון אַ רעלי־גיעז־סאָציאַליסטישער באַוועגונג זיין אַזעלכע וואָס זאָלן זיין צו־געפּאַסט צו די פאַרשיידענע רעליגיעזע גרופּירונגען. מיט די אויבן־אָנגעגעבענע דריי פּרינציפּן באַצוועקן מיר בלויז צו שאַפן אַ גרונט פאַרן סאָציאַליזם, וועלכער וואָלט געקענט זיין אָננעמ־באַר פאַר רעליגיעז־געשטימטע מענטשן.

בנוגע דעם ערשטן פּונקט, מאָנאָטעאיזם, האַלטן מיר, אַז עס איז ניט וויכטיק אויף וועלכן אופן איינער קומט צו דער אמונה אין דעם דאָזיקן עיקר, צי דאָס איז דורך פילאָזאָפיע, טראַדיציע, רעליגיעזער מיסטיק אָדער דורך אַ געמיש פון אַלע צוזאַמען. (פאַר אַ ריין־רעליגיעזער גרופּירונג איז דאָס זייער אַ וויכטיקער ענין). עס איז אויך ניט זייער וויכטיק אויף וואָס פאַר אַ מדרגה איינער שטייט אין זיין גאָט־באַגריף. אויב איינער דערהייבט זיך צו דער הויך פון א רמב״ם וכדומה, איז מה טוב. אויב ניט — איז אַ קערפּערלעכער גאָט־באַגריף אויך רעכט. וויכטיק איז נאָר, אַז יעדער, לויט זיינע כוחות נאָך, זאָל גלויבן אויף אַ רע־ליגיעזן אופן אין דער עקזיסטענץ פון אַ העכערן כוח (גאָט) וואָס

איז איבער דעם מענטשן, ד״ה, אַז חוץ דער עקזיסטענץ פון גאָט זאָל ער אויך אנערקענען, אַז דער מענטש און זיינע האַנדלונגען האָבן אַ שייכות צו גאָט (ניט אין דעם אַריסטאָטעליאַנישן באַנעם וכדומה, וואו גאָט האָט מיט דעם מענטשן קיין שייכות ניט).

בנוגע דעם צווייטן עיקר, בחירה חפשית — זיינען מיר מיט דער מיינונג, אַז דער מענטש איז בכוח צו אונטערשיידן צווישן גוטס און שלעכטס, און אַז אין געוויסע גרענעצן קאָן ער קאָנ־טראָלירן זיינע מעשים, ד״ה, אַז דער מענטש דורך זיין פאַר־שטאַנד מאַכט אַ נפקא מינה צווישן גוטע און שלעכטע טאַטן און דורך זיין ווילן קאָן ער אויסקלייבן צו טאָן דאָס גוטע. דאָס איז דער געטלעכער כוח וואָס געפינט זיך אין דעם מענטשן (דער חלק אלוה ממעל) דער מענטש צוזאַמען מיט אנדערע ברואים, איז אונטערוואָרפן די נאַטור־געזעצן, דעריבער קאָן ער ניט זיין אינ־גאַנצן פריי, אָבער אויף אַזוי ווייט ווי ער אַנטוויקלט זיינע געט־לעכע כוחות פון פאַרשטאַנד און ווילן, אויף אַזוי ווייט ברייטערט ער אויס די ממשלה פון זיין פרייהייט.

אָט דער פונקט מאַכט קלאָר די וויכטיקע נפקא מינה וואָס געפינט זיך צווישן דעם אַזוי גערופענעם וויסנשאַפטלעכן סאָצי־אַליזם — דעם מאַרקסיזם — און דעם רעליגיעזן סאָציאַליזם. בעת דער מאַרקסיזם האַלט, אַז דער סאָציאַליזם מוז קומען מחמת אַזוי פאָדערן די עקאָנאָמישע געזעצן, וואָס ווירקן אין דער געזעל־שאַפט אומאָפּהענגיק פון דעם מענטשן (לויט דער פילאָזאָפישער שיטה פון מאַרקס — דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם), האַלט דער רעליגיעזער סאָציאַליזם אַז דער סאָציאַליזם דאַרף קומען, ווייל אַזוי פאָדערט דאָס גוטע אין דעם מענטשן. ד״ה, אַז דער באַגריף פון צדק און משפט פון אונדזער צייט, פאָדערט אַז מען זאָל פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם. אַזוי אַרום ווערט דער סאָצי־אַליזם דערהייבן צו דער מדרגה פון גאָטס אַן אימפּעראַטיוו, אַ

באַפעל. בערך דער מאַרקסיזם שטעלט אין צענטער פון מענטש־לעכן פראָגרעס אויסגעטראַכטע אַבסטראַקטע געזעצן, וואָס קאָנ־טראָלירן דעם מענטשנס דענקען און האַנדלען, שטעלט דער רע־ליגיעזער סאָציאַליזם אין צענטער פון מענטשלעכן פראָגרעס דעם געטלעכן כוח אין מענטשן, זיין ווילן און זיין פאַרשטאַנד.

דער דריטער עיקר — די עקזיסטענץ פון דער נשמה און איר אומשטערבלעכקייט — איז אַ פועל יוצא פון די ערשטע צווי עיקרים. אויב מען נעמט אָן, אַז עס איז פאַראַן אַ גאָט און, אַז דער מענטש אַנטהאַלט אַ חלק פון דער געטלעכקייט אין זיך, איז ממילא פון דעם געדרונגען, אַז די געטלעכקייט אין מענטשן איז ניט עפּעס אַזוינס וואָס שטאַרבט אָפּ צוזאַמען מיטן קערפּער. אַזאַ גלויבן גיט דעם מענטשן מער זין אין לעבן בכלל און דע־ריבער וועלן אויך זיינע סאָציאַליסטישע טעטיקייטן האָבן מער זין. יעדע האַנדלונג, סיי אַ גוטע און סיי א שלעכטע, באַקומט דורך דעם אַן אייביקן ווערט, אין דעם זעלביקן פשט ווי אַלע גוטע און שלעכטע טאַטן פון מענטשן. צווייטנס, איז אַזאַ גלויבן מסוגל צו מאַכן דעם מענטשן מער אָפּפערווייליק פאַר זיינע אידעאַלן, איידער ווי ווען ער באַטראַכט דעם לעבן אַלס אַ צייטווייליקע גע־שעעניש, וואָס הייבט זיך אָן פון גאָרניט און ענדיקט זיך אין גאָרניט.

דאָך האַלטן מיר ניט, אַז דער עיקר פון השארת הנפש איז אַ מוז־זאַך. אָט דער פּרינציפּ מוז ניט אַריינגענומען ווערן אין די גרונט־פּרינציפּן פון רעליגיעזן סאָציאַליזם, מחמת עס קאָן געמאָלט זיין (הגם אַביסל שווערלעך) ,אַז איינער זאָל אָננעמען די ער־שטע צווי עיקרים און דעם דריטן עיקר ניט, פונדעסטוועגן דאַרף מען אַזאַ איינעם אַריינגעמען פאַר אַ מיטגליד אין אַ רעליגיעז־סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע. זי וועט אָבער אויסשליסן די יעניקע, וואָס נעמען בלויז אָן דעם ערשטן און דריטן פון די

עיקרים און זיינען ניט מסכים מיט דעם פרינציפּ פון בחירה, ווייל לויט זייער מיינונג נאָך, זיינען אַלע מענטשלעכע מעשים דעטערמינירט פון דער השגחה עליונה, און ווען איינער נעמט אָן אַזאַ סברה מוז ער נויטווענדיקערווייז באַרעכטיקן די איצטיקע עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונגען, אַלס אַ פּועל־יוצא פון גאָטס ווילן, איבער וועלכן דער מענטש האָט קיין שליטה ניט, און דאָס פּאַרט זיך ניט מיטן סאָציאַליזם.

וואָס איז שייך דעם ענין סאָציאַליזם — אויב מיר זיינען ניט מסכים מיט דער מאַרקסיסטישער פילאָזאָפיע — דעם היס־טאָרישן מאַטעריאַליזם — זיינען מיר אָבער על פּי רוב מסכים מיט דעם מאַרקסיסטישן אַנאַליז פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקאָ־נאָמישער אָרדענונג. פאַרן רעליגיעזן סאָציאַליזם איז ניט וויכטיק צי די מאַרקסיסטישע טעאָריע פון ווערט און מערווערט איז אינ־גאַנצן אויסגעהאַלטן צי ניט (ווען דעם איז פאַראַן אַ חילוקי דעות) איין זאַך איז אָבער זיכער לויט אַלע עקאָנאָמישע שיטות נאָך, אַז אָן מענטשלעכער אַרבעט קאָנען קיין רייכטימער אָדער סחורות ניט געשאַפן ווערן.

מיר נעמען אָן די מאַרקסיסטישע באַשרייבונג פון אָט די צוויי הויפּט־קלאַסן — דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, אַלס דעם וועלכער באַזיצט די פּראָדוציר־מיטלען, און דעם אַרבעטער קלאַס אַלס דעם וועלכער באַזיצט בלויז זיין אַרבעטס קראַפט. מיר נע־מען דאָס אָן בלויז אַלס אַ וויסנשאַפטלעכע דעסקריפּציע פון דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, אָבער מיר אַנערקענען ניט דעם עקאָנאָמישן דעטערמיניזם. מיר זיינען מודה, אַז די עקאָנאָמיק שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין געזעלשאַפטלעכן פּראָגרעס, עס זיינען אָבער דאָ נאָך וויכטיקע פאַקטאָרן, וואָס ווירקן צוזאַמען מיט דעם עקאָנאָמישן פאַקטאָר און דאָס זיינען די מענטשלעכע גייסטיקע כוחות, דער אינטעלעקט, דאָס שטרעבן צו דאָס גוטע און דער

געפיל פון יושר. עס איז קיין ספק ניט, אַז דער אַרבעטער קלאַס איז אַן אונטערדריקטער קלאַס, ער איז אָבער ניט דער איין און איינציקער קלאַס, וואָס ליידט פון קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. די פאַרשיידענע אונטערשטע שיכטן פון מיטל קלאַס, וועלכע זיינען באַשעפטיקט אין דער אינדוסטריע, האַנדל און אַגריקולטור, ליידן אויך פון קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. אַט די אַלע גרופּירונגען זיינען מער מסוגל אויפצונעמען דעם סאָציאַליזם ווי די רייכערע טיילן פון דער געזעלשאַפט, ערשטנס דערפאַר ווייל זיי ליידן, צווייטנס, ווייל זיי האָבן ווייניקער וואָס צו פאַרלירן דורך אַן ענדערונג אין דער געזעלשאַפטלעך עקאָנאָמישער סטרוקטור.

פון די רעליגיעזע גרונט הנחות פליסט אַרויס אַ קאַרדינאַלער פּרינציפּ פאַרן פּראַקטישן סאָציאַליזם, נעמלעך: פרייהייט פון וואָרט טאָר ניט אונטערדריקט ווערן. אונטער פרייהייט פון וואָרט מיינען מיר יעדן גייסטיקן אויסדרוק דורך וואָרט אָדער שריפט. חיות קאָנען ניט רעדן, בלויז מענטשן פאַרמאָגן אַט די אייגנשאַפט. דאָס איז דער כוח המחשבה וואָס קומט צום אויסדרוק דורכן וואָרט. די דאָזיקע אייגנשאַפט שטעלט דעם מענטשן העכער פון דער חיה און מיט רעכט קאָן מען אָננעמען, אַז דאָס איז דאָס העכסטע און דאָס טייערסטע וואָס דער מענטש פאַרמאָגט. אָן דעם איז קיין מענטשלעכע שאַפונג בכלל ניט שייך.

דער רעליגיעזער סאָציאַליסט מוז שטיין פעסט אויף דעם דעמאָקראַטישן פּרינציפּ. לויט דעם פּרינציפּ קומט אויס, אַז וואו עס עקזיסטירן דעמאָקראַטישע רעגירונגס פאָרמען, האָט די מאַיאָריטעט אַ רעכט צו צווינגען די מינאָריטעט נאָכצוקומען די תקנות, וואָס די מאַיאָריטעט אַרבעט אויס און פירט איין. אַט־דעם „אחרי רבים להטות" פּרינציפּ נעמען מיר אָן בלויז לגבי מעשים און ניט לגבי גייסטיקן אויסדרוק — פרייע פּרעסע און

פרייע רעדע. מיר קאָנען זיך ניט פאָרשטעלן אַ געזעלשאַפט פון אַ באַדייטענדער צאָל מענטשן, וואָס זאָל קאָנען אויסקומען אָן אַ רעגירונג פון וועלכער עס איז פאָרם. דער מענטשלעכער געדאַנק האָט זיך דערוויַיל ניט דערטראַכט צו קיין אַנדערן פאַר־וואַלטונגס־מעטאָד, וואָס איז פראַקטיש אָנווענדבאַר, ווי די דעמאָ־קראַטישע רעגירונגס פאָרמע. און היות ווי מענטשן זיינען צע־טיילט אין זייערע מיינונגען, איז ניטאָ קיין אַנדער ברירה, וואָס איז שייך מעשים, ד״ה, וואָס מען דאַרף טאָן און וואָס מען טאָר ניט טאָן, ווי לאָזן די מאַיאָריטעט זאָל באַצווינגען די מינאָריטעט, אָבער וואָס איז שייך וואָרט, דאַרף די מינאָריטעט זיין אינגאַנצן פריי צו פריידיקן און צו פאַרשפרייטן אירע מיינונגען. נאָר אויף אַזאַ אופן קאָן געזיכערט ווערן די פאָרטזעצונג פון מענטשלעכן פראָ־גרעס, דיקטאַטור פון רעכט אָדער פון לינקס איז סם המות פאַר דעם עצם מהות מענטש.

די ליבעראַלע אידעאָלאָגן, וואָס האָבן זיך שטאַרק איינ־געשטעלט פאַר דעמאָקראַטיע און קעגן דיקטאַטור, האָבן פאָר־מולירט דעם געדאַנק, אַז וואָס ווייניקער אַ רעגירונג מישט זיך אַריין אין די האַנדלונגען פון דעם יחיד ,איז אַלץ בעסער. דאָס האָט זיך זייער גוט אַריינגעפּאַסט אין די ערשטע יאָרן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, ווען עס זיינען נאָך געווען מעג־לעכקייטן פאַרן יחיד איינצואָרדענען זיין עקאָנאָמישן לעבן לויט זיינע כוחות נאָך. מיט דער אַנטוויקלונג פון גרויס אינדוסטריע, מיט דעם אויפקום פון אַן אויסקריסטאַליזירטן אַרבעטער קלאַס, האָט די רעגירונג זיך געמוזט אַלץ מער און מער אַריינמישן אין די עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן בכדי צו באַשיצן די אינטערעסן פון דעם פאָלק בכלל און דעם אַרבעטער קלאַס בפרט. אונטער דעם סאָציאַליזם וואו די מלוכה וועט זיין דער איינציקער באַלעבאָס איבער די פּראָדוציר־מיטלען, וועט די רעגירונג זיין געצוואונגען

זיך מישן אין די האַנדלונגען פון דעם יחיד, אַ סך מער ווי זי טוט עס אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. אויך וועט די מאַכט פון דער רעגירונג איבער דעם יחיד זיין אַן אַן ערך גרעסער, ווי דער פאַל איז אונטער דעם קאַפּיטאַליזם. באַזונדערס ווערט עס קלאָר, ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דעם וואָס איז פאָרגעקומען אויף דעם געביט אין סאָוויעטן פאַרבאַנד. ווען דער דאָזיקער אַספּעקט פון סאָציאַליזם איז קלאָר געוואָרן פאַר אַ סך סאָציאַליסטן, האָבן פילע פון זיי זיך דערשראָקן פאַר דער געפאַר פון דיקטאַטור, וואָס אַזאַ עקאָנאָמישע אָרדענונג שטעלט מיט זיך פאָר און זיי האָבן זיך צוליב דעם אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון סאָציאַליזם. אַנדערע, ווידער, האָבן ווי עס איז שלום געמאַכט מיט דער דיק־טאַטור, מיינענדיק, אַז דער סאָציאַליזם כשרט די דיקטאַטור. מיר האַלטן, אַז עס איז דאָ א מעגלעכקייט צו לייזן דעם פּראָב־לעם, דורך דעם, וואָס מען וועט גלייך אין אָנהייב פעסטשטעלן דעם פּרינציפּ פון פרייהייט פון וואָרט, אנטקעגן דער געפאַר פון דיקטאַטור, וואָס די סאָציאַליסטישע אָרדענונג טראָגט מיט זיך.

די דאָזיקע מיינונג, אַז מ׳דאַרף לאָזן פריי דאָס מינדלעכע און שריפטלעכע וואָרט, ווערט באַקעמפט אויף דעם גרונט פון פּראַקטישקייט. אַלע זיינען מודה, אַז על פי יושר און אויף דעם סמך פון מענטשלעכער חשיבות, דאַרף דאָס טאַקע הערשן פריי־הייט פון וואָרט, פּרעסע און פאַרזאַמלונג. צי איז דאָס אָבער מעג־לעך פּראַקטיש אָנצוהאַלטן אין לעבן? מען פרעגט ערשטנס, צי איז בכלל מעגלעך דורכצופירן דערפאָלגרייך אַ רעוואָלוציע, ווען מען זאָל באמת אָפּהיטן דעם פּרינציפּ פון פרייען וואָרט, צו דערלויבן יעדן איינעם פריי אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג און דער־נאָך באַשטימען וואָס צו טאָן דורך אַ מאַיאָריטעט, פּאַסט זיך פאַר אַ רואיקער צייט, מיט אַן איינגעשטעלטן סדר וואו מען קאָן זיך דערלויבן דעם לוקסוס פון קריטיק און פאַמעלעכער אַנטוויק־

לונג. אָבער אין דער צייט פון רעוואָלוציע איז דאָס ניט ראַט־זאַם, מחמת אַזאַ פּראָצעס מוז פירן צו קאָמפּראָמיסן צווישן די פאַרשיידענע ריכטונגען.

ווען אַ סאָציאַליסטישע גרופּע וויל פאַרווירקלעכן איר אי־דעאַל מיט איין מאָל, קאָן דאָס געטאָן ווערן בלויז דורך אַ דיקטאַטור, ווי דאָס איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד און האַלט נאָך אָן ביז היינט. צווייטנס, צי איז מעגלעך אין דער פּראַקטיק צו ציען די ליניע צווישן וואָרט און טאַט, ווען אין גאָר אַ סך פאַלן זיינען זיי ענג פאַרבונדן איינס מיט דאָס אַנדערע.

וואָס איז שייך די פראַגן פון ערשטן מין, ווילן מיר צוערשט באַטאָנען, אַז ווען עס זאָל אפילו זיין אמת די מיינונג פון די קעג־נער, אַז דער פּרינציפּ פון פרייהייט פאַרלענגערט דעם וועג צום סאָציאַליסטישן אידעאַל, בלייבט נאָך אַלץ די שאלה, צי מעג מען מקריב זיין אפילו פאַר דעם סאָציאַליזם, מיט דאָס טייערסטע און דאָס שענסטע וואָס דער מענטש פאַרמאָגט — זיין פרייהייט פון גייסטיקן אויסדרוק. מיר האַלטן, אַז מען טאָר אַזאַ קרבן ניט ברענגען אפילו ווען אַט די אויפּאָפּערונג וואָלט געפירט די־רעקט צום סאָציאַליזם, אַפּשיטא שוין ווען דאָס פירט בכלל ניט צום סאָציאַליזם, מחמת סאָציאַליזם אָן דעם פרייהייט פּרינציפּ איז קיין סאָציאַליזם ניט. ווען מען זאָל זיך אפילו פאָרשטעלן, אַז אויף מאָרגן נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע וועט יעדער איינער האָבן זאַט צום עסן און אַלע אַנדערע באַקוועמלעכקייטן, נאָר אָן דער מענטשלעכער חשיבות פון קאָנען פריי אַרויסזאָגן זיין מיי־נונג, וועט עס זיין גייסטיקע שקלאַפעריי, און דאָס איז זיכער ניט דער סאָציאַליסטישער אידעאַל צו וועלכן מיר שטרעבן.

דערויף ענטפערט דער צד שכנגד, אַז די דיקטאַטור איז בלויז אַ צייטווייליקע, שפּעטער, ווען אַלע שטערונגען וועלן אינגאַנצן באַזייטיקט ווערן, וועט מען איינפירן פרייהייט. אַזאַ פאַרזיכע־

רונג קאָנען מיר ניט אָננעמען ,ערשטנס, מחמת די טבע פון דיק־טאַטור אין אַזאַ, וואָס צווינגט זי אָנצוהאַלטן איר עקזיסטענץ, ביז מען פאַרניכטעט זי ניט מיט געוואַלד, דער מענטשלעכער גייסט קאָן אויף לאַנג ניט פארטראָגן אונטערדריקונג. און אויב ער קאָן ניט געפינען קיין אויסדרוק אין דער עפנטלעכקייט, ווי דאָס איז דער פאַל אונטער אַ דיקטאַטור, איז ער געצוואונגען דאָס צו טאָן אונטער דער ערד. די דיקטאַטור ווידער איז כסדר געצוואונ־גען אים צו אונטערדריקן, ממילא גיט דאָס דער דיקטאַטור אַ שטענדיקן טעם פאַרוואָס זי זאָל אָנהאַלטן איר מאַכט.

צווייטנס, לערנט אונדז די געשיכטלעכע דערפאַרונג, אַז די פריווילעגירטע קלאַסן אונטער אַ דיקטאַטאָרישער רעגירונג גיבן ניט אויף זייערע פריווילעגיעס סיידן דורך אַ רעוואָלט פון די אונ־טערדריקטע קלאַסן, דער יצר הרע פאַר מאַכט איז צו שטאַרק אין דעם מענטשן, אַז מיר זאָלן זיך פאַרלאָזן אויף באחרית הימימדיקע פאַרשפּרעכונגען.

פון דעם אַלעם ווערט קלאָר, אַז ניט אַלעמאָל איז דער בעס־טער וועג דער, וואָס פון אויבן אויף זעט אויס צו זיין דער קירצ־סטער. אויב דיקטאַטור און סאָציאַליזם קאָנען ניט גיין צוזאַ־מען, ווייל איינס איז סותר דאָס אַנדערע און מוז פירן צו ווייטער־דיקע רעוואָלוציעס, כדי צוריק צו געווינען די דעמאָקראַטישע פרייהייט, איז שוין אַ סך בעסער לכתחילה צו גיין אויף דעם וועג פון דער דעמאָקראַטיע, דורך קאָמפּראָמיסן מיט די פאַרשיידענע ריכטונגען אין דער געזעלשאַפט, אפילו ווען דאָס זאָל פאַרלענגערן דעם פּראָצעס צום סאָציאַליזם. מיר שטרעבן כסדר צו פאַרווירק־לעכן דעם סאָציאַליזם, מיר טאָרן אָבער ניט צוליב דעם מקריב זיין די גייסטיקע פרייהייט פון דעם מענטשן.

בנוגע דער צווייטער פראַגע, וועגן דער מעגלעכקייט צו ציען אַ ליניע צווישן טאַט און וואָרט, זיינען מיר מודה, אַז ניט אַלע

מאָל איז מעגלעך צו ציען אַ דייטלעכע ליניע צווישן זיי. עס זיינען פאַראַן פאַלן וואו עס איז קלאָר, אַז וואָרט פאַרוואַנדלט זיך אין טאַט. למשל, ווען איינער העצט אויף אַ המון צו באַגיין אַ פאַרברעכן, ווי לינטשן אָדער מאַכן אַ פּאָגראָם וכדומה. מיר קאָנען זיך אָבער פאָרשטעלן פאַלן וואו די סיטואַציע איז אַזוי קאָמפּליצירט, אַז עס וועט זיין שווער צו באַשטימען, וואָס איז טאַט און וואָס איז וואָרט. אין אַזעלכע פאַלן וועלן מיר זיכער מאַכן טעותים. דאָס וועט אָבער געשען אַדאַנק דער מענטשלעכער אומפולקומענהייט. דער מענטש איז באַגרענעצט אין אַלע זיינע כוחות, סיי פיזיש סיי גייסטיק, און דעריבער מוז דער בעסטער מענטש ביים בעסטן ווילן באַגיין פעלערן אויף אַלע געביטן פון זיין טעטיקייט, און הגם מיר זיינען ניט בכוח דורכצופירן אונדזער אידעאַל אין דעם אַבסאָלוטן זין, אַדאַנק אונדזער אומפולקומענהייט, טאָרן מיר זיך אָבער צוליב דעם ניט אָפּזאָגן פון דעם אידעאַל בכלל. עס איז אונדזער חוב אים דורכצופירן לויט אונדזערע כוחות נאָך.

דאָס זיינען די גרונט־הנחות אָדער פּרינציפּן וואָס דאַרפן באַאיינפלוסן און באַלייכטן די טאַקטיק פון אַ רעליגיעז־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ד״ה, אַלע אַרבעטן וואָס אַזאַ באַוועגונג וועט דאַרפן אָנפירן, סיי פּאָליטיש סיי עקאָנאָמיש, כדי צו פאַרווירקלעכן איר רעליגיעז־סאָציאַליסטישן אידעאַל. וואָס איז אָבער שייך טאַקטיק, איז עס בכלל אוממעגלעך פאַראויס גענוי צו פאָרמולירן, אין וואָס די אַרבעט זאָל באַשטיין און ווי אַזוי זי זאָל אָנגעפירט ווערן, מחמת דאָס איז אין גאָר אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק אָן די אומשטענדן אונטער וועלכע די אַרבעט מוז געטאָן ווערן.

למשל, אין די לענדער וואו פּאָליטישע פרייהייט עקזיסטירט וועלן די פאַרשיידענע טעטיקייטן און דער אופן ווי אַזוי זיי וועלן געטאָן ווערן מוזן זיין אַנדערש, ווי אין די לענדער וואו עס הערשט

אַ דיקטאַטור וכדומה. אין יעדער אונטערנעמונג אונטער וועלכע באַדינגונגען עס זאָל ניט אויסקומען צו טאָן די אַרבעט, דאַרף מען כסדר האַלטן אין זינען, די דאָזיקע גרונט־הנחות אויף וועלכע מיר רעכענען צו בויען אונדזער צוקונפטיקע געזעלשאַפט. מען דאַרף אויך האַלטן אין זינען, אַז די דאָזיקע גרונט הנחות זיינען חל ניט נאָר דעמאָלט ווען מען וועט איינפירן דעם סאָציאַליסטישן לעבנס שטייגער. זיי זיינען אויך אַ פליכט אין אונדזער טאָג טעגלעכער סאָציאַליסטישער אַרבעט. אַזוי אַרום לאָזן זיך פאָר־מולירן עטלעכע אַלגעמיינע כללים, וואָס דאַרפן אָנגעווענדט ווערן אין דער רעליגיעז סאָציאַליסטישער טאַקטיק.

דער ערשטער כלל, וואָס פליסט אַרויס פון דעם פרינציפ — פרייהייט פון וואָרט — איז טאָלעראַנץ. אויב מען נעמט אָן, אַז דאָס וואָרט אָדער דער כוח המחשבה איז דאָס גאָר־וויכטיקסטע אין דעם מענטשן ,און דערפאַר דאַרף דאָס וואָרט זיין אַלע מאָל פריי, איז שוין ממילא דערפון געדרונגען, אַז מען דאַרף זיך באַ־ציען מיט אַכטונג צו דעם אַנדערנס מיינונג. אַ רעליגיעז־סאָציאַליסטישע באַוועגונג וועט דעריבער דאַרפן דערלויבן מיינונגס פאַרשיידנהייטן אין אירע אייגענע רייען און וועט זיך דאַרפן באַ־ציען מיט טאָלעראַנץ צו די מיינונגען פון אַנדערע ריכטונגען.

נאָך אַ וויכטיקער כלל, וואָס פליסט אַרויס פון דעם זעלביקן פרינציפ, איז די פרידלעכע מעטאָדע פון לייזן סאָציאַלע פראָבלע־מען. חיות האָבן ניט קיין אַנדער ברירה, ווען עס קומט צו לייזן זייערע קאָנפליקטן, ווי נאָר דורך פיזישן געוואַלט. דער שטאַרקערער פאַרניכטעט בפועל ממש דעם שוואַכערן. מענטשן האָבן אַן אַנדער ברירה, זיי לייזן זייערע קאָנפליקטן אויף אַ פריד־לעכן אופן. אַט טאַקע דערפאַר ווייל זיי פאַרמאָגן דעם דאָזיקן חלק אלוה ממעל, האָבן זיי אין משך פון זייער אַנטוויקלונג אויפגעע־טאָן גאָר אַ סך אויף דעם געביט פון אויסגלייכן סיכסוכים

צווישן מענטשן אינערהאַלב גרעסערע גרופּירונגען. זיי האָבן געשאַפן אַ דיסציפּלין, ווי יוריספּרודענץ, פּשרה וכדומה. בנוגע די צוויסטיקייטן, וועלכע ברעכן אויס צווישן גרעסערע גרופּן, ווי פעלקער און קלאַסן, זיינען מיר דערווייל נאָך אַזוי ווייט ניט דערגאַנגען. מיר האָבן זיך נאָך ניט אויסגעלערנט ווי אַזוי אויסצוקומען אָן מלחמה צווישן פעלקער און אָן פיזישער געוואַלט צווישן קלאַסן. עס איז אָבער קלאָר, אַז עס איז אונדזער חוב אויסצומיידן חיהשע געוואַלט מעטאָדן ווען און אויף אַזויפיל ווי נאָר מעגלעך. לכן קאָנען מיר עס פאָרמולירן אַלס אַ כלל, — אַז אַ רעליגיעז סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז מחויב זיך צו באַנוצן מיט פרידלעכע מעטאָדן ווען נאָר מעגלעך, אויף אַלע געביטן פון איר טעטיקייט, סיי אין אירע אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן, סיי אין איר קאַמף מיטן אויסערלעכן שונא.

למשל, אין אַ לאַנד ווי די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו עס איז פאַראַן פּאָליטישע פרייהייט, איז אַ רעליגיעז-סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מחויב אויסצונוצן דעם פּאָליטישן מיטל און פּרובירן איינפירן דעם סאָציאַליזם אויף אַ פרידלעכן אופן, דורך דער שטימקאַסטן, דאָס הייסט אָבער ניט, אַז די רעליגיעז-סאָציאַליסטישע פּאַרטיי דאַרף זיך פאַרלאָזן בלויז אויף דעם פּאָליטישן מעטאָד. זי מעג און דאַרף זיך באַנוצן אויך מיט אַנדערע מעטאָדן, — ווי, למשל, אַל־געמיינע דערציאונג, יוניאָנס אאַז״וו. אין אַזעלכע לענדער וואו עס הערשט אַ דיקטאַטור, איז קיין אַנדער אויסוועג ניטאָ ווי אַנצופירן אונטערערדישע אַרבעט און זיך באַנוצן מיט געוואַלט-מיטלען ווען עס איז לית ברירה.

דער פּרינציפּ פון גייסטיקער פרייהייט איז חל ניט נאָר אויף דעם יחיד, נאָר אויך אויף דער נאַציאָנאַלער גרופּע. מיר האַלטן אַז די נאַציאָנאַלע גרופּע האָט די זעלביקע עקזיסטענץ באַרעכטיקונג ווי דער יחיד. אויף דעם סמך פון דעם דאָזיקן פּרינציפּ,

דאַרף אין פּראָגראַם פון אַ רעליגיעז־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אַריינגיין דער פּונקט: פרייהייט פון וואָרט פאַר יעדער נאַציאָנאַלער גרופּע, דאָס הייסט, אַז אין יענע שטאַטן וואו עס געפינען זיך פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע גרופּן, דאַרף יעדע נאַציאָנאַלע גרופּע אַלס אַזעלכע, האָבן פרייהייט פון וואָרט. אגב ווילן מיר דאָ באַטאָנען, אַז דער כלל פון נאַציאָנאַלער פרייהייט פּאַסט זיך אַסך בעסער מיט רעליגיעזן סאָציאַליזם, איידער מיט דעם מאַטעריאַליסטישן סאָציאַליזם, אַ פּשיטא שוין דער יידישער נאַציאָנאַליזם, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַזויפיל רעליגיעזע מאָטיוון.

צום סוף ווען מיר אָנגעבן דעם טעם פאַרוואָס מיר רופן אָן אָט די פּראָיעקט־פּראָגראַם „טעזיסן פאַר אַ רעליגיעזן סאָציאַליזם" און ניט „עטישער סאָציאַליזם", אָדער „רעליגיעז־עטישער סאָציאַליזם". מחמת די עטיק גופא נייטיקט זיך אין אַ באַגרינדונג. עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע שיטות אין דער עטיק, ווי די הומאַניסטישע, וואָס געפינט דעם מקור פון דער עטיק בלויז אין דעם מענטשן. ווידער אַזעלכע, וואָס באַגרינדן די עטיק אויף ריין מאַטעריעלע יסודות. פאַר דעם רעליגיעז־געשטימטן מענטשן זיינען די דאָזיקע שיטות ניט אָננעמבאַר. עס איז ניט גענוג צו זאָגן אַן עטישער סאָציאַליזם, ווייל מען דאַרף פריער וויסן וועגן וואָס פאַר אַן עטיק דאָ האַנדלט זיך.

V

פרינציפּן־דערקלערונג פון דער
יידישער רעליגיעז־עטישער
געזעלשאַפט

די דעקלאַראַציע איז אַ פּרואוו איבערצוגעבן אין קורצן דעם מחברס פּאַרשטײַן פון דער ייִדישקייט־פּראָבלעם אין אַ פאָרם, וועלכע זאָל קענען דינען פאַר אָרגאַניזאַציאָנעלע צוועקן. אַ דאַנק קומט מײַן פרײַנט **אבא גאָרדין** פאַר דער סטיליזירונג פון דער דעקלאַראַציע.

י. ב.

פרינציפּן־דערקלערונג פון דער יידישער רעליגיעז־עטישער געזעלשאַפט

די יידישע געשיכטע ווייזט אונדז באַשיינפּערלעך, אַז דער הויפּט־בייטראַג פון יידישן פאָלק צום אוצר פון דער וועלט־קולטור איז געמאַכט געוואָרן אויף דעם געביט פון רעליגיעזן דענקען, פילן און טרוימען. די אייגנאַרטיקייט פון אָט דעם יידישן אויפטו לאָזט זיך באַצייכענען אַלס עטישער פּראַפעטיזם, וועלכער באַשטייט הויפּטזעכלעך פון איין גרונט־פּרינציפּ און צוויי ביי־פּרינציפּן:

די איינהייט און איינציקייט פון וועלט־באַשעפער און פירער (אחדות און יחוד הבורא) אויפגעפאַסט אין עטישע קאַטעגאָריעס.

פון דעם פאָלגט: 1) אַז דער עטישער אויפפיר איז דער וועלכער קען דערנענטערן דעם מענטשן צו דעם באַשעפער אַלס דעם מקור פון מאָראַל; 2) דער אָפּטימיסטישער בליק אויפן לעבן, וואָס מיינט צו זאָגן, אַז יושר און צדק וועלן סוף כל סוף געווינען די אויבערהאַנט סיי אין דעם לעבן פון יחיד, סיי אין דער צוזאַמענוואוינונג פון דער געזעלשאַפט, און סיי אין דער פירונג פון קאָסמאָס; מיט אַנדערע ווערטער, אַז אַ גאולה שלמה וועט קומען פאַר דער מענטשהייט, פאַר אַלע באַשעפענישן און פאַרן גאַנצן באַשאַף און באַשטאַנד.

אין משך פון דער צייט האָט די יידישע אידעאָלאָגיע, פונקט אַזוי ווי יעדער פּראָדוקט פון ציוויליזאַציע און געוויקס פון קול־טור, דורכגעמאַכט אַ לאַנגן פּראָצעס פון אַנטוויקלונג. פילע ענ־דערונגען זיינען געמאַכט געוואָרן סיי אין דעם באַנעם און אויס־טייטש פון די רעליגיעזע עיקרים און סיי אין די דינים און מנהגים אין וועלכע דער יידישער לעבנס־שטייגער האָט זיך אָפּגעפורעמט. אָבער יידישקייט אַלס אַגאַנצער בנין איז פאַרבליבן — אומגע־אַכט אַלע שינויים און בדק־הבית אַרבעט — די גאַנצע צייט פעסט אויפגעריכט אויף די אויבן־אָנגעדייטע פּרינציפּן.

אין פאַרלויף פון לאַנגן יידישן דיאַספּאָראַ־לעבן האָבן אַ סך איינצלנע יידן פאַרלאָזן דעם יידישן לאַגער, אַנטלאָפן ווי דעזער־טירן פון יידישקייט־פראָנט. זיי האָבן עס געטאָן ענטוועדער מחמת דעם וואָס זיי זיינען געווען צו שוואַך צו טראָגן, מיט מוטיקער אַנטשלאָסנקייט און יידישער עקשנות, די שווערע לאַסט פון ביטערן גלות, צו־ווילנסאַרעם בייצושטיין די ניסיונות פאַר וועל־כע די פאַרפאָלגונגען און רדיפות, גזירות און גירושים האָבן זיי געשטעלט, אָדער דערפאַר ווייל זיי זיינען פאַרבלענדט געוואָרן פון גלאַנץ פון די אַרומיקע ניט־יידישע קולטורן, מיט וועלכע זיי זיינען געקומען אין קאָנטאַקט, און געפאַנגען געוואָרן פון די הייך־קוואַליפיצירטע גייסטיקע ,אינטעלעקטועלע, עסטעטישע און עטישע, ווערטן, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן פון די פעלקער צווישן וועל־כע זיי איז אויסגעקומען צו וואוינען אַ לענגערע צייט. פאַרטיי־דיקט די יידישע קולטורעלע פעסטונגען מיט אומגעוויינלעכן הע־ראָאיזם, באַשיצט די יידישע אייגנאַרטיקייטן מיט גרויס מוט און גבורה, געפלעגט און געהיט די יידישע טייערקייטן און אוצרות מיט ליבע און קדושה, מיט איין וואָרט, פאַרבליבן אין מחנה ישראל ווי געטרייע זין און לאַיאַלע וואַכזאַמע שומרים זיין בלויז די יעניקע טיילן פון יידנשאַפט וועלכע זיינען געווען איבערגעגעבן

מיט לייב און זעל צו דער לעבעדיק־פולסירנדיקער, מיט בלוט פון קידוש־השם אנגעזאפטער און מיט טרערן פון תפילות אנגע־טרונקענער, יידיש־רעליגיעזער טראַדיציע.

דער קיום פון יידישן פאָלק איז אַזוי באַהעפט, אָרגאַניש צונויפגעוואָקסן מיט דעם יידישן גלויבן, אַז עס איז אוממעגלעך אָפּצורייסן איינעם פון דעם צווייטן. די יידישע ביז־אַהעריקע גע־שיכטע, אָט די מגילה פון צער און צרות, זאָגט עדות מיטן פולן מויל, אַרטיקולירטערהייט, אַז די עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק איז אומדענקבאַר אָן דעם כמעט אומבאַגרייפלעכן ביטחון וועל־כער האָט גענערט דעם יידישן רעליגיעז־עטישן וועלט־באַנעם און וועלכער האָט זיך געלאָזט פילן אויף יעדן טריט און שריט אין גאַנצן לעבנס־איינשטעל. און אָט דער רעיון מכוח דער אומאויפ־לייזבאַרער פאַרקניפּונג פון יידנשאַפט מיט יידישקייט איז געווען אָנערקענט פון אַלע יידישע דענקער און געווען פאַררעכנט כמעט פון אַלעמען פאַר אַן אַקסיאָמע.

אָבער זינט דער עמאַנציפּאַציע און דער אויפקלערונג־עפּאָכע האָט זיך די סיטואַציע געענדערט, עס האָבן זיך באַוויזן אין דער יידישער געדאַנקען־וועלט נייע ווענדונגען. צוערשט איז געקומען דער רעפאָרם־יידנטום, וועלכער האָט געמיינט, אַז עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט אויפצוהאַלטן די יידישע רעליגיע אין איר ריינער אינטעגריטעט און זיך אָפּזאָגן, צו דער זעלבער צייט, פון קיום פון יידנשאַפט אַלס אַן אומה. ער האָט באַטראַכט די יידן בלויז אַלס אַ רעליגיעזע סעקטע וועלכע דאַרף אַריינגיין אַלס אַ באַ־שטאַנדטייל אין דעם שטאַט־פאָלק צווישן וועלכן די יידן וואוי־נען און זיינען גלייכבאַרעכטיקט.

די דערפאַרונג האָט אויפגעדעקט דעם פאַטאַלן טעות פון דעם רעפאָרם־יידנטום. נאַציאָנאַלע אַסימילאַציע האָט געמוזט לאָגישערווייז פירן סוף כל סוף אויך צו רעליגיעזער אַסימילאַציע,

וועלכע האָט אין פילע פאַלן אָנגענומען די פאָרם פון שמד עפּידעמיעס, דאָס הייסט פרייוויליקע זעלבסט־פאַרטיידיקונג פּראַקטיצירט פון יחידים און גאַנצע משפחות. און אפילו די דאָזיקע רעפאָרמירטע יאַהודים, וועלכע קלאַמערן זיך פאַרצווייפלט אָן דער רעליגיעזער ידישער טראַדיציע זיינען אויך קנאַפּע יידן, זיי זיינען פאַרטריקנטע צוויגן אויפן יידישן לעבנסבוים. זיי זיינען, אמת, נאָך אַלץ אויפן בוים, ניט אָפּגעריסן פון שטאַם, אָבער קיין זאַפט און חיות פון בוימס וואָרצלען ציען זיי ניט. דורך זייער פאַרלייקענען דעם יידיש־נאַציאָנאַלן שיקזאַל און זייער אָפּוואַרפן די דערלייזונג־דערוואַרטונגען פון יידישן פאָלק, איז זייער יידישקייט אַזוי פאַרוואַסערט געוואָרן, אַז צווישן דער יידישער אמונה, ווי זי וועט אויפגעפאַסט פון די רעפאָרמער, און דער קריסטלעך־קאַטוילישער אָדער פּראָטעסטאַנטישער רעליגיע, ווי זי ווערט פאַרשטאַנען פון ליבעראַלע אויפגעקלערטע קריסטן, איז כמעט ניטאָ קיין נפקא־מינה.

אַזאַ מין רעפאָרמיזם איז פאַר אונדז לחלוטין ניט אָננעמבאַר.

דערנאָך האָבן זיך באַוויזן אויף דער יידישער גאַס נאַציאָנאַל־וועלטלעכע לערעס און באַוועגונגען פון פאַרשידענע מינים, העברייאיש־ציוניסטישע און סאָציאַליסטיש־גלותיסטישע אָדער טעריטאָריאַליסטיש־יידישיסטישע ריכטונגען. בשעת די רעפאָרמאַטאָרן האָבן געוואָלט אויפהאַלטן די יידישע רעליגיע און פאַרלירן דערביי דאָס יידישע פאָלק, האָבן אָט די „סעקולאַריסטן" געוואָלט, פאַרקערט, פאַרלירן די יידישע אמונה און אויפהאַלטן די יידישע אומה. דער צד השווה פון רעפאָרמיזם און סעקולאַריזם באַשטייט אין דער צעטיילונג־אָפּעראַציע, וועלכע ביידע האָבן געוואָלט דורכפירן. דער צד־השווה אָבער פון אָט די אַלע וועלטלעכע שטרעמונגען באַשטייט אין דעם וואָס זיי פאַרוואַרפן די יידישע אמונה אַלס אַן אומבאַדינגטן תנאי פאַר דער וויטערדיקער

עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק. זיי האַלטן אַז רעליגיע בכלל איז אַ פריוואַטע זאַך פאַר יעדן יידישן יחיד צו אַנטשיידן. דער יידישער ציבור אַלס אַ גאַנצער האָט מיט דעם ענין יידישע רעליגיע גאָר קיין שייכות ניט. זיי גיבן צו אַז עס איז טאַקע אמת דאָס ביז איצט האָט די יידישע אמונה געדינט אַלס יסוד פאַרן יידישן קיום. אָבער וואָס איז שייך דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון יידנשאַפט, זיינען זיי איבערצייגט, אַז די עיקרים פון יידישקייט דאַרפן פאַרביטן ווערן מיט וועלטלעך־וויסנשאַפט־לעכע טעזיסן. טייל פון זיי מיינען, למשל, אַז מיט לשון אַליין, יידיש אָדער העברייאיש, קאָנען מיר אויסקומען, זיי גלויבן אַז אונדזער שפּראַך באזיצט גענונג זאַפט און האַפט, אַז זי זאָל זיין אימשטאַנד צו נערן די יידישע פאָלקס־נשמה און פאַרזיכערן די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון דער יידישער קערפּערשאַפט אַלס אַ נאַציאָן.

די דאָזיקע וועלטלעכע שיטות באַהויפּטן, אַז דאָס יידישע פאָלק קאָן מיט דערפאָלג נאָכטאָן די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען פון אַנדערע פעלקער־מינאָריטעטן, און אויף אַזאַ שטייגער באַוואָרענען זיין קיום און אפילו געדייאונג. זייער לאָזונג איז די פאַרצייטיקע פאָרמולע „נהיה ככל הגוים" וועגן וועלכער דער נביא יחזקאל האָט געזאָגט: „היו לא תהיה" (יחזקאל, כ׳, ל״ב).

מיר גייען זיך לחלוטין פונאַנדער מיט די דאָזיקע ריכטונגען. מיר זיינען טיף איבערצייגט, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט בכוח זיין צו פלעכטן ווייטער די גאָלדענע רינגען פון זיין עקזיסטענץ־קייט און דערלעבן צו דער ליכטיקער צוקונפט, וועלכע ער דערוואַרט און נאָך וועלכער ער גאַרט, בלויז אונטער איין באַדינג, און דאָס איז, אויב ער וועט ווייטער ציען אָן איבערברוך דעם המשך פון דער יידיש־רעליגיעזער טראַדיציע.

אונטער יידישער טראַדיציע פאַרשטייען מיר דעם סכום פון אידעאָלאָגישע באַגריפן און פּראַקטישע הנהגות וועלכע זיינען איבערגעגאַנגען אין יידישן פאָלק פון דור צו דור אין משך פון דער יידישער געשיכטע, און דורך וועלכער דער יידישער זשעני האָט געגעבן אויסדרוק צו זיין אייגנאַרטיקן שעפערישן כאַראַקטער.

אַ פאָלק, ווען עס פאַרמאָגט אַ שטאַרקן אומגעבראָכענעם ווילן צום לעבן און געדייען, איז כמעט אַן אָרגאַניש וועזן, וואָס האַלט כסדר אין אַנטוויקלען זיך. עס קען אָבער ניט און טאָר בשום אופן ניט, אויב עס וויל ניט באַגיין זעלבסטמאָרד, איבעררייסן מיט אַמאָל די קייט פון טראַדיציע, ווייל אָן טראַדיציע קאָן קיין פאָלק ניט עטאַבלירן זיין אידענטיטעט און אויפהאַלטן זיין אינטעגריטעט.

מיר ווילן אָבער גלייך דאָ אויפן אָרט קלאָר מאַכן אונדזער שטעלונג צו די צוועקן, וועלכע עס פאַרפאָלגן די דאָזיקע וועלטלעכע באַוועגונגען. צוזאַמען מיט זיי פלייסן מיר זיך צו אַנטוויקלען אונדזערעביידע שפּראַכן, יידיש און העברייאיש. ווייטער, דער אויפבוי פון ארץ־ישראל איז אונדזער גליענדיקער טרוים, ברענענדיקער פאַרלאַנג און לייטנדיקער שטערן אויפן האָריזאָנט פון דער יידישער האָפענונג וואָס הייסט משיחיות.

דער אַלגעמיין־מענטשלעכער אידעאַל פון אויפריכטן די געזעלשאַפט אויף מער ראַציאָנאַלע און מער עטישע יסודות, וואָס גייט געוויינלעך אונטער דעם אַנגענומענעם נאָמען סאָציאַליזם אין דעם ברייטסטן טייטש פון וואָרט, איז אונדז נאָענט און זייער טייער און מיר זיינען גרייט צו טאָן אַלץ וואָס איז אין אונדזער רשות און אין אונדזערע כחות צו העלפן אין אָט דער הייליקער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט.

יידישע קאָלאָניזאַציע חוץ פון ארץ ישראל, ווי בכלל די פּראָדוקטיוויזאַציע פון די יידישע פאָלקסמאַסן האַלטן מיר פאַר

זייער ווינטשנסווערט און מיר וועלן ניט שפּאָרן קיינע אָנשטרענגונגען כדי צו העלפן דורכפירן די דאָזיקע וויכטיקע אויפגאַבן. מיר זיינען אָבער אין אויסגעשפּראָכענער אָפּאָזיציע צו דעם וועלטלעכן אָדער אַרעליגיעזן כאַראַקטער פון די דאָזיקע צוועקן אין פאַרבינדונג מיטן וויטערדיקן קיום האומה. מיר זיינען מסכים, אַז די דאָזיקע צילן זיינען לעבנס־וויכטיק פאַר דער יידנשאַפט. זיי דאַרפן אָבער, לויט אונדזער באַנעם, באַהויכט ווערן פון דעם וואַרעמען אָטעם פון יידיש רעליגיעזער התלהבות און באַטויט ווערן פון דער אייביק־פרישער יידיש־רעליגיעזער טראַדיציע.

מיר האָבן ביז אַהער גערעדט וועגן די רעפאָרמער און די וועלטלעכע שיטות אין יידישן לעבן, איצט וועלן מיר זיך ווענדן מיט אַ פּאָר ווערטער צו דער אָרטאָדאָקסיע.

די אָרטאָדאָקסישע יידן האַלטן זיך שטייף און שטרענג פאַר דער יידישער טראַדיציע און זיי פאַרמאָגן טאַקע, מהאי טעמא, פּאָטענציעל די כוחות וועלכע זיינען באַרופן צו וועבן וויטער, מיט מסירת נפש, דעם פאָדעם פון יידישן היסטאָרישן המשך. די צרה איז אָבער, וואָס די דאָזיקע פּאָטענציאַליטעטן זייערע קענען ניט אַרויס מכוח אל הפועל, קענען ניט ווערן אַקטואַליטעטן און שולדיק אין דעם איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי דער פאַרגליווערטער קאָנסערוואַטיזם, פון וועלכן די יידישע „פונדאַמענטאַליסטן" פאַלן אַ קרבן . . . דער הויפּט פעלער און טעות פון די אָרטאָדאָקסישע יידן באַשטייט אין דעם, וואָס זיי לייגן דעם הויפּט געוויכט אויף דעם יידישן לעבנס־שטייגער, וועלכער איז טאַקע אַמאָל געווען שטאַרק איינגעפונדעוועט אָבער וועלכער איז היינט־צו־טאָג היפּש צעוואַקלט אפילו ביי די שולחן־ערוך־יידן אַליין, און פאַרנאַכלעסיקן די באַאַרבעטונג און פאַרטיפונג פון די פּרינציפּן פון דער יידישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע. זיי פאַרמאָגן ניט קיין דרייסט פאָרטצוזעצן אומדערשראָקן די פאָרשונג פון יידישער חכמה, פון

יידישקייט, ווי דאָס איז אַזוי דערפּאָלגרייך און פּרוכטבאַר געטאָן געוואָרן אין דער צייט פון תלמוד און מדרשים און אויך אין מיטל־אַלטער.

די גרויסע אויפטואונגען וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן אין די לעצטע פּאָר הונדערט יאָר אויף דעם געביט פון דער וויסנ־שאַפט און טעכניק, האָבן געבראַכט מיט זיך אַ צאָל אידייען, וועלכע שטימען ניט אין געוויסע פּרטים מיט די אָנגענומענע אָבער פאַרעלטערטע און שוין אָפּגעלעבטע טעאָלאָגישע באַגריפן וועגן באַשאַף, אַנטפּלעקונג וכדומה.

ווי האָט די יידישע אָרטאָדאָקסיע רעאַגירט אויף דעם אויפ־קום פון אָט די נייע השגות? אָנשטאָט צו רעווידירן די אייגענע אויפפאַסונגען אין ליכט פון די נייע אַנטדעקונגען און דערביי זוכן און געפינען אַ וועג ווי אַזוי צו אַדאַפּטירן דעם טייל פון די נייע אידייען וועלכער איז סאָליד, גוט באַגרינדעט און לאָזט זיך ניט אָפּפרעגן, און, בשעת־מעשה, איינהאַלטן דעם תמצית פון דעם יידישקייט־באַנעם, אָנשטאָט דאָס צו טאָן, האָבן זיי געשפּילט אין שטרויסן־פּאָליטיק, זיי האָבן זיך אַרומגערינגלט מיט די אַלטע שוין איינגעבויגענע און ערטערווייז דורכגעבראָכענע סייגים און גדרים פון יידישן לעבנס־שטייגער, זיי האָבן צוגעמאַכט די אויגן און פאַרשטאָפּט די אויערן כדי ניט צו הערן און ניט צו זען וואָס עס קומט פאָר אַרום זיי און אין זייער נאַאיוויטעט האָבן זיי געמיינט, אַז אויף אַזאַ אופן וועט זיך זיי איינגעבן איינ־צוהאַלטן אומבאַשעדיקט די יידישע רעליגיעזע פּאָזיציעס און אָפּשלאָגן די אַטאַקעס וועלכע ווערן געמאַכט אויף זיי פון דער אויסערלעכער אידייען־וועלט, טאָג איין טאָג אויס, פון יעדער זייט און יעדן ווינקל. צוליב אָט דער שעדלעכער טאַקטיק — וועל־כע געפינט זיך, אגב, אין קעגנזאַץ צו דעם גאַנצן עוואָלוציאָנערן גאַנג פון יידישקייט — איז דער יידישער לעבנס־שטייגער

פאַרשטיינערט געוואָרן אין אַ רוטין מעכאַנישן ריטואַל און די
לעבעדיקע, זיך שטענדיק צופּאַסנדיקע צו דער אידייען־סביבה,
פּרינציפּן פון ייִדישקייט זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טויטע,
מומיפיצירטע דאָגמעס.

מיר גייען מיט דעם היסטאָרישן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון
ייִדישקייט. מיר אַנערקענען אַז דער עוואָלוציע־געזעץ און פּראָ־
צעס איז חל אויך אויף דער ייִדישער טראַדיציע. בכדי ייִדיש־
קייט זאָל זיין וואָס זי איז עד־היום געווען, אַ דינאַמישער
פאַקטאָר, אַ סם־חיים אין ייִדישן לעבן, מוז זי זיך כסדר צו־
פּאַסן צו די געענדערטע אומשטענדן, אונטער וועלכע דער ייִדי־
שער געמיינזאַמקייט קומט אויס צו לעבן, דענקען און זיך אויפ־
פירן. מיר טאָרן זיך ניט פאַרמויערן אין די פיר ווענט פון אַ
גייסטיקער געטאָ, און זיך ניט ווייסנדיק מאכן פון דעם וואָס עס
קומט פאָר אין דער אַרומיקער ייִדישער אָדער ניט־ייִדישער סעקו־
לאַרער קולטור־ספערע. אונדזער באַציאונג צו די וועלטלעכע,
ווערטפולע שאַפונגען פון אונדזערע אייגענע אָדער ניט אייגענע
דענקער, פאָרשער אָדער אַנטדעקער, דאַרף זיין אַ פּאָזיטיווע.
מיר דאַרפן זיי גרינטלעך אונטערזוכן און, אויף ווי ווייט מעגלעך,
זיך באַמיען זיי צו איינקאָרפּאָרירן אין דעם ייִדישן וועלט באַנעם.

מיר ווילן אָבער אונטערשטרייכן, אַז ווען מיר באַרייכערן
דעם ייִדישן געדאַנקען־שאַץ און לופטערן אַדורך דעם שאַצקאַמער
פון דער ייִדישער מחשבה ווי אויך פון דער ייִדישער הנהגה,
ד״ה, פירן איין ענדערונגען־פאַרבעסערונגען אין דעם ייִדיש־
טראַדיציאָנעלן שטייגער, זיינען מיר דערביי אין העכסטן גראַד
פאָרזיכטיק. מיט אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט טאָר מען
זיך ניט איילן. מע טאָר זיך ניט נאָכיאָגן הענדום פענדום נאָך
„דאָס מאָדערנע״, ווייל דאָס צייטיקע איז אָפט בלויז דאָס צייט־
ווייליקע, און דאָס ניי־אויפגעקומענע איז ניט אַלעמאָל אַ דבר

של קיימא. ניט אַלעמאָל באַזיצט עס שטאַנדהאַפטיקייט און דויערהאַפטיקייט. די מאָרטאַליטעט צווישן די גייסט־קינדער, ווי צווישן די לייב־קינדער, איז זייער גרויס. עס נעמט צייט אײדער נייע באַגריפן און פירעכצן רעכטפערטיקן זיך אויף אַזויפיל, אַז זיי זאָלן כשר פאַרדינען דאָס רעכט צו ווערן פולשטענדיקע בירגער אין דער רעפּובליק פון געדאַנק, און ווערן אַן אינטעגראַלער טייל פון לעבנס־אויפפיר.

ווען דער ענדערונגס־פּראָצעס קומט פאָר גראַדועל און לאַנג־זאַם, דעמאָלט ווערט דאָס נייע אַריינגעוועבט אין דאָס אַלטע אָן גרויסע שטערונגען און אָן צופיל שוועריקייטן. ווען אָבער די שינויים ווערן געמאַכט אָן איינזעעניש און אין איבעראײלעניש, בחיפּזונדיק, שטערן זיי דעם נאָרמאַלן גאַנג פון געזונטן צוואוקס, און אָנשטאָט אַנטוויקלונג קענען זיי גאָר פאַראורזאַכן אַן אויס־געבורט, אָנשטאָט צו פירן צו רעגענעראַציע, ברענגען זיי גאָר צו דעגענעראַציע, צו אַ פונאַנדערפאַל.

ווייטער, מען דאַרף זיך שטרענג אָפּהיטן פון אַריינפירן אַזעלכע ענדערונגען, וועלכע וואָלטן גורם געווען אַן איבעררייס מיט דעם המשך פון דער ייִדישער פאַרגאַנגענהייט. די נייע תיקונים וועלכע מען דאַרף איינפירן, מוזן זיך געפינען אינערהאַלב די גרענעצן פון דער היסטאָרישער ייִדישער אייגנאַרטיקייט. זיי טאָרן ניט פאַרטונקעלן די ייִדישע אָריגינאַליטעט, פאַרטעמפּן דעם ייִדישן שעפערישן גייסט, קוים טוען זיי עס ווערן זיי אַ געפאַר פאַר דעם ווייטערדיקן ייִדישן קיום דורך דעם וואָס זיי אומגע־שטאַלטן דעם ייִדישן פּרצוף און שעדיקן די אידענטיטעט פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכער געמיינזאַמקייט.

איבערזאָגנדיק אין קורצן: מיר זיינען קעגן דער אָרטאָ־דאָקסיע, וועלכע אַנערקענט ניט דעם פּרינציפּ פון עוואָלוציע אין ייִדישן רעליגיעזן לעבן און שטרעבן.

מיר זיינען קעגן דעם רעפאָרם־יידנטום, ניט מחמת דעם, וואָס ער האָט איינגעפירט רעפאָרמען, נאָר מחמת דעם, וואָס ער האָט איינגעפירט אַסימילאַטאָרישע רעפאָרמען מיט דער כוונה צו מאַכן אַ סוף צו דער יידישער געמיינזאַמקייט אַלס אַ זעלבסט־באַוואוסטזיניק רעליגיעז פאָלק, אַ „גוי קדוש".

מיר זיינען קעגן די ריין וועלטלעכע שטרעמונגען אויף דער יידישער גאַס מחמת זיי פאַרוואַרפן די יידישע רעליגיעזע מסורה וועלכע איז אידענטיש מיט אונדזער קולטור־טראַדיציע.

מיר אין אונדזער איבערגאַנגסצייט, ווי די שעפער פון תלמוד, די פרושים, אין זייער קריטישער צייט, זיינען פאַר אַן עוואָלוציאָנערער יידישקייט, אַ יידישקייט וועלכע אַנטוויקלט זיך, וואַקסט, פאַסט זיך צו צו נייע אומשטענדן און האַלט זיך כסדר אין באַנייען און באַיינגערן, און אויף אַזאַ אופן פאַרזיכערט זי איר אייביקייט ווי אויך די אייביקייט פון יידנשאַפט.

דער געזונטער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון יידישקייט וועט, לויט אונדזער באַנעם, זיין אַ פועל יוצא ניט פון אָפּקום פון רעליגיעזן געפיל, ניט פון אָפּשוואַך פון גלויבן, ניט פון אָפּפלוס פון רעליגיעזער ענערגיע און ניט פון אויסלעש פון פּראָפעטישער וויזיע, נאָר פונקט פאַרקערט, די עוואָלוציע פון יידישקייט דאַרף און וועט זיין אַ רעזולטאַט פון אויפקום פון רעליגיעזן טיפערן און קלערערן באַוואוסטזיין, פון אויפשטייג און אויפברויז פון גלויבנס־געפיל, פון צופלוס פון אמונה כוחות, און אויפפלאַקער פון נביאישן ענטוזיאַזם, דבֿקות און התלהבות.

דער וואָס וויל באַקומען דעם ספר „וואָס איז
אַזוינס אידישקייט?״ זאָל זיין אַזוי גוט און
צושיקן זיין אַדרעס צום מחבר, וועט ער
עס באַקומען בחינם.

דעם מחברס אַדרעס:

J. BOBINSKY
1329 Komensky st.
Chicago, Ill.